עדות אב ובנו. וע״כ דבזה אין להסתפק כלל דמכיון דכ־תבה תורה דאין בעדות כזו שום ממשות א״כ איך יכולים לקבל עדות כזו ובה לא יצילו את הנידון מכיון שאין בע־דות זו ממש וממילא לפי״ז איך יכולים אב ובן למסור את עדותם לאיזה אחר והלא אין להם מה למסור, מכיון שאין במה שיודעים שום ממש דכן גזרה תורה דאין אב ובן נעשים עדים כלל וגם צירוף פסול פוסל וכמו כן אין להם לומר שראו מחלון אחד דהא לא ראו כלום דהתורה פסלה עדותם כשראו משני חלונות א״כ מעיקרא אין להם שום עדות ומה ימסרו ואיך יצילו בעדות שאין בה ממש וממי־לא אין כאן הצלה.

וכשנתבונן בזה נראה דיותר מסתבר להסתפק על הדיינים שיהיו מותרים לקבל עדות מיוחדת או עדות אב ובן דהא עכ״פ אין כאן שקר אלא דין תורה שאין עדות זאת כשרה וא״כ יש להסתפק אולי מפני פקו״נ יתירו לעצמם לקבל עדות כזו אבל באמת אנו יודעים שאין לה־סתפק בזה מכיון שכתבה תורה שאין בעדות בזו ממש איך יצילו בזה וא״כ ק״ו בן בנו של ק״ו שאין להסתפק ע״ז שיוכלו אותם הפסולים למסור את עדותם הפסולה שאין בה ממש לאחרים ואותם האחרים עוד יוסיפו על העדות הפסולה הזאת ש ק ר ובשקר ובעדות פסולה יצילו את הנדון אתמהה?

ושלו״ לו למר. מאת

חק׳ יעקב אביגדור האבדפה״ק והגליל יצ״ו.

פרחי אהרן מהרב הגאון החכם וכי" הר" אהרן דוד

בוראק שליט"א, ב"ח, הלכה ואגדה ניו יארק תשי"ד.

בספר הזה נתכבדתי מאת הגאון המחבר שליט"א ול־מען כבודו אבוא בזה בהערות קצרות אחרי העיון מקו־פיא בעלמא.

בצד 26 העתיק הגאון המחבר את שיעורו שלמד בי־שיבת מרן הגה"צ הרא"י קוק זצ"ל על הנושא „אוירא דעזרה ואוירא דירושלים". ויען שזה המאמר הוא הראשון בהלכה ע"כ קראתיו ואני רושם מה שעלה על רעיוני בעת קריאה.

הנה הביא את הדיון של הרב ר' צבי יהודה קוק אם יש בעלייה לארץ ישראל רק לשם ביקור, איזו מצווה. והמחבר העיר שגם בהכשר מצווה הבאה באופן שאי אפ־שר לעשות המצווה מבלי ההכשר יש מצווה. וראי" מתוס" גיטין מ"א שהקשו בח"ע וחב"ה דליתי עשה דפ"ו ולדחי ל"ת דלא יהי" קדש וקשה דהלא הוי רק הכשר מצווה דעיקר המצווה בבנים וע"כ דגם הכשר מצווה במקום שא"א למצווה שתתקיים בלעדי ההכשר ג"כ דוחה ל"ת. ע"כ דבריו.

ולא אבין כלל דהא התוס״ שם במקומו כתבו מפורש איפכא דהא תירצו בעצמם שם דמשו״ה אינו דוחה משום דבשעה דמיעקר לאוו לא מקיים עשה והיינו דהביאה לא הוי אלא הכשר משו״ה אינו דוחה. ואף דנראה מדברי תוס״ דגמר ביאה דוחה אף דגמר ביאה ג״כ לא הוי אלא הכשר דהא עיקר מצווה בבנים מ״מ לא קשה דהא בגמר ביאתו אין בידו לעשות יותר והעיבור והלידה הוויין בא־שה לחודא. ופשוט דמקיים מצוות פ״ו בביאה המביאה לידי עיבור ולידה כמו״ש תוס׳. אבל זה ברור שתוס״ כתבו דהכשר מצווה אף באופן שא״א לה למצווה שתת־קיים בלעדה אינו דוחה ל״ת דהא א״א לגמר ביאה בלי התחלת ביאה והתחלת ביאה אינה דול״ת.

אולם אף בלא זה, אף אם נאמר דהכשר מצווה דוחה ל״ת כמו״ש הרב המחבר, פשוט דזה לא שייך אלא בה־כשר מצווה הבאה עם המצווה כמו בביאה הבאה עם הגמר, אבל תחלת ביאה בלי גמר ביאה בוודאי שאינה נחשבת לכלום. ואפילו אם נאמר שביקור בארץ הוי הכשר מצווה היינו דווקא אם קיים אח״כ את המצווה גופה והתיישב בארץ אבל ביקור בלי מחשבה להתיישבות ובלי התיישבות מה הכשר יש בכאן? עשיית ההכשר ועזיבת המצווה בעצמה, בוודאי שאינה נחשבת כלום. וכבר כתבתי לידידנו הרב פעטשעניק שליט״א שדברי חז״ל אהבה דוחקת את הבשר כנים גם ביחס לרות. אהבה דוחקת גם את הרות. בלב כל אחד מאתנו נטועה אהבה עזה לארצנו אבל אין לאהבה זו לדחוק את הרות. הרב לעווינסון בג־

ליון אור המזרח דן ג"כ בזה והביא דברי רש"י גיטין ח" משום ישוב א"י לגרש נכרים ולישב ישראל בה, והעתיק דברי רש"י לישב בשני יידי"ן: ל י י ש ב , והכוונה להושיב יהודים בה. וברש"י לא נאמר כן אלא לישב בחד יו"ד. הגע בעצמך אנו מברכין לישב בסוכה, הכי גם שם אנו יכולין לומר ל י י ש ב בסוכה בכוונה להושיב אחרים בסוכה? ואני לא הסכנתי לדרכים כאלו בהלכה במקום שרוצים לברר עפ"י דין, ובדרש יכולים להרבות ביודי"ן ולמעט בהם אבל בהלכה א"א לפסוק על סמך ראיות כאלו. ומלבד זה רש"י ז"ל בפירושו כאן רוצה להדגיש איפכא דאף בישראל המתיישב בעצמו בארץ ואז הלא בוודאי מקיים מצווה אעפי"כ אין לו לכתוב אונו בשבת אלא אם יש בקניה זו זולת התיישבותו בארץ עוד זאת שמגרש נכרים ממנה אבל אם יהודי קונה מיהודי אף דמקיים מצוות יישוב א"י, אסור לו לכתוב אונו וכן הדין בש"ע ואין כאן המקום להאריך כזה.

אני חוזר אל דברי כת"ה שהקשה על שיטת ר"י ביבמות ס"ב בגר שנתגייר עם בניו קיים פ"ו והקשה הלא אין הנכרי מצווה על פ"ו ולא דמי אף לקטן ועבד דהם פטורים אבל הנכרי אינו בכלל חיוב כלל ודמי לישראל המבורך ברכת כהנים ואיזה מצווה יש בכאן ואיך יוצא במה שקיים בלי היוב.

והנה קושיא זו מלאה בכל ספרי האחרונים ומה שלא אבין הוא: למה הוצרך כבודו לכל האריכות הזאת ומה

נ"מ אי פטור או לא בא לכלל חיוב והדין ידוע ופשוט בכל מצווה אם מקיימים אותה בעת הפטור אין נפטרים בה אחרי שבאים לידי חיוב וכן מבואר ברמב"ם פ"ו מה" חו"מ ה"ג אכל מצה בעת שטותו ואח"כ נתרפא חייב לאכול אחרי שנתרפא לפי שאותה אכילה היתה בשעה שהי" פטור מכל המצוות עכ"ל הרמב"ם הרי מפורש דעשייה בעת פטור אינה נחשבת לכלום. ומה צורך לדון כאן מדין: בכלל חיוב או לא בכלל חיוב, ומה גם דהדמיון שהביא כת"ה מישראל העולה לדוכן אינו עולה יפה כלל דבישראל העולה לדוכן יש מלבד הפטור גם איסור דלאו הבא מכלל עשה ,ובנכרי בפ"ו הלא אף דאינו בכלל חיוב מכ"מ הלא מותר לו לפרות ולרבות. וברש"י כתב מפורש דשייך אצלו פרו ורבו משום דכן נאמר לאדם הראשון יעו"ש ולכן לא אבין את דברי כת"ה.

וכת"ה הביא את דברי רבו הגאון מטעלז שהסביר דגר שנתגייר עם בניו דומה לנולד מהול שאין לו כלל מצווה מילה ויש לו רק תרי"ב מצוות. וכן גם בנתגייר עם בניו אין לו כלל מצווה זו ולא נחשב כאילו קיים המצווה מכיון שאין לו המצווה הזאת. וממילא רק במקום דבעינן קיום מצווה ממש שם אין פוטר מה שעשה בעת הפטור ע"כ דבריו. ואני בער ולא אבין איזו דמיון יש בין נולד מהול דאין לו מצווה זו משום דאין לו אפשירות לקיים את המצווה דאין מה למול ולכן הוי יהודי בלי מצווה זו אבל בפריה ורביה הלא יכול לקיים המצווה עכשו בעת החיוב וגם במילה בגר שנתגייר ונולד מהול

ונעשה יהודי בלי מצוות מילה אם אח"כ לימים ושנים נמשכה ערלתו בוודאי שמחוייב אז מן התורה למול מכיון שלא קיים עדיין מצווה זו, מה שאין כן בישראל שמל וקיים מצוות מילה ואח"כ נמשכה ערלתו פטור מה"ת למול שנית כמו שכתב השאג"א בהלכות מילה, הרי דגר שנתגייר ונולד מהול רק משו"ה פטור משום שאין לו אפשירות וא"כ בדין פ"ו שיש לו אפשירות לקחת אשה ולהוליד בנים אחרי שנתגייר מדוע יפטור וע"כ דכוונת רבי יוחנן דפטור משום דנפטר באמת בבניו שיש לו כבר ושוב קשה מדוע יהא פטור והלא אז לא הי' מצווה על מצוה זו. וכבר האריך בזה הגאון בעל טורי אבן בר"ה דף כ"ח. ובאמת התוס' בעצמם עמדו על קושיא זו כאן בסוגיין בד"ה בני פ"ו נינהו ותירצו כמו שביארו המפורשים דיש חילוק בין מצוות פ"ו לדין שבת, ומכיון דגם גוי מקיים שבת כמו שכתב רש"י, משו"ה אין לכופן יותר על פ"ו, וזה פשוט ואמת ואין מן הצורך להמציא סברות חדשות.

ולכן גם מה שדחה כבודו את דברי המנ"ח אין לו מקום.

ומה שהביא כבודו את דברי תוס' בשם הירושלמי דלבן עזאי לא משכחת מעביר ד"א ברשות הרבים אלא בקופץ ובזה ביאר דלבן עזאי לא שייך בשופר למיגזר שמא יעבירנו דהא לא חיישינן שיקפוץ. כל הדברים הללו מבוארים בדרוש וחדוש לרבינו רעק"א מס' ר"ה כ"ט וכן בקובץ על הרמב"ם ה' מגילה יעו"ש וכבר ידוע שאין

בירושלמי שלנו התירוץ הזה כלל והאריכו בזה רבים ואין להאריך בזה יותר.

בעיקר פלפולו בדין קלוטה הנ־ה נגע כבודו בענינים מאד מסובכים ובאמת הדרוש יפה מאד אבל רק לדרשא ולא להלכה כי מה שהסתפק אי קלוטה כמי שהונחה הכוונה כמי שהונחה על הקרקע ממש או רק באויר לא ידעתי מה יש להסתפק בדבר שכבר האריכו המפורשים ורש״י ורשב״א ומאירי כתבו מפורש דהכוונה כמי שהונחה באויר. וידועה שעוד חכמי יון הסתפקו אי תנועה היא רק הנחה בכל נקודה ונקודה או תנועה היא ענין שאין לה שייכות עם הנחה והדברים ארוכים, אבל מסוגיית הש״ס מבואר ברור דהכוונה כמי שהונחה באויר דאי לא״ה מה שייך לחלק בין למעלה מיו״ד או למטה מיו״ד ומדוע למעלה מיו״ד לא שייך דין קלוטה כמי שהונחה על הקרקע, וע״כ דהכוונה כמי שהונחה באויר ומשו״ה בלמעלה מיו״ד אף דהוי כמי שהונחה אבל היא נמצאת במקום פטור והארכתי בזה. ואינו דומה למשנה דפרה בהעביר לגין ע״פ תנור דהא שם העביר בידיו ולא היה הלגין באויר כלל ובמעביר בידיו לענין שבת הוי כמו שמונח על הקרקע כמו שכתב הרמב״ם דבמוצא מרשות לרשות אם עמד ברשות אחר חייב אף על פי שלא הניח דכיון שהחץ בידו הוי כמו שהניח. ובדין אויר מזבח מיירי ג״כ בתלה בקנה כמו דאיתא בש״ס שם וגם אי מונח על קנה הוי הנחה ממש ודין ד״ על ד״ כבר ידוע שהוא ענין מאוד קשה דהא ברשות היחיד אין

דין ד׳ ע״ד כמסקנת הש״ם בנעץ קנה ברשות היחיד אפילו למעלה מיו״ד וזרק ונח עליו חייב וברשות הרבים למטה מיו״ד עד ג״ אי יש דע״ד הוי כרמלית ולמטה מג״ הוי לבוד ואין צורך בדע״ד ובאמת בש״ע אין דין דע״ד וברמב״ם שהביא דין זה כבר העיר הרב המגיד בסוף פי״ג מה״ שבת.

ולדעתי א״א להרכיב כלל דיני שבת ודין מזבח ודין תנור ודיני אויר עזרה וגגין ועליות ולכל אחד דין אחר והם רחוקים זה מזה בתכלית ההרחק ואי״ה אקח לי מועד לברר ענין זה. ועוד הזון למועד.

רוצה אני לעשות בכאן ציון וזכר לאחד מיוחד מתושבי עירנו עיר מכסיקו ושמו ר' **יצחק טעאדאר** ז"ל. והאיש הזה היה גדול בתורה, חריף ובקי נפלא והיה מגדולי תל־מידי הגאון הר" שמעון שקאפ זצ"ל, והיה עשיר גדול ולא נהנה מעשרו כלל, וכל תענוגו היה רק בתורה וחידושי תורה. ומת בלי בנים ל"ע. והיה מידידיי הנאמנים: ואף שהיה זקן מופלג דפק תמיד על דלתותי באיזו קושיא או איזו הערה, ותמיד השבתי לו בע"פ או בכתב. ואני מעתיק בכאן ענינים אחדים שכתבתי לו כדי לעשות נחת רוח לנ־שמתו ע"ה.

כבוד ידידי היקר גדול בתורה עיניו כיונים על אפיקי הש"ס הר' יצחק טעאדר נ"י.

מה שהעיר בש"ס נדרים מ"ע"א בנודר מן המבושל מותר בצלי ורבי יאשיה אוסר וזכר לדבר שנאמר ויבשלו את הפסח באש כמשפט, הרי שקרא הכתוב צלי בלשון בישול, דהא הפסח צלו ולא בשלו.

והקשה כת"ה-מדוע הביא ר' יאשיה ממרחק לחמו, מקרא בדברי הימים, והלא בתורה גופא בפ" ראה נאמר מפורש בפסח: ובשלת ואכלת (דברים ט"ז ז"), הרי מפורש דכתבה תורה לשון בישול על צלי, דהא הפסח לא בשלו אלא צלו.

כת"ה התנה עמי בתנאי קודם למעשה לתרץ לו בס-ברא וביושר כי אין דעתו נוחה בדרך של חידוד כמו שלמדו בגליציא, ואני מעיר שבאמת גדולי גליציא למדו ביושר ובסברא רק העמיקו וחדרו לתוך תוכם של הענינים ולא למדו מקופיא. וספרי גדולי גליציא נפלאים המה. הקצות החושן, הנתיבות, והמנהת חינוך, וישועות יעקב ובית יצ

חק, המה ספרי גדולי גליציא. וכל הספרים האלו נכתבו ביושר ובסברא ובעמקות, ויש לכם טעות גדולה בזה. ומעולם לא באתם במגע ומשא עם גדולי גליציא, ואין לכם שום תיאור מן אופן הלימוד ששרר במדינה זו.

והנה בנוגע לקושייתו אני תמה עליו שלא ראה שזו קושיית הגאון הרעק"א במשניות על משנה זו נדרים פ"ו מ"א.

ואף שהגאון הרעק"א הניח את הקו' הזאת בצ"ע לדעתי יש ליישבה בדרך פשוט. כידוע יש בדיני נדרים חילוק בין לשון תורה ללשון בני אדם. ולכולי עלמא בנ־דרים הלך אחרי לשון בני אדם וכן איתא בגמרא כאן. ולכן לא הביא ר' יאשיה את הקרא בתורה בפ' ראה, דשם כתבה תורה דין פסח, והוי לשון תורה ממש, והיינו הציווי של דיני פסח, ואין מלשון תורה ראיה לדיני נדר שתלוי בלשון בני אדם. אולם בדברי הימים מספר מעשה שהיה. וסיפור מעשה שייך לומר שהוא כלשון בני אדם, כי אין זה נוגע לשום דין מדיני תורה, אלא סיפור דברים ומשתעי בלשון בני אדם. וא"כ יש מכאן ראיה דגם לשון בני אדם הוא שקורין לצלי בישול, ומשו"ה הוי זכר לשי־טתו. אבל עכ"ז לא הוי רק זכר ולא ראיה גמורה, משום דסוף סוף אותו סיפור המעשה נאמר בקרא, ואין ראי' לל־שון בני אדם של עכשו.

והואיל ואין בהמ"ד בלא חידוש אציין לו מה שעלה על דעתי עכשו ליישב בדרך פשוט ענין מסובך בדין צלי אם הוא כבישול. וידועה להקת האחרונים בענין צלי אי־

כבישול בדין בב"ח. ומרש"י ותוס' סנהדרין ד' ע"ב נראה מפורש דצלי לא הוי כבישול בבב"ח. והפליתי בסי' פ"ז ס"ק ב' העיר מרש"י חולין ק"ה ע"א ד"ה מ"ט לא גמ־רינן וכתב שנראה מרש"י דצלי אסור מה"ת בבב"ח, דאי לא נימא כן, מדוע לא קאמר רש"י דחידוש בבב"ח הוא משום דצלי מותר יעו"ש. ולדעתי לא קשה כלל דהא כל זה דצלי בבב"ח לא הוי כבישול, הוא רק למאן דס"ל דרך בישול אסרה תורה כמו דאיתא התם בסנהדרין. ולפי"ז לא הי' יכול רש"י כאן בחולין להדש דהחידוש הוא משום צלי, דהא רש"י קאי על אביי, ואביי כאן לא ס"ל עדיין דרך בישול אסרה תורה דהא רבא הוא דאמר לי' לאביי דין זה דדרך בישול אסרה תורה כמו דאיתא שם מפורש, משו"ה לא פירש רש"י חידוש דבב"ח משום צלי, דעכשו לא ידענו עדיין דאין צלי בכלל בישול אבל למסקנת רבא וגם אביי מודה לזה דדרך בישול אסרה תורה, באמת אין צלי בכלל בישול בבב"ח.

ובזה גם לא קשה קו' תוס' על רש"י כאן מדוע לא פירש דהחידוש הוא משום דכבוש מותר יעו"ש דהא דכבוש מותר הוי ג"כ רק מטעם דדרך בישול אסרה תורה, ואביי כאן עדיין לא קאי בדין זה. והארכתי במקום אחר לחלק בין דין פסח דקרי תורה לצלי בישול, ובין דין בב"ח דאין צלי בכלל בישול, ואכ"מ ולא באתי אלא להעיר שיש חילוק בין נדרים שבהם צלי בכלל בישול ובין פסח שבו בישול רק צלי ולא בישול ובב"ח שבו רק בישול ולא צלי והדברים ארוכים.

לידיד נפשי היקר הגדול בתורה, חריף ובקי נפלא כש"ת מו"ה

ר' יצחק טעאדאר נ"י, אבן יקרה בפה"ק יצ"ו.

מה שהקשה על הרא"ם מובא בצל"ח פסחים פרק מקום שנהגו דף נ' ע"א, דאיתא התם דאין עושין מלאכה בערב פסח והתוס' מביאים בשם הירושלמי דבערב פסח רק מחצות ואלך אין לעשות מלאכה משום דמביאים קרבן פסח, והוי כמו יחיד המביא קרבן שאסור במלאכה ביום הבאת קרבנו. ואף דיחיד המביא קרבן אסור במלאכה כל היום, היינו משום דיחיד יכול להביא קרבנו במשך כל היום, משא"כ בקרבן פסח שאין יכולים להקריבו אלא לאחר הצות, משו"ה אינו אסור בעשיית מלאכה אלא לאחר חצות. ומקשה הירושלמי: לפי"ז יהיה כל אדם אסור במלאכה בכל יום מפני שכל ישראל מביאים קרבן תמיד בכל יום, ומשני דשאני תמיד שהוציאה התורה בעצמה מכלל איסור מלאכה שנאמר ואספת דגנך וכו' ואם כל ישראל ישבו בטלים ולא יעשו מלאכה מי יאסוף להם דגנם עכ"ל הירושלמי.

ומביא הצל"ח בשם הרא"ם בביאורו על הסמ"ג להקשות על הירושלמי, דמדוע הביא פסוק של ואספת דגנך הנאמר במשנה תורה, ולא הביא פסוק של העשרת הדברות שנאמר מפורש ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך,

הרי דהתורה התירה לעבוד בכל ששת ימים, אף דישראל מביאים קרבן תמיד בכל יום. והקושיא באמת גדולה. ובצל"ח מתרץ דמקרא דששת ימים תעבוד חיינו יכולים לומר דקאי על לילה ולא על יום. אבל בפסוק ואספת דגנך שנאמר לברכה, לא מצי קאי על לילה, דאין עבודת לילה ברכה דלילה בעיקרה לשינה ולא תספיק לאסיפה של ברכה. יעו"ש בצל"ח.

והקשה כת"ה על הרא"ם והצל"ח, דמה הקשו בכלל על הירושלמי? והלא הירושלמי מביא את אותו הפסוק הידוע בדרשות ר' ישמעאל ורשב"י בברייתא הידועה: לפי שנאמר לא ימוש ספר התורה הזה וכי' ת"ל ואספת דגנך וכי" רשב"י אומר אפשר אדם חורש כל היום וכי" הרי שהביאו רק מקרא זה דואספת ולא מקרא דששת ימים? ואם קשה מדוע לא הביאו קרא דעשרת הדברות, א"כ אין קו" זו דווקא על הירושלמי אלא על הברייתא ועל ר"י ורשב"י, ומדוע עמד הרא"ם רק על הירושלמי ולא על הש"ם ועל הברייתא דר"י? והיא באמת הערה נכונה.

אולם לדעתי יש לתרץ דרך פשוט. ר"י ורשב"י שהביאו פסוק דואספת, דנו לענין תורה, שנאמר לא ימוש ספר התורה הזאת, ולכן הביאו רק פסוק של ואספת, מפני שרק פסוק זה סותר את הקרא של לא ימוש, דאם עוסקים באסיפת דגן בשדות א"א ללמוד כלל כמו שאמר רשב"י אפשר אדם חורש וקוצר וזורע וכי'. ומפסוק דששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך אין שום סתירה, דפסוק זה לא

מיירי דווקא בעבודה שבשדות, אלא מכל מלאכות הנצר־כות לאדם, הן בבית והן בעיר. ובמלאכות כאלו יכולים לקיים גם לא ימוש ספר התורה, כי יכולים ללמוד בשעת המלאכה והן בין מלאכה למלאכה, כי אין האדם נמצא בשדה אלא בין אנשים ויכול גם ללמוד. משא״כ בשדה, הלא אז אין שם שום מציאות ללמוד. ענין אחר הוא דין הירושלמי, שדן לענין איסור עשיית מלאכה מפני הבאת הקרבן תמיד, אי נימא שאסור בעשיית מלאכה, הלא אז צריך כל אדם מישראל להיות בטל מכל מלאכה בכל יום, וע״ז שפיר הקשה הרא״ם דהיה צריך להביא את הפסוק דעשרת הדברות שנאמר ששת ימים תעבוד הרי דמותרים בעשיית מלאכה, ואין חילוק כאן, אי קאי על עבודה שב־שדה או סתם מלאכה. ושפיר הקשה הרא״ם רק על הירו־שלמי.

לידידי הנעלה הגדול בתורה הריף ובקי נפלא כש״ת מ׳ יצחק טעאדאר נ״י מיקירי עירנו יצ״ו.

בדק לן מר בדברי תוס׳ פסחים פ״ד ע״א, ד״ה ולא מילה, דאיתא התם דאין שורפין נותר הפסח ביו״ט. ורבא יליף מקרא דהוא לבדו יעשה לכם, הוא ולא מכשיריו, לבדו ולא מילה שלא בזמנו. וכתבו תוס״ דרבא ס״ל כרב אשי, דיו״ט הוי עשה ול״ת. ולהכי איצטריך ק״ו דמילה שלא בזמנו ידחה יו״ט, דאי לאו ק״ו לא היינו אומרין דעשה דמילה ידחה ל״ת דיו״ט, משום דיו״ט הוי עשה ול״ת. ומשו״ה איצטריך קרא דלבדו דלא דחי. ולפי״ז קשה מאוד, דלמה לי״ לרבא קרא על שריפת קדשים דאינו דוחה

יו"ט והלא בלא"ה לא דחי, דיו"ט הוי עשה ול"ת, ועל שריפת קדשים ליכא ק"ו. יעו"ש בתוס'.

וע"ז העיר כבודו מש"ס קידושין ל"ד ע"א בתוס' ד"ה מעקה שכתבו בדין דאין מדליקין בשמן שריפה ביו"ט, משום דיו"ט עשה ול"ת. וקשה דנשים יוכלו להדליק בשמן שריפה, דהא נשים אינן מצווין בעשה דיו"ט, דהוי מ"ע שהזמן גרמא, ולא הוי יו"ט אלא ל"ת גרידא לגבן, וא"כ אצלן תדחי עשה דשריפת קדשים ל"ת דיו"ט. ולפי"ז הקשה כבודו. מה זה שהקשו תוס' כאן למה לי' לרבא קרא ששריפת קדשים אינו דוחה יו"ט דהא יו"ט עשה ול"ת, הלא שפיר איצטריך קרא דלא נימא דיכולים לשרוף ע"י נשים, שהן אינן מחוייבים בעשה דיו"ט, ואצלן הוי רק ל"ת, משו"ה איצטריך קרא דלבדו. זה תורף הערתו.

והנה כבודו העיר בכאן בדרך החידוד, ולכן אשיב לו ג"כ בדרך חידוד. והנה הפני יהושע כאן בקידושין מקשה על התוס' שכתבו דשריפת קדשים ביו"ט, יכולה להיות ע"י נשים, והא עשה דשריפה קדשים אינה נוהגת כלל בנשים, דגם עשה דשריפת קדשים הוי רק ביום, והוי מ"ע שהז"ג. ותירץ הפנ"י דתוס' כתבו שריפת קדשים והכוונה על שמן של תרומה טמאה כמו דאיתא התם מפורש ושמן של תרומה טמאה שורפין גם בלילה, ולא הוי מ"ע שהז"ג. ושוב שפיר כתבו תוס' יעו"ש.

ולפי"ז נסתלקה הערתו דמר, דכאן בפסחים לא מיירי

משמן של תרומה טמאה אלא מנותר הפסח דהוי שריפת קדשים ממש, ואינו נוהג אלא ביום, והוי מ״ע שהז״ג, וא״א לעשות ע״י נשים. ושפיר הקשו תוס׳ למה לי׳ לרבא קרא והלא אין שריפת קדשים דוחה יו״ט דיו״ט הוי עשה ול״ת ואין כאן ק״ו שתדחי והבן.

ברם כבודו דלי לי חספא ליישב קו׳ תוס׳ באופן אחר. דהנה הצל״ח כאן במשנה פ״ד ע״א כתב להקשות על הדין דמותיר בטהור בפסח אינו לוקה דהוי לאו הניתק לעשה של באש תשרופו וקשה לפי שיטת הרמב״ם דתמורה לא הוי לאו הניתק לעשה משום שהלאו הוי שוה בכל והעשה לא הוי שוה בכל, לפי״ז איך אפשר דלאו דנותר יהא ניתק לעשה, והא עשה דשריפת נותר הפסח הוי עשה שהז״ג דאינו נוהג בלילה, וא״כ אינו נוהג בנשים, ולא הוי שוה בכל, והלאו שוה בכל דנוהג גם בנשים ולא הוי לאו הניתק לעשה לשיטת הרמב״ם.

ותירץ הצל״ח דאף אי נימא דשריפת קדשים אינה עשה לנשים, מ״מ שריפת נותר של פסח הוי עשה הנוהגת בנשים, דכיון דנתחייבו בפסח נתחייבו בכל פרטי מצוות הפסח, ואף בשריפת הנותר. ושוב שריפת הנותר של פסח הוי מ״ע השווה בכל ולכן הוי לאו הנל״ע יעו״ש.

ולפי״ז מ״ע דשריפת נותר של פסח נוהגת בנשים, ושוב שפיר יכולים לקיים שריפת נותר ביו״ט ע״י נשים, דיו״ט אצלן רק ל״ת גרידא, ושפיר הוצרך רבא לקרא דלבדו דאף נשים אין יכולות לשרוף את הנותר ביו״ט והבן.

ובעמדי בזה אמרתי לפרש את דברי רבא שאמר הוא ולא מכשירין, לבדו ולא מילה שלא בזמנו. וקשה מאוד למה הוצרך רבא להקדים דין ולא מכשירין לכאן, והו"ל למימר לבדו ולא מילה שלא בזמנו הבאה מק"ו, שמזה יליף דין דשריפת נותר, ומה שייך דין מכשירין לכאן והי' נ"ל דלכאורה קשה מנ"ל לרבא לומר דלבדו קאי על מילה שלא בזמנו דאינו דוחה יו"ט דלמא קאי על מכשירי מילה בזמנו דאין דוחין. והכוונה: לבדו, דרק מילה בעצמה דוחה בזמנו ולא מכשירי מילה. להכי יליף מהוא דאין מכשירין דוחין יו"ט, והיינו דאף מכשירי אוכל נפש אין דוחין יו"ט, ורק אוכל נפש גופו דוחה. הרי מכאן דאף באוכל נפש רק מצוות אוכל נפש בעצמה דוחה, ולא מכ־שירי המצווה, א"כ שוב א"א לומר דלבדו קאי על מכשירי מילה, דמה"ת נימא דמכשירי מילה יודחו, והלא מכשירי או"נ ג"כ אין דוחין, וע"כ דלא קאי על מכשירין ויליף מלבדו דמילה שלא בזמנו אין דוחה וקאי על המצווה גופא ולא על המכשירין, ושוב שפיר ילפינן שריפת קדשים דנ"ב אינה דוחה יו"ט והבן.

הק' יעקב אביגדור האבדפה"ק יצ"ו.

ספר שמות

שמות

מיט דער היינטיקער סדרה הויבט זיך אָן דאָס צווייטע חומש — דער ספר שמות. דער ספר בראשית אַנטהאַלט אין זיך די געשיכטע פון דער מענטשהייט, דער ספר שמות — די געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק.

אונדזער געשיכטע הויבט זיך אָן מיט אַ גלות. חז״ל זאָגן, אַז דער גלות מצרים שפּיגלט אין זיך אָפּ אַלע גלותן, וואָס יידן האָבן איבערלעבט און לעבן איבער אין זייער געשיכטע.

דעם גרעסטן חלק פון יידישער געשיכטע פאַרנעמט דאָס, יידישע גלות־לעבן. דער רוב מנין און רוב בנין פון אונדזער גייסטיקער, קולטורעלער ליטעראַטור, איז געשאַפן אין גלות. אפילו דער, אין גלות געשאַפענער, תלמוד בבלי איז אויך אנערקענט געוואָרן אַלס די קרוין פון אונדזער תורה שבעל פה און שטייט איבער דעם תלמוד ירושלמי.

די געבורט פון יידן אַלס פאָלק איז געקומען אין גלות — אין מצרים. דעם ערשטן אויסדרוק „עם בני ישראל״ געפינען מיר ערשט אין דער היינטיקער סדרה — אין מצרים.

מערקווירדיק איז, אַז דער גאַנצער גלות מצרים ווערט אין אונדזער תורה געשילדערט בלויז אין איין סדרה, אין דער סדרה פון שמות. אויב אָבער די סדרה פון גלות איז קליין אין כמות, איז זי דערפאַר גרויס אין איכות; אין דער שילדערונג פון דעם ערשטן גלות, דאַרפן מיר — לויט חז״ל — זוכן די קערנער און די סודות פון אַלע אונד־זערע שפּעטערע גלותן.

אין גלות, אין צער און אין פּיין, איז דאָס יידישע פאָלק געבוירן געוואָרן. אָבער אין גלות, אין צער און אין פּיין איז אויך אונדזער גרעסטער גואל, אונדזער גרעסטער נביא, אונדזער משה רבינו אויף דער וועלט געקומען.

ווי קליין און ווי נישטיק קוקן היינט פאַר אונדז אויס, די פאַראיבערגעגאַנגענע יסורים פון גלות מצרים, אַנט־קעגן די אייביקע און דערהאבענע גרויסקייט פון משה רבינו, וואָס איז אין יענע יסורים געבוירן געוואָרן..

לאָמיר דערפאַר זיך פאַרטיפן אין דער שילדערונג פון דעם מצב פון די יידן, אין זייער ערשטן גלות.

די פסוקים שילדערן אונדז, אַז דער רבש״ע האָט זיך געבעטן ביי משה, ער זאָל גיין קיין מצרים אויסלייזן די יידן פון גלות. אָבער משה וויל נישט גיין. דאַמאָלט ווייזט אים דער רבש״ע דריי וואונדער: קודם כל, אַז זיין שטעקן, וואָס ליגט אויף דער ערד, ווערט אַ שלאַנג. אָבער ווען ער הויבט אים אויף, איז ער אַ שטעקן. דאַן, אַז זיין קרע־ציקע האַנט היילט זיך באַלד אויס און איז ריין ווי שניי; און צולעצט הייסט ער אים גיסן וואַסער פון נילוס אויף

דער ערד, און פון דעם אויסגעגאָסענעם וואַסער ווערט בלוט. און משה גייט אויסלייזן די יידן.

וואָס באַטייט די שילדערונג? פאַרוואָס האָט משה נישט געוואָלט גיין? און פאַרוואָס האָבן אים די דריי וווּנדער באַוויזן יאָ צו גיין?

משה רבינו האָט געקענט די גייסטיקע געפאַלנקייט פון יידן אין מצרים. ער האָט געדענקט דאָס געשריי פון „מי שמך לאיש" מיט וועלכן די דתנם ואבירמס זיינען אים באַפאַלן אין מצרים: ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ פירער? ער האָט אויך געדענקט דעם אכן נודע הדבר. — די מסירה פון יידן אויף אים צו פרעהן; ער האָט אויך געוווּסט, אַז יידן דענקען גאָר נישט פון קיין גאולה, נאָר זיי זענען אריינגעלאָזט אין יאגעניש נאָך מאַטעריעלע גי־טער. און משה האָט זיך געדענקט, אַז אַ פאָלק וואָס האָט נישט קיין פאַרשטענדעניש פאַר קיין דיסציפלין, אַ פאָלק וואָס איז פעאיק אויף מסירה, אַ פאָלק וואָס דענקט נאָר וועגן גשמיותדיקע געווינסן, איז נישט ראוי אויף פירן אליין אַ מלוכה.

דאַמאָלס האָט אים דער רבש"ע געוויזן, אַז די אַלע מאָראַלישע געפאַלנקייטן זיינען נישט קיין כאַראַקטער שטריכן פון יידן, נאָר זיי זיינען בלויז אַ פּראָדוקט פון גלות; זיכער, ווען דער „מטה", וואָס איז דער סימבאָל פון פירערשאַפט (מטה אהרן) ליגט אויף דער ערד, ווען עס איז קיין פירערשאַפט ניטאָ, קומט אַ שלאַנג... ווען אָבער מען הויבט אויף דעם מטה, ווען מען נעמט אים אין דער

האַנט אַריין און ווען דעם מטה, דעם סצעפּטער, נעמט אַ משה רבינו, דאַמאָלט זיינען מער קיין שלאַנגען ניטאָ...

דער רבש״ע ווייזט אויך משהן, אַז ווי קרעציק אַ מענטש זאָל ניט זיין, ווי מצורעדיק, (מצורע מיינט: מוציא רע, לשון הרע און מסירה) אָנגעשטעקט אַ מענטש זאָל נישט זיין, קען ער אויך געהיילט ווערן, ווען עס איז דאָ דער ריכטיקער גייסטיקער רופא...

צולעצט ווייזט אים גאָט, אַז ווען דעם יאַגעניש נאָך מאַטעריעלע גיטער, אין וועלכן זיי זיינען אַזוי שטאַרק פאַרזונקען, זאָל ער אויך נישט זאָרגן. ער דאַרף נאָר זיי ווייזן, אַז אפילו דאָס וואַסער פון נילוס, וואָס איז אין מצרים געווען דער מקור פון עשירות; ווער עס האָט גע־האַט נילוס־וואַסער, דער האָט געהאַט רייכטום, איז באמת אָבער אַזוי, אַז טאָמער האָט איינער צופיל, טאָמער גיסט זיך ביי איינעם איבער, דאַן קומט בלוט... צופיל עשירות ביי איינעם, ברענגט: קנאה, שנאה, מחלוקה, קריגערייען און געשלעג — במילא אויך בלוט...

דער רבש״ע האָט משהן געוויזן, אַז דיסציפּלין, מאָ־ראַלישע השפּעה און גייסטיקע דערהויבנקייט, הענגט אָפּ פון דעם ריכטיקן פירער. עס נויטיקט זיך די ריכטי־קע אויפקלערונג. ווען ער וועט זיך אָנשטרענגען, וועט ער די יידן אויסלייזן, נישט בלויז פון זייער פיזישן גלות, נאָר טאַקע אויך פון די גייסטיקע געפאַלנקייטן, אין וועל־כע דער גלות האָט זיי אַריינגעוואָרפן.

אין שריפט און וואָרט

און דאַמאָלס גייט משה רבינו קיין מצרים אויסלייזן די יידן.

אין דעם ליגט דער סוד פון יידישער גאולה אין אַלע צייטן.

וארא

אין די ערשטע פסוקים פון דער היינטיקער סדרה געפינט זיך די באקאנטע פרייהייטס דעקלאראציע, וואס ג"ט האט דורך משה רבינו פראקלאמירט צו די בני ישראל אין מצרים.

די דעקלאראציע אנטהאלט 4 פונקטן, וועלכע זיינען זייער כאראקטעריסטיש און זייער אקטועל פאר דער גאנצער מענטשהייט אין אלע צייטן.

חז"ל האבן מתקן געווען, אז יעדער ייד זאל אין דער נאכט פון פסח טרינקען 4 כוסות, כדי צו דערמאנען די 4 לשונות של גאולה — די 4 ערליי באפרייאונגס פונקטן, וועלכע געפינען זיך אין דער דעקלאראציע.

די 4 פונקטן זיינען 1) והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים — איך וועל אייך ארויסציען פון אונטער די לאסטן פון מצרים. 2) והצלתי אתכם מעבודתם — איך וועל אייך רעטען פון זייער ארבעט. 3)וגאלתי אתכם בזרוע נטויה — איך וועל אייך אויסלייזן מיט אן אויסגעשטרעקטן ארעם. 4) ולקחתי אתכם לי לעם — איך וועל אייך נעמען צו מיר פאר א פאלק.

וואס באדייטן די 4 ערליי באפרייאונגען?

דאָס גאַנצע לעבן פון דעם מענטש באַשטייט פון טאָ־פעלקייטן — פון אַנטקעגנגעזעצטע עקסטרעמען: שמערץ און פרייד; שלעכטס און גוטס; עבירות און מצוות; צדי־קים און רשעים, וכדומה. ווען דער מענטש האָט נישט איין עקסטרעם באַדייטעט עס נאָך ניט אַז ער האָט דעם צווייטן. ווען איינער האָט נישט קיין שמערץ, מיינט דאָס נאָך נישט, אַז ער האָט פרייד; ווען איינער טוט נישט קיין עבירות, הייסט דאָס נאָך נישט, אַז ער טוט מצוות.

דאָס זעלבע איז מיט שקלאַפעריי און פרייהייט. ווען איינער איז נישט קיין שקלאַף, איז ער נאָך מיט דעם נישט פריי. מען קען זיין, נישט פאַרשקלאַפט צו יענעם, אָבער פריי אויך נישט.

יידן זיינען געווען אין מצרים פאַרשקלאַפט פיזיש און גייסטיק. פיזיש האָבן זיי געמוזט אַרבעטן שווער, כדי אויפצושטעלן בנינים פאַר פרעמדע. גייסטיק זיינען זיי געווען פאַרשקלאַפט צו מצרישער קולטור און געמוזט לעבן מיט מצרישע אידעאַלן און מצרישן לעבנסשטייגער.

כדי יידן צו באַפרייען, האָט דערפאַר געמוזט פאַר־קומען 4 ערליי אַקטיוויטעטן.

1) והוצאתי; אַרויסנעמען פון די לאַסטן פון די מצ־רים; אַראָפנעמען דעם פיזישן יאָך כדי נישט צו זיין פאַרשקלאַפט צו פרעמדע. מיט דעם אַראָפוואַרפן דעם פרעמדן יאָך, איז מען אָבער נאָך נישט פריי. עס מוזן ערשט קומען די באַדינגונגען פון מעגלעכקייטן פאַר אַ פריי לעבן. עס מוז קומען 2) דער והצלתי; די רעטונג,

נישט צו דאַרפן אַרבעטן די שקלאַפן אַרבעט אפילו פאַר זיך, נאָר קענען לעבן אַ פריי לעבן.

דאָסזעלבע מיט דער גייסטיקער גאולה. קודם האָט געמוזט קומען דער 3) וגאלתי; דאָס אויסלייזן די יידן פון דער פרעמדער השפעה און פון פרעמדן גייסט. אָבער אַראָפּוואַרפנדיק דעם פרעמדן גייסט, מיינט נאָך נישט, אַז מען לעבט מיט זיין אייגענעם. דערפאַר האָט דאַן נאָך געמוזט קומען דער 4) ולקחתי; איך וועל אייך נעמען צו מיר פאַר אַ פאָלק, און איך וועל זיין אייער ג-ט. איר וועט לעבן מיט אייגענע אידעאַלן, און אייגענעם גייסט.

אינטערעסאַנט זיינען די דינים פון די ארבע כוסות, וואָס דערמאָנען די 4 גאולות. דער דין איז, אַז צווישן דעם ערשטן און דעם צווייטן כוס; אויך צווישן דעם צווייטן און דעם דריטן, מעג מען מפסיק זיין; מען מעג אינצווישן עסן, טרינקן און טאָן, וואָס מען וויל. אָבער צווישן דעם דריטן און פערטן כוס, טאָר מען נישט מפסיק זיין גאָר נישט. מען מוז דעם דריטן און פערטן כוס טרינקען אָן אַן הפסקה אין דערמיט.

נאָך דעם ערשטן כוס, נאָך דעם אַראָפּוואַרפן דעם פיזישן יאָך ביז צום צווייטן כוס, ביז צום באַקומען די פולשטענדיקע פרייהייט, מעג מען מפסיק זיין. עס מעג דויערן אַ ווײַלע. ניט געכאַפּט, אבי קודם אַראָפּגעוואַרפן די פאַרשקלאַפונג. פון דעם צווייטן כוס ביז צום דריטן, ביז צום אַראָפּוואַרפן די גייסטיקע השפעה, מוז אוודאי נעמען צייט. מען קען האָבן די גאַנצע פיזישע באַפרייאונג

און גייסטיק זאָל מען נאָך זיין אונטער דעם דרוק פון פרעמדע. אָבער נאָך דעם דריטן כוס, ווען מען האַלט שוין אַזוי ווייט, אַז מען האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם פרעמדן גייסט מוז מען תיכף אָנהויבן לעבן מיט זיין אייגענעם לעבן. אַ מענטש טאָר ניט לעבן אָן שום אידעאַלן, אַ מענטש טאָר נישט לעבן בלויז אַ גשמיותדיק לעבן. אַראָפּגעוואָרפן דעם פרעמדן אידעאַל, מוז מען באַלד אויף זיך נעמען זיין אייגענעם.

כדאי צו באַמערקן, אַז דער גאַנצער סדר פון פסח ביינאַכט, דרייט זיך אַרום דער ציפער 4' ארבע כוסות. אַרבעה בנים. 4 הויפּט מאכלים חרוסת, מרור, מצה, פסח. אויך 4 קשיות. דאָס אַלעס דערמאָנט אָן די 4 גאולות, וואָס אָן איינע פון זיי, איז קיין גאולה נישטאָ.

די 4 הויפּט מאכלים דערמאָנען: חרוסת, אין דעם ליים, וואָס יידן האָבן געקנעטן אין דער פיזישער פאַרשקלאַפונג. מרור דערמאָנט אין דער ביטערקייט פון לעבן, ווען מען האָט נישט קיין מעגלעכקייט פון קיין פרייען לעבן, אפילו אָן אַ יאָך. מצה איז דער סימבאָל פון דעם אומלאָזן דאָס פרעמדע. בלויז מעל און וואַסער אָן אַ שום צומישונג פון פרעמדס. פסח איז דאָס דורך און דורך יידישע.

דאָסזעלבע מיט די אַרבעה בנים, דער שאינו יודע לשאול איז דער, וואָס מען דאַרף ערשט פון אים אַראָפּנעמען דעם פרעמדן יאָך. דער תם איז דער גאַנצער, פאָלקאָם באַפרייטער. דער רשע איז דער, וואָס נאָך דער באַ-

פרייאונג. ווייל ער נאָך אַלץ לעבן מיט דעם פרעמדן גייסט. דער חכם איז דער אמתער ייד, וואָס פאַרטיפט זיך אין זיין אייגענער קולטור און שטרעבט זי צו פאַרשטיין.

מיר האָבן נאָך אַ פינפטן כוס, וועלכן מיר רופן אליהו הנביאס כוס. נאָכדעם, ווי מיר הויבן אָן לעבן מיט אונדזערע אייגענע אידעאַלן, הויבט זיך ערשט אָן אַ מחלו־קת און אַ שטרייט, וואָס דאָס איז יידישער אידעאַל. אין אַלע דורות זיינען די מיינונגען פאַרשידן. אָבער מיר האָפן, אַז אליהו הנביא וועט אונדז אָנווייזן דעם ריכטיקן וועג און וועט אונדז לערנען, ווי אַזוי אַלע, די יונגע און די אַלטע, זאָלן פאַרשטיין, וואָס עס איז יידישער גייסט און יידישע תורה.

בא

די סדרה פון דער היינטיקער וואָך שילדערט פאַר אונדז, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דער לעצטער מאָמענט פון גלות מצרים, ווי אַזוי פרעה האָט באַקומען דעם לעצטן קלאַפּ, די לעצטע מכה און ווי אַזוי די יידן זיינע באַפרייט געוואָרן פון מצרים, פון זייער שקלאַפעריי.

אינמיטן פון דער זייער אינטערעסאַנטער שילדערונג קומט אַ פרשה, וואָס איז פאַר אונדז כמעט אומפאַרשטענדלעך:

גאָט זאָגט צו משהן: עוד נגע אחד אביא על פרעה, נאָך איין פּלאָג וועל איך ברענגען אויף פרעהן, דאַן וועט ער שוין אַרויסלאָזן פריי די יידן. דערפאַר — „דבר נאָ באזני העם”. איך בעט דיך משה, רעד אין די אויערן פון די יידן, אַז זיי זאָלן זיך אַנטלייען יעדער איינער ביי זיין חבר און יעדע פרוי פון איר חברטע, זילבערנע כלים און גאָלדענע בלים.

דער מדרש באַטאָנט, אַז „אין נאָ אלאָ לשון של בקשה”. דער רבונו של עולם האָט, הייסט עס, זיך געבעטן ביי משהן, אַז ער זאָל זען זיך אַנשטרענגען און פועלן ביי די יידן, אַז זיי זאָלן אויספאָלגן דעם באַפעל.

אז דער ענין איז נישט געווען קיין פשוטער באווייזט דער פאקט, אז די תורה דערמאנט דאס דריי מאל: איין מאל ווען גאט שיקט משהן קיין מצרים (שמות ג' כ"א) זאגט ער צו אים, אז די יידן זאלן לייען גאלדענע און זילבערנע כלים ביי די מצריים. אין דער סדרה פון דער היינטיקער וואך איז א גאנצע פרשה געווידמעט דעם ענין. דאן ווען די יידן גייען ארויס פון מצרים. דערציילט ווייטער די תורה, אין א טאן פון וואונדערלעכקייט, אז די יידן האבן טאקע געפאלגט ווי משה רבינו האט געהייסן און זיי האבן געליען ביי די מצריים גאלד, זילבער און קליידער און האבן אזוי ארום אויסגעליידיקט מצרים.

לערנענדיק די פסוקים האט מען דעם איינדרוק, אזוי ווי עפעס א נס וואלט דא געשען מיט דעם, וואס די יידן האבן גענומען ביי די מצריים גאלד און זילבער. דער נס איז נישט געווען אין דעם וואס די מצריים האבן אנטליען די יידן, נאר אין דעם וואס די יידן האבן געפאלגט גאט און משה רבינון און האבן גענומען...

שטעלט זיך א פראגע: זינט ווען דארף מען אנווענדן נסים, אז יידן זאלן וועלן נעמען גאלד און זילבער? צו וואס האט מען געדארפט אזוי פיל זיך אנשטרענגען, אז די יידן זאלן מקיים זיין אזא מצווה ווי נעמען פארמעגנס ביי די מצריים?

דער עיקר איז נישט צו פארשטיין: אויב דער רבש"ע האט געוואלט, אז די יידן זאלן מיטפירן מיט זיך פאר־מעגנס פון מצרים, טא צו וואס האט מען באדארפט זיך

באנוצן מיט א מיטל פון אפנארן די מצריים און זיי זאגן, אז מען גייט בלויז אוועק אויף דריי טעג און דער־פאר לייט מען די אלע כלים, צוזאגנדיק דאס צו אפגעבן צוריק? צו וואס האט דאס אינגאנצן געלוינט? צווישן אזוי פיל נסים, האט דען נישט געקענט קומען נאך א קליי־נער נס און די יידן זאלן טאקע אויף אן אמת נעמען ביי די מצריים זייערע פארמעגנס?

א סך דרשות זיינען וועגן דעם ענין געהאלטן געווארן, אבער פשוט קען דאס דערקלערט ווערן אויף דעם פאל־גנדן אופן:

עס איז באקאנט, אז משה רבינו האט נישט געוואלט גיין קיין מצרים אויסלייזן די יידן. זיבן טעג האט דער רבש״ע זיך געמוזט בעטן ביי משהן, אז ער זאל גיין און משה האט זיך כסדר אפגעזאגט. די חז״ל דערקלערן דאס דערמיט, וואס משה רבינו האט געקענט דעם מאראלישן מצב פון די יידן אין מצריים. ער האט גוט געקענט זייער מאראלישע געפאלנקייט. משה רבינו האט געדענקט דעם „אכן נודע הדבר״ — דאס הייסט די פעאיקייט פון יידן, אין זייער געפאלנקייט אפילו אויף מסירה. ער האט דעריבער זיך געטראכט, אז א פאלק מיט אזוי פיל קנאה און שנאה, א פאלק וואס קריגט זיך כסדר ארום און רייסט זיך ארום, א פאלק וואס האט אפילו מוסרים, קען נישט פירן קיין אומאפהענגיקן לעבן. משה רבינו זאגט דער־פאר צום רבש״ע: „וכי אוציא את בני ישראל ממצרים״, טא וואס וועט שוין זיין, ווען איך וועל ארויסנעמען די

יידן פון מצרים, זיינען זיי דען פעאיק צו פירן א געמיינ־זאם לעבן

אבער דער רבש״ע האט משהן פארזיכערט, אז די געפאלנקייט פון די יידן אין מצרים איז נאר א פראדוקט פון גלות און איז נישט איינגעבוירן ביי זיי; אז דאס איז א קאנסעקווענץ בלויז פון די דרויסנדיקע אומשטענדן און אז זיי וועלן דערפון לייכט זיך קענען באפרייען. עס איז גענוג דער בלויזער געדאנק פון גאולה; בלויז די אידייע פון באפרייאונג, איז אומשטאנד זיי צו ארויס־נעמען פון די מ״ט שערי טומאה אין וועלכע זיי זיינען געווען פארזונקען.

און פאקטיש האבן די יידן טאקע זיך אינגאנצן גע־ביטן, זינט משה רבינו האט אין זיי פארפלאנצט גאולה־געדאנקען.

כדי צו איבערצייגן משה רבינון, אז די יידן זיינען פאקטיש טאקע אנדערש געווארן, האט גאט ברוך הוא געזאגט צו משהן, אז ער זאל זיך אנשטרענגען, כדי די יידן זאלן לייען ביי די מצריים גאלד און זילבער און אז זיי זאלן דערביי זאגן, אז זיי נעמען דאס אויף דריי טעג און אז זיי וועלן דערנאך צוריקגעבן אלע געליענע זאכן. די יידן אליין האבן געוווסט, אז זיי נעמען די אלע זאכן אויף נישט צו אפגעבן מער צוריק. פארשטייט זיך, אז נישט אלע יידן האבן געהאט א גלייכן מזל. איינעם איז געלונגען צו באקומען א גאנצן אוצר. אבער א צווייטער וואס האט קיין מזל נישט געהאט, האט אנגעטראפן אויף

אַן האַרטן גוי וואָס האָט נישט געוואָלט לייען... וואָלטן די יידן נאָך דאַן געהאַט די מידה פון קנאה און שנאה, וואָלטן זיי זיכער געלאָפן צו די מצריים און זיי דערציילט דעם גאַנצן אמת, אַז דער אָדער יענער ייד האָט זיי אָפּגענארט, אַז דאָס איז נישט קיין לייען, נאָר פשוט אַ צונעמען, אַ שווינדל וכדומה. פון דעם וואָלט אַרויסגעקומען אַ גרויסער געשריי און אַ געוואלט און די מצריים וואָלטן געוועזן אויפגעהערט צו לייען און גאָר אפשר מיט געוואלט געפּרווט צוריקנעמען דאָס געליענע.

דער פסוק דערציילט, אַז די יידן האָבן געקריגן צו לייען ביי די מצריים גאָלד און זילבער. איינער מער און איינער ווייניקער. און די מצריים האָבן געליען, ווייל קיינער פון די יידן האָט נישט דערציילט זיי דעם אמת, ווייל עס איז נישט געווען קיין קנאה־שנאה דאַן צווישן זיי. קיינעם האָט ניט געקימערט, אַז זיין חבר האָט אַרייַגעקריגן מער.

דאָס איז געווען די גרעסטע און בעסטע פּראָבע און אַ באַווייז, אַז די יידן דערנענטערן זיך צו אמתער אחדות, צו אַ געמיינזאַם לעבן, אַלס אַ פריי און אומאָפּהענגיק פאָלק.

נאָך דער פּראָבע זיינען די יידן טאַקע אויסגעלייזט געוואָרן.

בשלח

א דרשה געהאַלטן אין דער גרויסער שול נדחי ישראל לכבוד דער בר מצוה שמחה ביים יונגסטן זון פון רי צבי גיטלער, איינער פון די הויפט מתעסקים פון חברה קדישא. צוגלייך איז אויך געווען אן אויפרוף פון א חתן.

איך וויל זיך אָפּשטעלן אויף דער סדרה פון דער וואָך און וויל אויסזוכן א שייכות, א צוזאַמענהאַנג און א פאַרבינדונג צווישן די פסוקים פון דער היינטיקער סדרה, מיט די צוויי פריוואַטע פאַמיליען שמחות, וואָס מיר האָבן.

איך באַטאָן צוויי פריוואַטע פאַמיליען שמחות, ווייל מיר האָבן אייגנטלעך היינט אין שול נאָך א שמחה און דאָס איז א געזעלשאַפטלעכע שמחה. עס איז א מנהג פון גאַר אַלטע צייטן, אז שבת פרשה בשלח איז אַן אָפּיציעלער יום טוב פאַר חברא קדישא. חשובע קהלות אין דער אַלטער היים האָבן אין שבת פרשת בשלח געמאַכט גרויסע סעודות פאַר די חברה קדישא. אין דער סדרה פון דער וואָך שטייט; ויקח משה את עצמות יוסף עמו; עס ווערט געשילדערט ווי אזוי משה רבינו האָט געטאָן די הייליקע אַרבעט פון חברה קדישא; וויאַזוי ער האָט

זיך אפגעגעבן מיט די עצמות יוסף. דערפאר איז דער היינטיקער שבת א יום טוב פאר חברה קדישא.

עס איז נישט קיין צופאל, וואס אונדזער חשובער ר' צבי גיטלער, איינער פון די הויפט מתעסקים פון חברה קדישא אין אונדזער קהלה, פייערט גראד היינט די בר מצווה שמחה ביי זיין זון, ווייל אויך די תורה האט צו־זאמענגעשטעלט די צוויי מאמענטן. די סדרה פון פאריקע וואך פון פרשת בא פארענדיקט מיט דעם פסוק: והי" לאות על ידכה ולטוטפות בין עיניך וכו'; מיט דער פרשה פון תפילין און מיט דער מצווה פון תפילין; און די היינ־טיקע סדרה, די פרשה בשלח הויבט זיך אן מיט דעם ויקח משה את עצמות יוסף, דאס הייסט מיט דער חברה קדישא טעטיקייט.

פארשטיין מיר טאקע נישט דעם סמיכות הפרשיות. וואס פאר אן ענגערע פארבינדונג איז פאראן צווישן די צוויי מאמענטן? וואס פאר א שייכות האט חברה קדישא צו תפילין?

מיר האבן דא היינט א חתן אויך, און איך וויל אויך די חתן־שמחה אריינפליכטן אין דעם געדאנק, וואס איך וויל ארויסברענגען.

דער מכילתא און דער מדרש שטעלן זיך אפ אויף דעם פסוק, ויקח משה את עצמות יוסף און זיי זאגן: להודיעך חכמתו וחסידותו של משה שכל ישראל עסקו בביזה ומשה עסק בעצמות יוסף הה"ד הכם לב יקח מצוות. דער פסוק דערציילט די קליגשאפט און די פרומקייט פון משה, ווייל

אַלע יידן האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט זאַמלען פאַרמעגנס, וואָס זיינען געבליבן פון די דערטרינקענע מצריים. אָבער משה האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די ביינער פון יוסף, דאָס מיינט אויך דער פסוק: דער קליגער נעמט מצוות.

דער דרש איז זייער אַ שווערער. קודם כל פאַרשטייט מען נישט, וואָס דער מדרש מיינט אַז דאָ איז אָנגעדייטעט די קליגשאַפט פון משה רבינו. וואָס פאַר אַ קליגשאַפט איז דאָס געווען? מילא, ווען דער מדרש זאָגט, אַז דאָ איז דערציילט געוואָרן די פרומקייט פון משה, פאַרשטיין מיר דאָס גוט, ווייל איבערצולאָזן אַ געלעגנהייט פון מאַכן פאַרמעגנס און גיין צו חברה קדישא אַרבעט, דאַרף מען טאַקע זיין אַ פרומער. אָבער אַ חכמה איז דאָס געווים נישט. דאַן איז שווער, ווי קומט דאָס וואָס אַלע יידן האָבן גאַנץ פאַרגעסן אין די עצמות יוסף? האָט דאָך יוסף זיי באַשווירן, אַז והעליתם את עצמותי מזה אתכם? און וואָס מיינט דער מדרש מיט דעם פסוק, חכם לב יקח מצוות? משה רבינו האָט דאָך גענומען בלויז איין מצווה פון עצמות יוסף, נישט קיין מצוות?

חז״ל באַהויפּטן, אַז אין דער געשיכטע פון גלות מצרים און גאולת מצרים שפּיגלט זיך אָפּ די געשיכטע פון יידישן פאָלק אין אַלע זיינע דורות און עפּאָכן. אין דער שילדערונג פון יציאת מצרים קענען מיר געפונען אַנדייטונגען פאַר דעם מצב פון יידן אין אַלע צייטן.

ווען מיר פאַרטראַכטן זיך היינט איבער דעם מצב פון יידישקייט, וואָס הערשט ביי אונדז מוזן מיר קומען צו

עפּעס אַ מין מאָדנע רעזולטאַט. מיר געדענקען די יידיש־קייט פון אונדזער אַלטער היים. מיר ווייסן, אַז בר מצווה אין דער אַלטער היים האָט געהייסן: נעמען אויף זיך אַ פולע יידישקייט מיט כל מצוות האמורות בתורה, מיט תפילין יעדן טאָג, מיט שבת, מיט כשרות און מיט דאַווענען יעדן טאָג ערב ובוקר און נאָך און נאָך. דאַקעגן וואָס מיינט היינט אַ בר מצווה? וואָס נעמט אויף זיך היינט אַ יידישער בחור, ווען ער ווערט אַ בר מצווה? אין בעסטן פאַל מיינט דאָס, אַז ווען ער וועט חתונה האָבן, וועט ער מאַכן אַ יידישע חתונה און ווען ער וועט לאחר מאה ועשרים שנה שטאַרבן, וועט ער אָנזאָגן, אַז מען זאָל מאַכן אַ יידישע קבורה. אין דעם באַשטייט דאָך היינט די גאַנצע יידישקייט. קיין שבת, קיין תפילין, קיין תפילה; היינט איז מען פּטור מכל מצוות האמורות און מען האַלט בלויז פון צוויי זאַכן: אַ יידישע חתונה און אַ יידישע קבורה.

אפילו אונדזער קהלה לעבן איז אויך קאָנצענטרירט בלויז צו די צוויי מאָמענטן. אַמאָל האָט די קהלה געהאַט די אויפגאַבע צו טראַכטן פאַר אַ יידישן לעבן, פאַר תורה, פאַר מצוות און יידישקייט בכלל. היינט, וואָס איז די אויפגאַבע פון דער קהלה? צו געבן מעגלעכקייט פאַר אַ יידישער חתונה און צו האַלטן אַ בית עולם מיט אַ חברה קדישא. נישט מער.

נישט איינמאָל האָב איך אַריינגעטראַכט: פון וואַנען נעמט זיך דאָס, וואָס טראַצדעם מאַכט מען נאָך גרויסע בר מצווה פייערונגס? צו נעמען אויף זיך, צו זיין אַ

יידישער התן און לאחר מאה ועשרים שנה זאָל מען ביי אים מאַכן אַ יידיש רעכטס, באַרעכטיקט נישט צו הייסן אַ בר מצווה? פון וואַנען נעמט זיך, אַז אַזאַ גרויסער רוב יידן זאָל האָבן אַזאַ טעות און פייערן אַ בר מצווה, וואָס איז קאָנצענטרירט בלויז אויף חתונה און קבורה?

אָבער ווי איר ווייסט: ישראל קדושים הם. איך האָב געפינען אַ מקור פאַר דעם, טאַקע אין דער היינטיקער סדרה.

עס איז אמת, אַז אין אונדזער גאַנצן תלמוד און אין אונדזער גאַנצן שלחן ערוך, איז נישט פאַראַן קיין דין, אַז אַ ייד איז באַפרייט מכל מצוות האמורות בתורה. אַ ייד איז תמיד מחוייב מקיים צו זיין אַלע מצוות פון יידיש־קייט. אָבער מערקווירדיק: אין צוויי מאָמענטן איז דאָ אַ הלכה, וואָס באַפרייט יעדן ייד מכל מצוות האמורות בתורה און דאָס איז: אַ חתן בליל חופתו איז פטור מק״ש ומכל מצוות האמורות בתורה און אויך די מתעסקים במת זיינען פטורים מן הק״ש ומן התפילין ומכל מצוות האמו־רות בתורה.

מעגלעך, אַז דערפאַר האָבן יידן אין מצרים נישט גע־וואָלט זיך צורירן צו די עצמות יוסף, ווייל אַט האָט מען זיי ערשט געגעבן די מצווה פון תפילין, ווי עס ענדיקט זיך די סדרה פון בא, און זיי האָבן זיך נישט געוואָלט באַפרייען פון דער מצווה, דערפאַר האָבן זיי נישט גע־וואָלט ווערן קיין חברה קדישא לייט, זיי זאָלן נישט פטור ווערן פון תפילין.

משה רבינו אָבער האָט זיי געוויזן, אַז מען קען מקיים זיין, אי די מצווה פון חברה קדישא און אי די מצוות האמורות בתורה. פרומע יידן האָבן צייט פאַר אַלעם. זיי ווילן זיך גאָר נישט פטרן פון אַנדערע מצוות, מכח זייער חברה קדישא טעטיקייט. אָבער נישט בלויז פרומקייט איז דאָס געווען ביי משה רבינו, נאָר אויך הכמה. די חכמה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס משה רבינו האָט געזאָגט צו די יידן: איר האָט מורא צו ווערן חברה קדישא לייט, ווייל איר ווילט מקיים זיין די מצוות האמורות בתורה. נו! און וואָס טוט איר איצט? איר גייט זאַמלען די ביזת מצרים, איר גייט מאַכן מיליאָנען. ווען מען האָט אין זין צו מאַכן מיליאָנען, איז מען זיכער נישט מקיים די מצוות האמורות בתורה. גרויסע פאַרמעגנס פטרן מער פון מצוות האמורות בתורה, ווי חברה קדישא אַרבעט. איידער גיין מאַכן מיליאָנען איז שוין קליגער צו האַלטן ביידע, אי חברה קדישא אַרבעט אי די מצוות האמורות בתורה, ווייל עס איז פאַראַן פלאַץ פאַר ביידע.

היינטיקע עמי הארצים האָבן פשוט געהאַט אַ טעות אין דעם דין און לערנען דעם פשט, אַז חתן און חברה קדישא זיינען פטור מכל מצוות האמורות מיינט פשוט, אַז מען נעמט אויף זיך צו ווערן אַ יידישער חתן און צו האָבן ביי קבורה אַ יידישע חברה קדישה, איז מען שוין פטור מכל מצוות האמורות בתורה.

אונדזער חשובער ר׳ צבי גיטלער איז אַן אויסנאַם. אַלס אַ רבנ׳יש קינד ווייסט ער דעם אמתן פשט פון דער

הלכה. ער איז אויך מקיים די אמתע הלכה; טראָצדעם וואָס ער איז פון די הויפּט מתעסקים אין חברה קדישה פּטרט ער זיך נישט דאמיט מכל מצוות האמורות בתורה, נאָר פּירט אַן אמת יידישע היים, מיט שבת, מיט כשרות, מיט תפילין מיט תפילה בכל יום ערב ובוקר, און דאָס גיט אונדז די זיכערקייט, אַז זיין בר מצווה פייער וועט טראָגן אי״ה אַן אַנדערן כאַראַקטער. דער היינטיקער בר מצווה וועט זיך נישט פּטרן מכל מצוות האמורות בתורה, נאָר וועט מקיים זיין יידישקייט, וועט לייגן תפילין ערב ובוקר און וועט זיין אַ טרייער ייד, טריי צו יידישער תו־רה, צום יידישן פאָלק און צום יידישן לאַנד אמן.

י ת ר ו

די היינטיקע סדרה איז, בנוגע צו איר אינהאַלט און באַדייטונג, די וויכטיקסטע און די גרעסטע פון אַלע סדרות פון אַלע פינף חומשים פון דער תורה. אין דער היינטיקער סדרה זיינען פאַראַן די עשרת הדברות, די צען געבאָט, אַרום וועלכע עס וויקלט זיך די גאַנצע יידישע אמונה — די גאַנצע יידישע קולטור. אין דער היינטיקער סדרה איז אויך באַשריבן, וויאַזוי עס איז פאָרגעקומען דער ג־טלעכער אַקט פון געבן די תורה צו די יידן.

דער פסוק דערציילט, אַז ג־ט זאָגט צו משה: „אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל". „אָט דאָס זיינען די ווערטער וואָס דו האָסט צו רעדן צו די יידן". „לא פחות ולא יותר". „נישט ווייניקער און נישט מער", נאָר פּינקטלעך אָט די ווערטער: אתם ראיתם את אשר עשיתי למצרים... איר האָט געזען, וואָס איך האָב געטאָן צו מצרים און ווי איך האָב אייך געטראָגן אויף אדלער־פליגלען און האָב אייך געבראַכט צו מיר. און אצינד, אויב איר וועט אייך צוהערן צו מיין שטים און וועט היטן מיין בונד וועט איר זיין מיין באַזונדער פאָלק צווישן אַלע פעלקער.

וואָס איז דער באַטייט פון די ווערטער „און אצונד"?

יידן זיינען באפרייט געוואָרן פון מצרים דורך גרויסע נסים, גאָר נישט אויף קיין נאַטירלעכן וועג. נישט בלויז פיזיש זיינען יידן באפרייט געוואָרן, נאָר אויך גייסטיק. זיי האָבן באַלד נאָך זייער באפרייאונג אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די גאַנצע מ״ט שערי טומאה, אין וועלכע זיי זייינען געווען פאַרזונקען: דעם מצרישן קולט, דעם מצרישן לעבנסשטייגער, מיט וועלכן זיי האָבן געלעבט אין זייער פאַרשקלאַפונג. אין איינציקע צוויי חדשים נאָך זייער פיזישע באפרייאונג, האָבן זיי שוין געהאַט אַן אייגן גייסטיק לעבן; אייגענע ספּעציפישע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, דורך דעם מן וואָס איז געקומען פאַר אַלע גלייך; אַן אייגענע יורידישע היעראַרכיע, געשאַפן פון משה, מיט דער הילף פון זיין שווער יתרו; דעם שבת, אין וועלכן קיין מן איז נישט געפאַלן, און אַ גאַנצע רייע פון דינים און געזעצן, וועלכע זיינען פאַר זיי געגעבן געוואָרן, שוין אין מרה, באַלד נאָך זייער אַרויסגיין פון מצרים.

ווי אַזוי האָט אַ פאַרשקלאַפט פאָלק געקאָנט אין אַזאַ קורצער צייט פון צוויי חדשים זיך אַזוי הויך אויפהויבן גייסטיק? וואָס איז דאָ געשען?

דערויף קומען די ווערטער פון ג־ט: „אתם ראיתם״. איר האָט מיט אייערע אויגן געזען, אַז אַלעס, וואָס עס איז מיט אייך געשען ביז איצט; די פיזישע באפרייאונג פון מצרים און די גייסטיקע דערהויבנקייט, וואָס איז געקומען ווי אויף אדלער־פליגלען, דאָס אַלעס איז געשען, ווייל אשר „עשיתי״, ווייל איך אַליין, ג־ט; האָב דאָס גע־

טאָן! אומנאַטירלעך, מיט נסים איז דאָס פאָרגעקומען. וא־
ביא אתכם אלי, איך האָב אייך געברענגט צום ג־טלעכן
אידעאל, ועתה, און אצונד... אצונד קענט איר דאָך מיינען,
אַז תמיד ווען איר וועט גייסטיק פאַלן, וועט די ג־טלעכע
השגחה אליין, אייך אויפהויבן אויף אדלער פליגלען און
ווידער וועט איר ווערן אַ קולטור פאָלק; זייט וויסן, אַז וע־
תה... און אצונד, פון איצט אָן, וועט מער אַזוי נישט זיין.
אייער גייסטיקע דערהויבנקייט וועט מער נישט קומען
פון זיך אליין, דורך נסים. נאר: „אם שמוע תשמעו בקולי,
אויב איר וועט אייך צוהערן צו מיין שטימע און היטן
מיין בונד; אויב איר וועט לעבן מיט אייער אייגענעם
לעבן, מיט אַ לעבן וואָס איז באַזירט אויף אייערע תורה,
מיט אַ לעבן וואָס איז עטיש און הייליק, דאַן וועט איר
זיין אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש; איר וועט אָנווייזן אַלע
פעלקער פון דער וועלט דעם אמתן לעבנסוועג; איר וועט
זיין די כהנים פון דער מענטשהייט, — דער פונדאַמענט
פון קולטור און ציוויליזאַציע פאַר אַלע צייטן.

אַ גרויסער רבי האָט אַמאָל געפרעגט: ווי קומט דאָס,
אַז אַזאַ וויכטיקע און הייליקע סדרה, אין וועלכער עס
זיינען אָנגעשריבן די עשרת הדברות, זאָל גאָר טראָגן דעם
נאָמען יתרו; אַ נאָמען פון אַ גוי? דאָס לערנט אונדז —
האָט דער רבי געענטפערט, — אַז מיר זאָלן זיך נישט
איינרעדן, אַז אונדזער גרויסקייט ליגט אין אונדזער יחוס,
אין אונדזער בלוט, נאָר הענגט בעיקר אָפּ פון אונדזערע
אייגענע מעשים; און אויב עמיצער, וואָס שטאַמט נישט

פון יידישן יחוס און איז נישט קיין אייניקל פון אברהם יצחק ויעקב, ווייל אויף זיך נעמען אַ תורהדיק לעבן, קען ער ווערן דערזעלבער יחסן ווי אַ געבוירענער ייד.

ביז אויף דער היינטיקער צייט זיינען די עשרת הד־ברות די העכסטע שטופע צו וועלכער די מענטש־הייט קען דערגרייכן. זיי זיינען בעיקר אַן אָנווייז פאַר דעם מענטש, ווי אַזוי ער קען באַקעמפן זיינע הויפטזינד; ווי אַזוי ער קען באַהערשן זיינע הויפטשוואַכקייטן. די עשרת הדברות זיינען קעגן יעטוועדן מין מארד, אָן שום קאָנדיציאָנען. אונטער דעם וואָרט „לא תרצח״, ווערט פאַרשטאַנען אַ פאַרבאָט פון בלוט פאַרגיסונג, אין קיין שום פאַל; נישט פון יחיד און נישט פון כלל. די היינטיקע מאָדערנע וועלט, האָט נאָך ביז היינט אין דער „אָנו״ נישט געקענט דורכפירן אפילו קיין פאַרבאָט פון גענאָסיד. די עשרת הדברות זיינען קעגן אויסגעלאַסנהייט, אין יעט־וועדער פאָרם; זיי זיינען קעגן אָוועקנעמען פון עמיצן דאָס, וואָס עס באַלאַנגט צו אים; זיי זיינען קעגן ליגן און פאַלשקייט, אין וועלכער עס איז פאָרם. בעיקר זיינען זיי קעגן דעם ווארצעל פון אַלע זינד — דאָס מקנא זיין יע־נעם; דאָס גלוסטן צו דעם, וואָס יענער האָט. אין קיין שום געזעצגעבונג איז נישט פאַראַן קיין פאַרבאָט פאַר גלוס־טן. די יידישע תורה אָבער האַלט, אַז דער מקור פון אַלע חטאים ביים מענטש, איז דאָס גלוסטן; רציחה, זנות און גניבה שטאַמען אַלע פון גלוסטן צו דעם, וואָס יענער האָט. די עשרת הדברות ענדיקן זיך מיט דעם „לא תחמוד״,

מיט דעם געוואַלטיקן אָנזאָג, אַז דער מענטש זאָל תמיד זיין צופרידן מיט דעם, וואָס ער האָט, און נישט שטרעבן אַוועקצונעמען ביי יענעם, וואָס באַלאַנגט צו אים.

אין פסוק שטייט: „בשמים ממעל ועל הארץ מתחת״: אין הימל פון אויבן, און אויף דער ערד פון אונטן. אַ חסידישער רבי האָט אַמאָל געפרעגט: צו וואָס האָט די תורה געדאַרפט באַטאָנען, אַז דער הימל איז אויבן און די ערד איז אונטן? זעען מיר דען דאָס נישט מיט אונד־זערע אויגן? די כוונה איז — האָט דער רבי געזאָגט — צו לערנען דעם מענטש, אַז בשמים, ווען עס האַנדלט זיך אין הימל זאַכן, אין רוחניות — אין גייסטיקייט, דאַמאָלט איז „ממעל״, פון אויבן; דאַמאָלס זאָל דער מענטש זיך איינקוקן אַרויף אויבן; מקנא זיין דעם, וואָס פאַרמאָגט מער גייסטיקייט פון אים, און טראַכטן פון יענעם, וואָס מער צו נעמען. אָבער „ועל הארץ״, ווען ער האַנדלט זיך אין ערדישע זאַכן, אין דעם וואָס עס איז דאָ אויף דער ערד; ווען עס האַנדלט זיך אין גשמיות, דאַמאָלט איז, „מתחת״, פון אונטן; זאָל דער מענטש תמיד קוקן אַראָפּ אויף דעם, וואָס שטייט נאָך נידעריקער פון אים, וואָס פאַרמאָגט אפילו נישט דאָס, וואָס ער, און דאַמאָלט וועט ער זיין צופרידן מיט דעם, וואָס ער האָט.

אויף אָט דער מדה איז אָנגעשפּאַרט דער גאַנצער יסוד פון מענטשלעכקייט, און אַלע דורות און אין אַלע צייטן.

משפטים

אין דער סדרה פון דער פאַריקער וואָך, אין דער פרשה פון יתרו זיינען צו די יידן געגעבן געוואָרן די עשרת הדברות — די צען געבאָט; אין דער סדרה פון דער היינטיקע וואָך, אין דער פרשה פון משפטים זיינען צו די יידן געגעבן געוואָרן די משפּטים, די דינים, די געזעצן — די גערעכטיקייטן.

אין דעם חדר שוין, ווען מיר זיינען נאָך גאָר קליינע קינדער געווען, האָט דער רבי מיט אונדז געקנעלט די רש״י אויף דעם ערשטן פּסוק פון ואלה המשפטים.

רש״י זאָגט: „ואלה מוסיף על הראשונים מה הראשונים מסיני אף אלה מסיני״. ואלה, איז דער טייטש „אויך די״; און עס מיינט צו זאָגן, אַז פּונקט ווי די עשרת הדברות זיינען געגעבן געוואָרן אויף דעם באַרג סיני, אַזוי זיינען „אויך די״, דאָס הייסט: די משפּטים, די געזעצן און דינים געגעבן געוואָרן אויף דעם באַרג סיני.

אַלס קליינע קינדער האָבן מיר ניט פאַרשטאַנען, נישט דעם רבי׳ן און ניט די רש״י. מאי קא משמע לן? צו וואָס דאַרף מען דאָס אַזוי אַריינקנעלן אין אונדז, אַז די געזעצן זיינען געגעבן געוואָרן דווקא אויף דעם באַרג סיני? היינט

פאַרשטיין מיר, ווי טיף עס איז דער געדאַנק, וועלכער איז באַהאַלטן אין די פּאָר ווערטער פון רש״י.

אויף דעם באַרג סיני איז צו יידן געגעבן געוואָרן: אַ תורה, אַן אמונה, אַ גלויבן — אַ רעליגיע. תורה, גלויבן, רעליגיע פאַרשטייט זיך, אַז עס דאַרף קומען פון סיני — פון ג־ט. אָן סיני, אָן ג־ט קען נישט זיין קיין גלויבן, קיין תורה און קיין רעליגיע. אָבער דינים ומשפטים, געזעצן און גערעכטיקייטן, וועלכע האָבן צו טאָן מיט שכל, מיט געוויסן און וויסן, ביי זיי, קען מען זיך טועה זיין, און מען איז זיך טאַקע טועה; מיינענדיק, אַז צו זיי דאַרף מען ניט קיין סיני און ניט קיין ג־טלעכקייט. מען דענקט, אַז מענטשן קענען אַליין קומען מיט זייער שכל, צו דינים ומשפטים.

קנעלט מיט אונדז רש״י, אַז די תורה באַטאָנט, אַז אַזאַ מיינונג איז פאַלש. פונקט ווי מען קען נישט האָבן קיין גלויבן, קיין רעליגיע אָן סיני, אָן ג־ט, פונקט אַזוי קען מען אויך ניט האָבן, קיין געזעצן, קיין דינים, קיין גערעכטיקייט, אויב מען גלויבט נישט אין סיני; אויב זיי זיינען נישט באַזירט אויף אמונה און ג־טלעכקייט. די שרעקלעכע נידערלאַגע, וואָס די מערב־אייראָפּעאישע קולטור האָט געהאַט, אין אונדזער תקופה, דורך די צוויי עקסטרעמע טעאָריעס פון נאַציזם און קאָמוניזם, איז בעיקר געקומען פון דעם, וואָס די מענטשלעכע גערעכטיקייטס געפילן, האָבן פון זיך אָראָפּגעוואָרפן יעדן שפּור פון אמונה און ג־טלעכקייט, און האָב זיך אינגאַנצן באַ־

זירט אויף שכל און מענטשלעכן איינזען, פאַרגעסנדיק, אַז דער מענטשלעכער שכל אַליין אָן אמונה קען פאַרפירן ביז צו שאול תחתית ד״ל.

דער מדרש שטעלט זיך אָפּ מיט אַ פראַגע: כיצד נכתבי עשרת הדברות? — ווי אַזוי זיינען די צען געבאָט געווען געשריבן אויף די צוויי לוחות? און דער מדרש ענטפערט: המשה על לוח זה וחמשה על לוח זה. כתיב אנכי ד׳ אלקיך וכתיב לא תרצח. די צען געבאָט זיינען געווען אָנגעשריבן אַזוי, אַז פינף אויף איין לוח און די אַנדערע פינף אויף דעם צווייטן לוח. וואָס מיינט דאָ דער מדרש? וואָס פאַר אַ פראַגע איז עס, ווי אַזוי די צען געבאָט זיינען געווען געשריבן אויף צוויי לוחות? יעדער פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז צען געטיילט אין צוויי איז: פינף און פינף?

אָבער די כוונה איז, אַז די עשרת הדברות אַנטהאַלטן אין זיך תרי״ג (613) אותיות, פונקט אַזוי פיל, ווי פיל מצוות עס זיינען פאַראַן אין דער גאַנצער תורה. ווען עס האַנדלט זיך אין אותיות, האָט דער ערשטער לוח מער פון צוויי מאָל אַזוי פיל אותיות, ווי דער צווייטער לוח. דערפאַר פרעגט דער מדרש; ווי אַזוי זיינען עפּעס די עשרת הדברות אָנגעשריבן געוואָרן? פאַרוואָס איז אויף דעם ערשטן לוח דאָ אַזוי פיל אותיות, און אויף דעם צווייטן אַזוי ווייניק? דערויף ענטפערט דער מדרש, אַז דאָס איז געשען, כדי דער „אנכי ד״ זאָל שטיין אויבן אויף איין לוח און דער „לא תרצח״ זאָל שטיין פונקט אַקעגן אויף דעם צווייטן לוח, פון אויבן. דאָס לערנט, אַז אפילו

אַזאַ פּשוט שכלדיקע זאַך, ווי נישט מאָרדן, מוז אויך זיין באַזירט אויף גלויבן אין ג־ט. נישט קיין פּאָליציי און נישט קיין אַרעסטן, זיינען אַ גאַראַנטיע פאַר דעם געזעץ פון לא תרצח, נאָר דער אנכי ד׳. אויב עס איז דאָ דער אנכי ד; אויב עס איז דאָ גלויבן אין ג־ט, האָט מען אויך מורא פאַר דעם לא תרצח.

די היינטיקע וועלט האָט מיליאָנען פּאָליציי און שרעק־לעכע קאַזאַרמעס מיט אַרעסטן, און יעדן טאָג, ווען מען עפנט אַ ציימונג, ווימעלט עס פון רציחות און מאָרדן, ווייל עס איז קיין אמונה נישטאָ, נישטאָ קיין גלויבן.

דער היינטיקער מענטש האָט פאַרלוירן דאָס באַ־וווסטזיין, אַז ווי גרויס ער זאָל נישט זיין, האָט ער אַלץ איבער זיך נאָך גרעסערס, וואָס מיט דעם שכל קען ער דאָס נישט משיג זיין. נאָר אַזאַ באַוווסטזיין פאַרלאַנגט ביים מענטש אמתע גערעכטיקייט, יושר און עטיק. נאָר אַזאַ באַוווסטזיין רעגולירט ביי אים, אי דעם שכל, אי די מעשים. ווען דער מענטש האָט נישט קיין אמונה אין ג־ט, ווייסט ער גאָר ניט, אַז עס איז פאַראַן עפּעס העכערס פון אים אַליין; במילא איז ער פאַר קיינעם נישט פאַראַנט־וואָרטלעך און מעג טאָן וואָס ער וויל. ער מעג אפילו הרוב מאַכן די גאַנצע וועלט מיט זיך אַליין צוזאַמען.

איינער פון אונדזערע גרויסע חסידישע רבי׳ם האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דאָס, וואָס די וועלט ווערט וואָס אַמאָל שכלדיקער און קליגער, איז נאָך גאָר נישט קיין גאַראַנ־טיע, אַז זי מאַכט פאַרשריט און גייט צום בעסערן. קלוג־

שאפט הייסט אויף לשון הקודש חכמה. חכמה איז א גאנץ ווארט און איז אויך א צוזאמענשטעלונג פון אותיות, אלס ראשי תיבות. מען דארף אויף די אותיות ארויפשטעלן איבערשטרייכעלעך. דאמאלס ווערט חכמ״ה מאכן: אדער „חילו מפניו כל הארץ״, אדער „כי מלאה הארץ חמס״. קלוגשאפט האט נאר דאמאלס א ווערט, ווען זי האט אלס באזע דעם חילו מפניו כל הארץ, די גאטספארכטיקייט. אויב ניט, פירט קלוגשאפט צו „כי מלאח הארץ חמס״, צו א וועלט פול מיט רויב.

די יידישע סנהדרין, וועמענס אויפגאבע עס איז געווען צו אנטשיידן וועגן דינים, געזעצן און גערעכטיקייט זיינען געזעסן אין בית המקדש; זייערע אנטשיידונגען זיינען געווען גילטיק נאר דאמאלס, ווען זיי זיינען געקומען פון בית המקדש, פון דער הייליקייט. די משפטים ביי יידן קומען פון בארג סיני און די אויספירונג האט געקענט, קומען נאר פון בית המקדש.

דאס איז דער סוד פון דער יידישער געזעצגעבונג.

תרומה

אין דער היינטיקער סדרה האָלטן מיר שוין, נאָכדעם ווי די יידן האָבן גענומען די עשרת הדברות אויף דעם באַרג סיני. אויך נאָכדעם, ווי די יידן האָבן געהערט פון משה רבינו אַלע דינים, אַלע משפטים און געזעצן. אָבער דאָס אַלעס איז נאָך גאָר ווייניק. די העכסטע טעאָ־ריעס, די אידעאַלסטע געזעצן און די טיפסטע מאָראַל קענען ניט הענגען בלויז אין דער לופט, קענען ניט זיין בלויז אַבסטראַקט און קענען ניט כסדר זיך האַלטן, בלויז אין די געדאַנקען פון דעם מענטשן. ס'מוז זיין אַן אָרט, ווו דאָס אַלעס זאָל זיך קאָנצענטרירן, אַן אָרט ווי די אַלע אידעאַלן און אידעען זאָלן קענען אָננעמען קאָנקרעטע פאָרמען, זאָלן קענען פאַרוואַנדלט ווערן אין מעשים. פונקט ווי אין פיזישן לעבן קען דער מענטש נישט כסדר זיין אין דרויסן, ער מוז האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַזוי איז אויך מיט דעם גייסטיקן לעבן, אויך רוחניות מוז האָבן אַן אָרט אַ גייסטיקן אָרט, אַ פּלאַץ וווהין עס זאָלן ציען די מענטשלעכע געפילן און זיך קאָנקרעטיזירן.

יידן האָבן דערפאַר געבויט אַ משכן, אַ הייליקטום.

דאָס הייליקסטע פון משכן איז געווען דער קדשי קדשים, ווו דער כהן גדול איז אַריינגעקומען איינמאָל אין יאָר, אין יום כיפור און פון דאָרט משפיע געווען גייסט פאַר דעם גאַנצן כלל ישראל.

וואָס האָט זיך געפונען אין דעם קדשי קדשים פון דעם משכן?

די פסוקים דערציילן, אַז אין קדשי קדשים איז געשטאַנען דער ארון מיט די לוחות, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן צו משה רבינו אויף דעם באַרג סיני. דער ארון אין געווען צוגעדעקט מיט אַ כפורת — מיט אַ צודעק. דער כפורת איז געווען אַזוי פאַבריצירט, אַז פון אים אַליין זענען געווען אויסגעהאַקט צוויי כרובים פוןביידע זייטן.

מיט די פאָלגנדע ווערטער שילדערט דאָן דער פסוק דאָס בילד פון די כרובים: והיו הכרבים פורשי כנפים למעלה סוככים בכנפיהם על הכפורת ופניהם איש אל אחיו אל הכפורת יהיו פני הכרבים.

אין יידיש הייסט עס: און די כרובים זאָלן אויסשפּרייטן זייערע פליגלען צו דער הויך, באַדעקנדיק מיט זייערע פליגלען דעם צודעק, זייערע געזיכטער איינער אַקעגן דעם אַנדערן, צום צודעק זאָלן זיין די געזיכטער פון די כרבים.

חז״ל האָבן זיך אָפּגעשטעלט, פאַרוואָס אין דברי הימים, ווי עס ווערט געשילדערט דאָס בילד פון די כרבים שטייט אַ גאַנץ אַנדערער אויסדרוק: ופניהם אל הבית. זייערע געזיכטער זיינען געווען צום הויז. וואָס מיינט דאָס

צום הויז? ווי אַזוי איינִיקט זיך דאָס מיט דעם פסוק פון חומש, וועלכער זאָגט אַז ופניהם איש אל אָחיו?

פאַקטיש איז אָבער דאָ גאָר קיין סתירה נישטאָ. אַלעם האָט דאָ איין מיין, איין ציל און איין כוונה.

וואָס זיינען געווען די כרובים? חז״ל זאָגן, אַז די כרובים האָבן פאָרגעשטעלט געשטאַלטן פון צוויי יידישע קינדער — געשטאַלטן פון דער יידישער יוגנט. דער כהן גדול, דער משפיע פון גייסט פאַר דעם יידישן פאָלק, האָט קודם כל געמוזט געדענקען אין דער יידישער יוגנט. קינ־דער זיינען ריין, זיינען אומשולדיק, זיינען צאַרט, איידל און אַמייסטן מסוגל צו גייסט. והיו הכרובים פורשי כנפים למעלה: יידישע קינדער מוזן זיין קודם כל באַפליגלט מיט הויכע אידעאַלן. זייערע פליגל, זייערע פאַנטאַזיעס מוזן פליען אין דער הויך. יידישע דערציאונג קען זיך נישט קאָנצענטרירן בלויז אין אַטלעטישע איבונגען, בלויז אין ספּאָרט־שפּילן, זיי מוזן האָבן גייסטיקע אידעאַלן. דער עיקר אָבער דאַרף זיין סוככים בכנפיהם על הכפורת; זיי זאָלן מיט זייערע פליגלען נישט אַוועקפליען ווייט פון יידישער תורה און יידישער עטיק, זיי דאַרפן שיצן דעם כפורת, זיך שטיצן אויף די לוחות, אויף יידישן געדאַנק און אויף יידישער פאַנטאַזיע.

ופניהם איש אל אחיו. זייערע געזיכטער דאַרפן זיין איינער צום צווייטן. אַלע יידישע קינדער מוזן דערצויגן ווערן אין איין פּראָגראַם פון למודים. אַלס קינדער מוזן זיי זיין גלייך איינער צום צווייטן. ווען זיי ווערן עלטער, קענען

זיי האָבן פאַרשידענע אַנשויאונגען, אָבער אַלס קינדער מוז זיין דער ופניהם איש אל אָחיו, אַלע גלייך.

עס איז אָבער אויך נויטיק דער ופניהם אל חבית. עס מוז זיין ביים קינד אַ מעגלעכקייט פון האָבן זיין געזיכט צום הויז, צו דער היים, פון וועלכער עס קומט. די היים מוז מיטאַרבעטן אין דער דערציאונג פון דעם יונגן דור. אָן די יידישע היים, קען קיין יידיש גייסטיקער דור נישט אַרויסוואַקסן. אויב די היים איז פוסט, איז ליידיק פון יעדן אידעאַל, ווערן ביים קינד די גייסטיקע פליגל אָפּגעהאַקט און עס קען זיך נישט דערהויבן. די איינדרוקן וואָס אַ קינד נעמט אין זיך אריין אין זיין היים פון זיינע עלטערן, זיינען די שטאַרקסטע און אַמלענגסטן דויערנדיקע.

דערציאונג האָט צוויי זייטן: איינע אַ טעאָרעטישע און די צווייטע אַ פּראַקטישע. די טעאָרעטישע דערציאונג באַקומט דאָס קינד אין דער שולע, די פּראַקטישע דערציאונג באַקומט עס אין דערהיים. די פּראַקטישע איז תמיד שטאַרקער פון דער טעאָרעטישער. ווילן עלטערן, אַז זייערע קינדער זאָלן ריכטיק דערצויגן ווערן, מוזן זיי קודם זיך אַליין דערציען. זאָל דאָס קינד נישט געפינען קיין קאָנטראַסט צווישן שולע און היים, צווישן לערער און טאַטע, צווישן טעאָריע און פּראַקטיק. ופניהם אל הבית, זייערע געזיכטער זאָלן קענען זיין צו זייער אייגענער היים.

דאָן קומט די לעצטע באַדינגונג: אל הכפורת יהיו פני הכרובים. יידישע קינדער מוזן תמיד האָבן פאַר זייערע געזיכטער די אידעאַלן פון דעם כפורת, פון די לוחות און פון דער תורה.

יידישע דערציאונג הענגט אָפּ לפי זה פון 4 באַדינגונגען.

1) פורשי כנפים למעלה: זיין באַפליגלט מיט הויכע אידעאַלן. מיר לייקענען בשום אופן נישט, אַז אַ יינגער מענטש דאַרף זיך פאַרנעמען מיט ספּאָרט. אָבער אַז ספּאָרט זאָל זיין די אידעע פון דער יוגנט, איז באמת נאָר שעדלעך. דאָס איינרעדן, אַז ספּאָרט דערמוטיקט די אַמביציע און שטאַרקט דעם ווילן איז פאַלש. דער באַראַקטער־שטריך צו וועלן יענעם באַזיגן, דער איז סיי ווי דאָ אין יעדן מענטש; מען דאַרף אים כלל נישט אַנטוויקלען. פלעגן דעם שטריך און מאַכן פון אים אַן אידעע, איז דאָס שעדלעכסטע וואָס קען נאָר עקזיסטירן. סיי ווי איז דער מענטשן געבענשט מיט דער „טייערער" מידה, צו וועלן נאָר איבערשטייגן דעם צווייטן. האַלט ער נאָך אַ ביסל די מדה אין צוים איז ער נאָך אַלץ אַ מענטש, דערהויבט ער אָבער די דאָזיקע מדה צו אַן אידעע, פאַרלירט ער אָפּטמאָל די יסודות פון מענטשלעכקייט.

2) ופניהם איש אל אחיו, אַן איינהייטלעכע דערציאונג פון אַלע יידישע קינדער.

3) ופניהם אל הבית, די מיט־הילף פון דערהיים איז אומבאַדינגט נויטווענדיק פאַר דער יידישער דערציאונג.

4) „אל הכפורת יחיו פני הכרובים״. קינדער מוזן לערנען תורה, תורה ממש. און דאַמאָלס קענען מיר האָפן, אז דער יונגער דור וועט זיין דער המשך פון דעם אייביקן יידישן פאָלק, מיט זיינע אייביקע אידעאַלן און אייביקן יידישן גייסט.

תצוה

נאָכדעם, ווי אין דער סדרה פון דער פאַריקער וואָך, אין פרשת תרומה, איז אָנגעשריבן געוואָרן ווי אַזוי עס זאָל געבויט ווערן דער משכן, קומט די היינטיקע סדרה, די פרשה פון תצוה און זאָגט אָן וועגן די באַלייכטונג פון דעם משכן. אין משכן האָט שטענדיק געמוזט ברענען ליכט און די תורה זאָגט, אַז דאָס ליכט איז אַן אייביקער געזעץ פאַר אַלע יידישע דורות, וואָס וועלן קומען.

ליכט שפּילט די גרעסטע ראָלע אין דער יידישער תורה. ליכטיקייט איז דאָס שליסל-וואָרט פון יידישקייט די תורה אַליין ווערט אָנגערופן ליכט: תורה אור. אויך מצווה איז ליכט, כי נר מצוות.

זייער שיין דערקלערט דער מדרש, פאַרוואָס תורה איז געגליכן צו ליכטיקייט. אַ מענטש, ווען ער געפינט זיך אין פינסטערניש און דאַרף גיין, ווייסט ער נישט, ווי איין און ווי אויס. ער הייבט אָן גיין, טרעפט ער אָן אויף אַ שטיין און פאַלט; ער טרעפט אָן אויף אַ גרוב און ער גליטשט זיך אויס. דאָס געשעעט, ווייל ער האָט ניט קיין ליכט אין זיין האַנט. דאָס זעלבע איז מיט דעם לעבן. דאָס לעבן איז פינסטער. דער מענטש, וואָס האָט נישט גע-

לערנט קיין תורה, טאפט אין דער פינסטערניש און ווייסט נישט, ווי אַזוי און וואוהין צו גיין אין לעבן. מאַכט ער בלינדע שריט, באַגעגנט ער פאַרשידענע עבירות אויף דעם לעבנסוועג און פאַלט אין זיי אַריין. אָבער ווען מען לערנט תורה, איז די תורה ווי אַ ליכט אין דער האַנט, וואָס לייכט. באַגעגנט דער מענטש עפּעס שלעכטס, מיידט ער דאָס אויס און גייט אין ריכטיקן וועג.

מצווה איז אויך ליכט, זאָגט דער מדרש. אַ מענטש וויל טאָן אַ מצוה, ער וויל העלפן אַ צווייטן, קומט דער יצר הרע און טענהט צו אים: אַ מצוה קאָסט געלט, צו וואָס זאָלסטו אַוועק געבן געלט אויף די מצוה? עס וועט דאַן דיר אויספעלן פאַר דיינעט וועגן. דאַרויף זאָגט אָבער דער יצר טוב, אַז דאָס איז נישט אמת, ווייל אַ מצוה איז ווי אַ ליכט. פונקט ווי אַ ליכט פאַרלירט גאַרנישט פון זיין ליכטיקייט, ווען מען צינדט אָן אַן אַנדער ליכט פון אים אַזוי פאַרלירט אויך דער מענטש גאָר נישט, ווען ער גיט אויף אַ מצוה. דער רבש״ע שיקט אים צו, ער זאָל האָבן פון וואָס צו געבן. כי נר מצוה, מצוה איז ליכט; מ׳קען אָנצינדן אַ סך ליכט און מען פאַרלירט דאָביי גאָר נישט.

מדינת ישראל האָט דערפאַר אָנגענומען אַלס איר נאַציאָנאַלן סימבאָל, דאָס בילד פון דער מנורה מיט אירע זיבן רערן און ביי אירע ביידע זייטן, רעכטס און לינקס זיינען אויסגעמאָלט צוויי אוילבירט ביימער. דאָס בילד סימבאָליזירט יידישן גייסט און יידישע אידעע.

אין רוים שטייט, אַ טויער, געבויט פון ריזיקע שטיינער, וואָס הייסט: דער טריאומף טויער פון טיטוס. דער רוימישער סענאַט האָט מיט קרוב צו צוויי טויזנט יאָר צוריק, אויפגעשטעלט דעם טויער אַלס, אַ מאָנו־מענט, אַלס אַ געדענק צייכן פאַר דעם, וואָס האָט חרוב געמאַכט די יידישע מדינה און פאַרברענט דעם יידישן בית המקדש. אויף די ווענט פון אָט דעם טויער, איז אויסגעקריצט אַ ריזיקע יידישע מנורה, מיט די זיבן רערן און רוימישע סאָלדאַטן שלעפּן זי מיט נצחון, אַלס רויב פון בית המקדש. די מנורה איז דאָרט אויסגעקריצט אַלס סימבאָל פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק, וואָס איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט.

די רוימער האָבן קיין טעות נישט געהאַט. ס'איז טאַקע ריכטיק! די מנורה איז טאַקע דער סימבאָל פון דעם יידישן פאָלק. יידן האָבן געבראַכט ליכטיקייט אויף דער וועלט מיט זייער ג־טהייט, מיט זייער אמת, מיט זייער גערעכ־טיקייט און מיט זייער יושר און מאָראַל. אין אַ וועלט, וואָס איז געווען פאַרזונקען אין אַ טיפער פינסטערניש, פון עבודה זרה, פון געצענדינסט, פון באַרבאַריזם און אוממענטשלעכקייט, האָט די יידישע מנורה אויפגעלייכט נישט בלויז פאַר יידן, נאָר פאַר דער גאַנצער מענטש הייט.

ווייטער זאָגט דער מדרש. פונקט אַזוי ווי עס איז געווען נאַכט אויף דער גאַנצער וועלט איידער יידן זיינען געקומען מיט זייער ליכטיקער תורה, אַזוי וועט אין דער

צוקונפט אויך די גאנצע וועלט קומען נאך ליכט צום יידישן פאלק. די רוימער איז בלויז געלונגען צו נעמען געפאנגען דאס יידישע פאלק, אבער נישט אוועקצורויבן דאס יידישע ליכט. פאר דעם ביסל ליכטיקייט, וואס די פעלקער פון דער וועלט האבן ביי אונדז אמאל גענומען, שלאגן זיי אונדז שוין צוויי טויזנט יאר. עס וועט זיי אבער גאר נישט העלפן; דאס יידישע ליכט וועלן זיי נישט פארלעשן און זיי אליין וועלן מוזן אנקומען צו אונדזער ליכט...

דער מדרש זאגט ווייטער: הה"ד דכתיב עיניך יונים. דאס מיינט דער פסוק, דיינע אויגן זיינען ווי טויבן-אויגן, דאס יידישע פאלק איז געגליכן צו טויבן. פונקט ווי די טויב האט אמאל געברענגט ליכט אויף דער וועלט, אזוי ברענגען יידן ליכט אויף דער וועלט מיט זייער אנצינדן די מנורה.

ווי פאעטיש קלינגען די ווערטער! א מבול איז אמאל געווען, וועלכער האט פארפלייצט די גאנצע וועלט. געקו־מען איז חורבן און פארוויסטונג. די טויב איז דאס געווען די, וואס, מיט דעם בלאט פון אן אוילבירטן בוים, האט זי געבראכט די בשורה, אז עס פארשווינדט דער חורבן און עס באווייזט זיך ניי לעבן. דאס זעלביקע איז מיט יידן, מיט זייער אוילבירטן אויל אין זייער מנורה. זייער גורל איז דערזעלבער, ווי פון דער טויב. ווען א חורבן זאל הערשן אין דער וועלט; ווען פארניכטונג זאל דרא־ען אפצעווישן די מענטשלעכע ציוויליזאציע, וועט בלייבן

בלויז אײן אײנציקע רעטונג; יידיש ליכט פון מאָראַל און עטיק זאָל אַריינשיינען אין די הערצער פון די פירער פון דער מענטשהייט און ווידער וועט אַ נייע וועלט גע־בויט ווערן.

נח איז געזעסן אין דער תבה. אַרום און אַרום האָט גע־בושעוועט אַ מבול, וועלכער האָט פאַרשפּרייט טויט און פאַרניכטונג. נח האָט נישט געוווּסט, ווען וועט אַמאָל קומען אַ סוף צו דעם חורבן. ער שיקט קודם אַרויס דעם עורב, דעם ראָב. אָבער ויצא יצא ושוב, דער ראָב איז אַרויס און איז צוריקגעקומען, ווייל קיין טריקעניש איז נאָך נישט געווען. ער שיקט דאַן אַרויס די טויב. און זי קומט צוריק. נאָר „ותשב אליו היונה״, די טויב האָט זיך צוריקגעקערט צו אים, וידע נח כי קלו המים.

דער אונטערשיד פון דעם ראָב ביז צו דער טויב איז געווען: דער ראָב האָט נישט אַנערקענט קיינעם פאַר זיין בעל הבית. אַ גאַנץ יאָר איז ער אָפּגעזעסן אין דער תבה ביי נחן: נח האָט אים געהאָדעוועט און געפּלעגט. דאָך האָט דער ראָב נחן נישט אַנערקענט אַלס דעם בעל הבית פון דער תבה. אפילו ווען נח שיקט אים פון דער תבה, קומט ער צוריק נישט צו נחן, נאָר צו דער תבה, וועלכע ער באַטראַכט אַלס זיין אייגנטום ווי נחס. ביי דער טויב שטייט ותשב אליו היונה״, זי האָט זיך צוריקגעקערט צו נח; זי האָט געוווּסט, אַז די תבה האָט אַ בעל הבית און איז נישט קיין הפקר פּלאַץ, וידע נח כי קלו המים, דאַ־

מאָלס האָט נח געוואוסט, אַז עס הויבט זיך ווידער אָן צו בויען אַ נייע וועלט.

אויך היינט לעבן מיר אין אַ צייט פון חורבן און פאַר־ניכטונג. אַ נייע וועלט מוז געבויט ווערן. אָבער אַזוי לאַנג ווי די פירער פון דער מענטשהייט, זאָלן זיי הייסן ווי זיי ווילן; אייזענהאַוער, נערו, דאַלעס, צו בולגאַנין, וועלן זיין ווי די ראָבן, וואָס גייען אַהין און צוריק, באַטראַכטנדיק די גאַנצע וועלט פאַר הפקר, אָן אַ בעל הבית, וועט אַלץ חורבן און פאַרניכטונג בושעווען איבעראַל.

איין רפואה איז פאַראַן: דאָס ליכט פון דעם שמן זית פון דער יידישער מנורה, זאָל באַלייכטן די הערצער פון די היינטיקע פירער איינצוזען, אַז ניט בלויז עקאָנאָמי־שע און סאָציאַלע געזעצן רעגירן אין דער וועלט, נאָר בעיקר און הויפּטזעכלעך כוחות פון גייסט, עטיק און מאָ־ראַל; ווען אַלע וועלן האָבן דאָס באַוווסטזיין, אַז די וועלט איז נישט הפקר, אַז זי האָט אַ בעל הבית, פאַר וועמען מען איז פאַראַנטוואָרטלעך און וועמען מען קען נישט אָפּנאַרן, דאַמאָלט וועט אַ נייע וועלט געבויט ווערן.

דאָס איז די אויפגאַבע פון אונדז יידן מיט אונדזער ליכט, אַזוי זאָגט דער מדרש.

ת ש א

אין דער סדרה פון דער וואָך שילדערן די פּסוקים, פאַר אונדז די שרעקלעכע מעשה פון דעם עגל. יידן האָבן זיך געלאָזט אויסגיסן אַ גאָלדן קאַלב; זיי האָבן זיך גע־בוקט צו דעם גאָלדענעם קאַלב און געטאַנצט אַרום אים.

מיט דער דאָזיקער שרעקלעכער געשיכטע גיט אונדז די תורה, אַ זייער וויכטיקע לעקציע אין דער פּסיכאָלאָ־גיע פון דעם מענטש. אַ מענטש איז מסוגל צו גיין אַרויף, צו ווערן בעסער און איידעלער, אָבער ער איז אויך מסוגל צו גיין אַראָפּ, צו ווערן ערגער און נידעריקער. דער מענטש קען מאַכן פאָרשריט און ריקשריט; ער קען גיין בארג אַרויף, אין זיטן און אין גוטע מדות, אָבער ער קען זיך אויך אַראָפּקייקלען ביז צו דער נידעריקסטער מדרגה פון זינד.

אָט דאָס יידישע פאָלק. ערשט האָט עס זיך אויפ־געהויבן זייער הויך ביז צום בארג סיני און אָט איז עס פּלוצים אַראָפּגעפאַלן אין טיפסטן אָפּגרונט ביז צו גע־צענדינסט. אָט האָבן זיי אַלע געזאָגט מיט איין קול: „אַלעס וואָס ג־ט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן" און אָט

טאַנצן זיי אַרום אַ גאָלדן קאַלב און שרייען: דאָס איז דיין גאָט, וואָס ער האָט דיך אַרויסגענומען פון מצרים.

משה רבינו זיצט אויף דעם הויכן באַרג סיני און נעמט געטלעכע געזעצן פאַר זיי, פאַר די יידן; געזעצן, וועלכע זאָלן זיי לייטערן און דערהויבן. ער איז זיכער, אַז ער האָט זיי צוגעגרייט ריכטיק, ווי עס געהער צו זיין. וויפיל נסים האָבן זיי מיט זייערע אייגענע אויגן געזען? און נאָך די נסים, האָבן זיי זיך דאָך אַליין ערשט געריי־ניקט און געהייליקט? האָבן זיי דאָך ערשט נישט לאַנג אַזוי פייערלעך אויסגעשריגן: נעשה ונשמע; קען מען דען נאָך דעם אַלעם, זיי נישט פאַרטרויען?

ווייזט זיך אַרויס, אַז בשעת משה רבינו איז אין די הויכע הימלען און גרייט זיך דאָס פאָלק אַרויפצוציען נאָך העכער, פאַלן זיי גאָר אַראָפּ ביז צו דער נידריקסטער מדרגה פון טאַנצן אַרום אַ גאָלדן קאַלב און שרייען, אַז דאָס איז אַ גאָט.

די תורה לערנט אונדז, אַז מיט אַ מענטש קען מען קיינמאָל נישט זיין זיכער, ווייל ער איז פעאיק צו פאַר־געסן מאָרגן דאָס, וואָס ער האָט געלערנט היינט. דאָס זעלבע איז מיט אַ גאַנץ פאָלק. מען טאָר זיך נישט נאַרן, אַז דאָס פאָלק איז געלערנט, איז געבילדעט, עס האָט אַ תורה און וועט במילא גיין אין ריכטיקן וועג. ניין, עס איז שטענדיק פאַראַן אַ סכנה פון רעאַקציע, פון אַריינפאַלן אין אַ שלעכטן וועג, אין אַ וועג פון נאַרישקייט און פאַלשקייט.

דאָך אָבער איז כדאי זיך אָפּצושטעלן און זיך צו פאַר־טראַכטן: וואָס איז געשען מיט דעם יידישן פאָלק? וואָס איז געווען די אורזאַך פון דעם איבערקערעניש, וואָס האָט פאַרוואַנדלט יידן אין אַ מחנה געצנדיקער, טאַנצנדיק אַרום אַ קאַלב אין שרייענדיק אַז עס איז אַ גאָט?

די פסוקים דערציילן אונדז: דאָס פאָלק האָט געזען, אַז משה פאַרזוימט זיך אַראָפּצוקומען פון באַרג, האָט זיך דאָס פאָלק פאַרזאַמלט אויף אהרן און זיי האָבן געזאָגט צו אים: „שטיי אויף! מאַך פאַר אונדז אַ גאָט, וואָס זאָל גיין פאַר אונדז, ווייל אָט דער משה, דער מענטש, וואָס האָט אונדז אַרויסגעבראַכט פון מצרים, ווייסן מיר נישט וואָס מיט אים איז געשען".

די ווערטער פון די פסוקים זיינען פאַר אונדז זייער אומפאַרשטענדלעך. וואָס מיינט די באַטאָנונג פון דעם פאָלק: „ווייל דער משה, דער מענטש"? געווים איז משה געווען אַ מענטש און אַ מאַן. וואָס איז די באַדייטונג פון די ווייטערע באַצייכענונג פאַר משה: „דער משה, דער מענטש וואָס האָט אונדז אַרויסגעבראַכט פון מצרים"? צו וואָס אַזוי פיל אַטריבוטיווע סימנים פאַר משה רבינו? האָבן דען ניט אַלע געוווסט, וועמען מען מיינט מיט דעם נאָמען משה? דאָן, האָבן יידן דאָך דאָס גערעדט צו אהרן און אהרן איז דאָך געווען דער ברודער פון משה; האָבן זיי דען פאַר אהרן געדאַרפט געבן סימנים, אַז משה מיינט דעם מענטש, וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט פון מצרים,

אזוי אַז אָן די סימנים וואָלט אהרן גאָר ניט געוווסט, ווער עס איז משה?

אין די ווערטער אָבער ליגט דער סוד פון דער נידער־ריקייט, אין וועלכער יידן זיינען דאַמאָלס אַריינגעפאַלן.

דער רמב״ם ז״ל האָט פאַרפאַסט די י״ג עיקרים, דאָס זיינען 13 אני מאמינס, וואָס אַלע פרומע יידן זאָגן אַלע טאָג ביים דאַווענען.

צווישן זיי זיינען דאָ צוויי, וואָס באַציען זיך צו משה רבינו. דאָס זיינען: דער זיבעטער און דער אַכטער אני מאמין.

דער זיבעטער אני מאמין זאָגט: איך גלויב, אַז די נבואה פון משה רבינו איז געווען אַן אמתע און אַז משה רבינו איז געווען דער גרעסטער פון אַלע נביאים, אַזוי פון די, וואָס זיינען געווען פאַר אים און אַזוי פון די, וואָס זיינען געווען נאָך אים.

דער אַכטער אני מאמין זאָגט: איך גלויב, אַז די תורה, וואָס געפינט זיך היינט אין אונדזערע הענט איז געגעבן געוואָרן צו משה רבינו ע״ה.

די צוזאַמענשטעלונג פון די צוויי אני מאמינס לערנט אונדז, אַז דער פונדאַמענט פון דעם יידישן גלויבן באַשטייט אין דעם, אַז מיר גלויבן, אַז משה רבינו איז געווען דער גרעסטער פון אַלע נביאים; עס שטעלט זיך דאַן אַ פראַגע: אויב משה רבינו איז געווען דער גרעסטער אין דער גאַנצער מענטשהייט, צו וואָס דאַרפן מיר עפּעס גלויבן, אַז די תורה וואָס ער האָט אונדז געגעבן האָט

ער גענומען פון ג־ט? האָט דען אַזאַ גרויסער מענטש, דער גרעסטער אין אַלע דורות נישט געקענט אַליין אויסקלערן אַזאַ תורה? ניין, זאָגט דער אַכטער אני מאמין. משה האָט זיך געמעגט זיין דער גרעסטער מענטש, אָבער אַ תורה איז ניט מענטשלעך. אַ מענטשלעכע תורה האָט קיין ווערט נישט. אַ תורה איז נאָר די, וואָס קומט פון ג־ט, פון באַרג סיני.

ביז אויף דער היינטיקער צייט פרעגן אונדזערע מאָ־דערנע פאַרגעשריטענע לייט; צו וואָס דאַרף מען עפּעס האָבן, אַז אַזאַ געזעץ ווי, לא תגנוב, אָדער מדבר שקר תרחק, זאָל מוזן געגעבן ווערן אויף דעם באַרג סיני. האָט דען דער גרויסער משה רבינו ניט געקענט אַליין קומען צו אַזאַ געזעץ?

אַזאַ געדאַנק איז דער גרעסטער שטערגייסט אין דעם מענטשלעכן פּראָגרעס. אַזאַ געדאַנק פירט ביז צו גע־צענדינסט.

אויב די תורה קען קומען פון אַ מענטש, קען אַ מענטש פון מאָרגן געבן אַ נייע תורה.

די נייע תורה וועט שוין אויסזען אַנדערש; זי וועט שוין נישט האָבן דעם „לא" פאַר דעם תגנוב און נישט דעם „לא" פאַר דעם תנאף און אפילו נישט דעם „לא" פאַר דעם תרצח.

ווען מען וויל פאַרשטיין ווי קומט דאָס, אַז יידן זאָלן טאַנצן אַרום אַ גאָלדענעם קאַלב, איז גענוג זיך צו צו־הערן צו זייערע ווערטער: ווייל דער דאָזיקער משה, דער

מענטש, וואָס האָט אונדז אַרויסגעבראַכט פון מצרים. זיי האָבן אויפגעהערט צו גלייבן אין ג־טלעכע כוחות; אויפ־געהערט צו גלייבן, אַז די תורה קומט פון ג־ט. נאָר משה דער מאַן, דער גרויסער מענטש, ער האָט אַלעם פון זיין שכל און פאַרשטאַנד געשאַפן. אפילו די באַפרייאונג פון מצרים איז אויך געקומען דורך זיין קליגשאַפט און זיינע דיפּלאָמאַטישע שריט, פון אַזעלכע טעאָריעס איז שוין זייער נאָענט ביז צו געצענדינסט, ביז צו טאַנצן אַרום אַ גאָלדענעם קאַלב.

ביז צום היינטיקן טאָג איז דאָס אַן אמת. גלויבן בלויז אין מענטשלעכן שכל פירט ביז צו געצנדינסט.

ויקהל

ויקהל משה. און משה רבינו האָט צוזאַמענגערופן די גאַנצע יידישע געמיינדע און האָט זיי אָנגעזאָגט — די דינים פון שבת.

חז״ל באַמערקן, אַז די דינים פון שבת האָט משה רבינו געמוזט זאָגן בהקהל, ביי אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע יידן, כדי זיי אויפמערקזאַם צו מאַכן וועגן דער גרויסקייט פון שבת. עס איז נישטאָ פאַר יידן קיין גרעסערע מצווה, ווי די מצווה פון שבת.

ווען יידן גיין בויען אַ משכן — אַ ג־טלעך הויז, זאָלן זיי חלילה ניט אַריינפאַלן אין אַ טעות, דענקנדיק אַז צו־ליב דעם משכן מעג מען מחלל שבת זיין. משה רבינו האָט אַלעמען געמוזט אָנזאָגן: זיי זאָלן געדענקען אין דער גרויסקייט און הייליקייט פון שבת. אָן שבת האָט דער משכן מיט אַלע זיינע כלים און אַלע זיינע איינריכטונגען גאָר קיין ווערט נישט.

וועגן שבת זאָגט אונדז די תורה: אות היא ביני וביניכם לדורתיכם לדעת כי אני ד׳ מקדישכם. — שבת איז אַ צייכן צווישן מיר און אייך פאַר אַלע דורות, כדי צו וויסן, אַז איך ג־ט האַלט אייך פאַר הייליק. חז״ל שטעלן זיך אָפּ

אויף דעם ווארט „לדעת" און באמערקן, אז לדעת מיינט צו זאגן, אז נאר דער, וואס האט דעת; נאר מיט פאר־שטאנד און מיט געפיל — נאר מיט דעת, קען מען בא־גרייפן אפצושאצן די גרויסקייט פון שבת און זיין באדיי־טונג פאר דעם יידישן פאלק.

רבי שמעון בן יוחאי, דער פארפאסער פון זוהר, דער באגרינדער פון דער קבלה און סוד, דער גרעסטער יידי־שער מיסטיקער זאגט: אמרה שבת לפני הקב"ה לכולן יש בן זוג ולי אין בן זוג. אמר לה הקב"ה כנסת ישראל היא בן זוגך. — שבת האט זיך געקלאגט פאר ג־ט: די גאנצע וועלט איז אזוי געשאפן, אז קיין זאך איז נישט אליין. יעדע זאך האט צו זיך א פאר, נאר שבת איז אליין און האט נישט קיין פאר צו זיך. האט הקב"ה געענטפערט צו שבת: דאס יידישע פאלק איז דיין פאר.

געווים איז דער מאמר א מיסטישער פול מיט סודות און געהיימנישן. אבער דאך קען מען אביסל פארשטיין, וואס דער גרויסער תנא האט דא אנגעדייטעט.

שבת איז אליין. יעדער טאג אין וואך האט זיך זיין פאר. דער זונטיק האט דעם מאנטיק, דער דינסטיק האט דעם מיטוואך; און דער דאנערשטיק האט דעם פרייטיק. שבת בלייבט דאן אן א פאר. די צאל זיבן, ווען מיר טיילן זי אין צוויי, האבן מיר דריי מאל צוויי און איינס בלייבט. הקב"ה ענטפערט דעם שבת, אז ער איז אויך נישט אליין, ווייל דאס יידישע פאלק איז זיין פאר — זיין בן זוג.

שבת און דער ייד זענען א פאר. דאכט זיך, אז א פאר

באַשטייט פון צוויי זאַכן, וועלכע האָבן עפּעס געמיינזאַ־
מעס צווישן זיך, וועלכע דערגאַנצן זיך, וועלכע פּאַר־
פּאַלקאָמען איינס דאָס אַנדערע. וואָס פאַרא געמיינזאַמעס
איז פאַראַן צווישן שבת און דעם ייד? וואָס פאַרבינדעט
זיי, אַז זיי זאָלן קענען זיין אַ פּאָר?

די תורה, ווען זי באַפעלט די יידן צו היטן שבת זאָגט,
זי, אַז שבת איז אַ צייכן, אַז ג־ט האָט געשאַפן די וועלט
אין זיבן טעג און אין דעם זיבעטן טאָג האָט ער גערוט.

נאָך אונדזערע מיטאַלטערלעכע פילאָזאָפן האָבן זיך
אָפּגעשטעלט און געפרעגט: וואָס הייסט דאָס, אַז שבת
איז אַ צייכן, אַז ג־ט האָט באַשאַפן די וועלט? אַ צייכן
מיינט: אַ באַווייז, אַן איבערצייגונג, אַזוי, אַז אַלע זאָלן
מוזן אין דעם מודה זיין; וואָס פאַר אַ באַווייז איז שבת
אויף דעם וועלט־באַשאַף? ממה־נפשך, איז מען אַ גלויי־
ביקער און מען גלויבט אין דעם, וואָס עס שטייט אָנ־
געשריבן אין חומש בראשית, גלויבט מען דאָן סיי ווי, אַז
ג־ט האָט געשאַפן די וועלט; איז מען אַן אַפּיקורס און
מען גלויבט נישט אין דעם, וואָס עס שטייט געשריבן,
גלויבט מען דאָך מן הסתם אויך ניט אין שבת בכלל, און
וואָס פאַר אַ באַווייז איז דער שבת?

עס איז אָבער נישט אַזוי. דער שבת איז אַן אמתער
באַווייז, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. די אַפּיקור־
סישע וויסנשאַפט וויל דערקלערן דעם וועלט־באַשאַף,
דורך עוואָלוציאָנערע אַנטוויקלונג. אַלעס, באַהויפּטן זיי,
האָט זיך אַליין אין משך פון לאַנגער צייט אַנטוויקלט.

ביז עס האָט אָנגענומען די פאָרם און די געשטאַלט, וואָס מיר זעען זי איצט מיט אונדזערע אויגן.

אַקעגן דער פאַלשער טעאָריע שטייט דער שבת, ווי אַ לעבעדיקער פראָטעסט.

אויב אַלעס אַנטוויקלט זיך אַליין פון זיך, פאַרוואָס זעען מיר ניט אין די לעצטע טויזנטער יאָרן פון דער געשיכטע, עס זאָל געווען עפּעס אַנשטיין אַ נייע שאַפונג? אַלע אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר, שפּילן זיך אָפּ בלויז אין דער פאָרם: די שוין געשאַפענע זאַכן נעמען אָן נייע פאָרמען און נייע געשטאַלטן. אָבער קיין נייער אינהאַלט קומט אין דעם אוניווערס נישט צו! עס געשען בלויז אַנטדעקונגען און דערפינדונגען, אָדער ניט קיין שאַפונגען: די היינטיקע וויסנשאַפט ווייסט פון וואסערע עלעמענטן עס זיינען צוזאַמענגעשטעלט די פאַרשידענע אָרגאַניזמען, אָבער זי קען באַין אופן ניט באַשאַפן, ניט שאַפן קיין שום נייעם עלעמענט. די וויסנשאַפט ווייסט אויך די באַדינגונגען פון לעבן; זי ווייסט: אונטער וועלכע באַדינגונגען לעבן קען יאָ עקזיסטירן און אונטער וועלכע באַדינגונגען לעבן איז אוממעגלעך. אָבער זי קען באַין אופן נישט פאַבריצירן קיין לעבן אין קיין שום לאַבאָראַטאָריע. די וויסנשאַפט מוז דערפאַר מודה זיין, אַז דער אוניווערס איז אַן אָפּגעשלאָסענער, אַ פאַרענדיקטער. דאָס איז דער גרעסטער באַוויז, אַז די וועלט איז געוואָרן באַשאַפן און דער באַשאַפער האָט זי אָפּגעשלאָסן מיט דעם, וואָס נאָך דעם באַשאַף איז געקומען אַ שבת, אַן

אָפּשטעל און אַ פּאַרשלוס פון דער שאַפונג. שבת איז אַ בולטער באַווייז, אַז ג-ט האָט די וועלט באַשאַפן און נאָך דעם באַשאַף האָט ער דעם אוניווערס פאַרענדיקט מיט דעם שבת.

מיר ווייסן אָבער, אַז איין עדות איז קיינמאָל נישט גענוג אויף צו באַפעסטיקן אַ זאַך; עס מוזן זיין צוויי עדות. האָט דער שבת געזאָגט: רבונו של עולם, אַלעס אין דער וועלט מוז האָבן אַ פּאָר. איינס איז קיינס, זאָגט אַ שפּריכוואָרט. ווער וועט זיין מיין פּאָר צו באַשטעטיקן דעם פאַקט פון אַ בורא עולם? דערויף האָט הקב"ה געענטפערט: דיין פּאָר וועט זיין דאָס יידישע פאָלק. די עקזיסטענץ פון דעם יידישן פאָלק איז אויך אַן אומשטרייטבאַרער באַווייז, אַז עס איז דאָ אַ ג-ט אויף דער וועלט, וועלכער פירט זי און האָט השגחה איבער איר.

אונדזער גרויסער ישעיה הנביא דריקט זיך אויס: אתם עדי נאום ד'. — איר יידן זענט מיינע עדות. אַזוי זאָגט ג-ט. יידן זיינען די עדות אויף דער ג-טלעכער השגחה אין דער וועלט.

אַ קליין, שוואַך פאָלק, געגליכן צו אַן עלנט שעפעלע, וואָס דרייט זיך אַרום צווישן זיבעציק בייזע וועלף. אַלע זיבעציק בייזע וועלף שטייען כסדר מיט אָפענע מיילער און געשאַרפטע ציינער, גרייט צו באַפאַלן דאָס עלנטע שעפעלע, כדי עס צו פאַרצוקן און עס איינצושלינגען. זייער אָפט באַפאַלן זיי טאַקע דאָס שעפעלע, בייסן עס, רייסן פון אים אַרויס גאַנצע אברים, גאַנצע שטיקער. דאָס

שעפעלע בלוטיקט, ליידט די שרעקלעכסטע יסורים, אָבער עס פאַרהיילן זיך אַלץ פון צייט צו צייט זיינע ווונדן און ווידער דרייט עס זיך מונטער און פריש צווישן די ווילדע וועלף, וועלכע שטיין אַליין און גאַפן און וואונדערן זיך אויף דעם רעטעניש פון דער יידישער עקזיסטענץ.

משה רבינו זאָגט דערפאַר צום יידישן פאָלק: אתה הראית לדעת כי ד׳ הוא האלקים. איינער פון אונדזערע דענקער באַמערקט, אַז דער וואָרט „הראית״ איז אין פאַסיווער פאָרם. די ריכטיקע איבערזעצונג פון דעם וואָרט איז: „דו ביסט געוויזן געוואָרן״. די טייטש פון דעם פסוק איז: אתה — דו יידיש פאָלק. הראית-ביסט געוויזן געוואָרן פאַר דער גאַנצער וועלט. לדעת צו מאַכן וויסן, כי ד׳ הוא האלקים — אַז עס איז דאָ אַ ג-ט אויף דער וועלט. אָן אַ ג-טלעכע השגחה, איז גאָר ניט קיין מציאות און גאָר נישט קיין מעגלעכקייט, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל זיך געוועזן קענען האַלטן ביז היינט און נאָך ווייטער עקזיסטירן.

שבת — די אָפּגעשטעלטע וועלט שאַפונג און דאָס יידישע פאָלק מיט זיין עקזיסטענץ, זיינען די צוויי עדות. אַז דער רבונו של עולם פירט די וועלט.

פקודי

מיט דער היינטיקער סדרה פאַרענדיקט זיך דער חומש שמות, דער צווייטער פון די פינף חומשים פון דער תורה. ווי חז"ל זאָגן, איז דער חומש שמות דער וויכטיקסטער פון אַלע חומשים. אין דעם חומש זיינען די יידן אַרויס פון מצרים. יציאת מצרים איז דער שליסל פון דער גאַנצער תורה; אפילו די עשרת הדברות הויבן זיך אָן מיט דעם אשר הוצא־תיך מארץ מצרים. אין דעם חומש זיינען די יידן געוואָרן אַ פאָלק, אַן עם קדוש מיט דעם, וואָס זיי האָבן מקבל געווען די תורה אויף דעם באַרג סיני. אין דעם חומש האָבן יידן אויפגעבויט זייער צענטראַלן פלאַץ פאַר דינען ג־ט: — דעם משכן.

אויף דעם וואָרט „אלה פקודי" זאָגט דער מדרש: באלה הכעיסו אותי ובאלה אני מתרצה להם. יידן, ווען זיי האָבן געזינדיקט האָבן זיי געמאַכט אַן עגל און אויסגעשריגן אלה אלהיך, אָט דאָס איז דיין גאָט; איצט, ווען יידן האָבן חרטה געהאַט אויף די זינד פון עגל און האָבן אויפגעשטעלט אַ משכן, האָבן זיי פאַריכטעט זייער זינד מיט דעם זעלביקן וואָרט „אלה"; דאָס איז, דער אלה פקודי.

דער בוי פון משכן איז געווען אַ כפרה פאַר דעם חטא פון עגל. ווען יידן האָבן געמאַכט אַ גאָלדן קאַלב און זיך געבוקט צו אים זיינען זיי געוואָרן אוים פאָלק. אַ פאָלק מיינט, אַז אַלע זיינע יחידים פאַראייניקן זיך אין איין איינהייט. יידן זיינען געוואָרן אַ פאָלק ביים בארג סיני, ווי עס שטייט: ויחן שם ישראל, אַ לשון יחיד, ויחן; און ער האָט גערוט. אַלע, ווי איינער. רש״י ברענגט: כאיש אחד בלב אחד. זיי זיינען געווען ווי איין מאַן מיט איין האַרץ. ביים עגל זיינען יידן געווען צעשפּליטערט, ווי חז״ל זאָגן: אפילו די, וואָס האָבן געמאַכט דעם עגל, זיינען אויך נישט געווען אייניק צווישן זיך. י״ג עגלים עשו ישראל לכל שבט ושבט. יעדער שבט האָט זיך געהאַט זיין עגל, זיין געטשקע. אמתע ג-טלעכקייט איז נישטאָ נאָר איינע, אָבער פאַלשע געטער איז פאַראַן אַ סך. שטייט טאַקע דערפאַר אין דער תורה, אַז ווען משה רבינו איז צוגעקומען צו דער מחנה פון דעם עגל, האָט ער געהערט אַ קול מלחמה במחנה אַ קאַמף אין יידישן לאַגער. אויב יידן ווערן באַהערשט פון פרעמדע אידעאַלן, הערט ביי זיי באַלד אויף זייער אייניקייט און זיי שטרייטן צווישן זיך — זיי פירן מלחמות. ערשט דער משכן האָט ווידער צוריקגעשטעלט די יידישע אייניקייט; ווידער זיינען יידן געוואָרן אַ פאָלק. דער משכן האָט איינגעזאַמלט אַלע יידן אויף איין פּלאַץ, האָט זיי אַלעמען פאַראייניקט אין איין עדה, אין איין געמיינשאַפט.

דאָס גאָלד, וואָס יידן האָבן געגעבן צום בוי פון משכן, האָט מכפר געווען אויף דעם גאָלד, וואָס יידן האָבן גע־געבן צום עגל. אַזוי זאָגן חז״ל.

אַ זייער טיפע כוונה ליגט באַהאַלטן אין דעם מאמר. חז״ל זאָגן אויך, אַז ווען משה רבינו האָט געבעטן ביים רבש״ע, ער זאָל מוחל זיין די יידן פאַר דעם עגל, האָט ער אַזוי געטענהט: למה ד׳ יחרה אפך בעמך; וואָס ביסטו רבש״ע, אַזוי אין כעס אויף די יידן דערפאַר, וואָס זיי האָבן געמאַכט אַן עגל? בשביל כסף וזהב שהשפעת להם עשו את העגל. האָסט זיי געגעבן אַ סך גאָלד האָבן זיי געמאַכט אַן עגל.

עס שטעלט זיך אַ פראַגע: וואָס פאַר אַ פאַרטיידיקונג איז דאָס? מען האָט אַ סך גאָלד, איז מען באַרעכ־טיקט צו געצענדינסטט?

אין מאָדערנער פסיכאָלאָגיע איז ביז היינט אַ שטרייט: צו זיינען עטישע און מאָראַלישע געפילן איינגעבוירן ביים מענטש, אָדער זיינען זיי בלויז; אָנגענומענע, דערוואָר־בענע, אָנגעאייגנטע און געשאַפענע, אָפּהענגיק פון דער געזעלשאַפט און פון די אומשטענדן, אין וועלכע מען לעבט.

איינע פון די הויפט טענות קעגן דער איינגעבוירנ־קייט פון עטיק און מאָראַל איז, די באַקאַנטע קלאָץ קשיא, וואָס מען שטעלט: פאַרוואָס איז סטאַטיסטיש תמיד דער אָרימער קלאַס מער עטיש און מער מאָראַליש, ווי דער רייכער קלאַס? דער רייכער דערלויבט זיך תמיד אָפּצו־

טאָן אַזעלכע מעשים, וואָס דער אָרימאַן וואָלט קיינמאָל ניט פעאיק געווען, דאָס אָפּצוטאָן; דער רייכער האָט מער חוצפה, מער עזות, איז מער ברוטאַל און אָן בושה, פון דעם אָרימאַן, אָדער דעם מיטעלן קלאַס.

לויט דער סטאַטיסטיק קומט אויס, אַז עטישקייט איז געבונדן מיט אָרימקייט; אויב מען איז רייך, פאַרלירט מען ביסלעכווייז די מאָראַל און מען ווערט חוצפהדיק און עזותדיק. עס איז דערפאַר אַ ראיה, אַז עטיק און מאָראַל זיינען נישט איינגעבוירן. איינגעבוירענע געפילן קענען נישט זיין אָפּהענגיק פון אַ געוויסער קלאַס מענטשן און נישט פון אָרימקייט, אָדער רייכקייט. די טענה ווערט נאָך באַגרינדעט מיט דעם, וואָס פאַקטיש זעען מיר אַז אַלע גרויסע מענטשן, צדיקים און הייליקע, זאָגן זיך אָפּ פון פאַרמעגנס און לעבן אין אָרימקייט, ווייל אויך זיי־אפנים־זיינען מודה, אַז פאַרמעגן וואָלט זיי געשאַדט צו זייער ערלעכקייט. קומט דאָך דאַן פון דעם אויס, אַז בלויז דלות האָט אַ פּריווילעגיע אויף יושר און מאָראַל?

יידישקייט לערנט פון אַלע צייטן, אַז דער מענטש איז געבוירן מיט אינסטינקט און איז אויך געבוירן מיט זיינע עטישע מדות. דער מענטש איז אַ ביפּסיכיש וועזן; ס׳מאַכט דעם איינדרוק, ווי דער מענטש וואָלט געווען נישט איינער נאָר צוויי. אַן אייביקער קאַמף איז אין דעם מענטש צווישן אינסטינקט און עטיק. דער מענטש טאָר נישט לעבן בלויז מיט אינסטינקט און אויך נישט, בלויז מיט זיין עטיש געפיל. לעבן מיט אינסטינקט מיינט זיין אַ

חיה; לעבן מיט בלויז עקסטרעמער עטיק, מיינט זיך אָפּ־צוזאָגן פון דער וועלט און דאָס איז ביי יידן פון תמיד דיזעלבע זינד, ווי לעבן בלויז מיט עולם הזה. יידיש לעבן מיינט: אָנפירן אַ קאַמף צווישן די צוויי איינגעבוירענע כוחות, וועלכע זיינען פאַראַן אין דעם מענטש; יידיש לעבן מיינט, צו פירן אַ לעבן וואָס איז אַ קאָמבינאַציע פון ביידע כוחות און נישט לאָזן איין כוח באַהערשן, אָדער באַזיגן דעם צווייטן.

ביי יידן הייסט עס, אַז לעבן מיינט: קעמפן. קעמפן אָבער, מיינט נישט קיין קאַמף מיט אַ צווייטן נאָר אַ קאַמף מיט זיך און אין זיך.

פון נאַטור זיינען ביידע געפילן אויסגעשטאַטעט מיט גלייכע כוחות, וואָלט דער מענטש זיך אין זיין לעבן באַדינט, בלויז מיט זיינע נאַטירלעכע כוחות, וואָלט ער באמת געלעבט אַ פיינעם לעבן; אַ לעבן פון גשמיות און פון רוחניות; ווי עס איז אָנגעשריבן אין אונדזער תורה. איז אָבער אָן אומגליק, וואָס מיט קולטור און ציוויליזאַציע שאַפט דער מענטש אַליין, כסדר נייע קינסטלעכע מיטל, אויף צו שטאַרקן זיין אינסטינקט; דאַקעגן שאַפט ער גאָר נישט אויף דער פאַרשטאַרקונג פון זיין עטישקייט, מיט דעם וואַקס פון ציוויליזאַציע, ווערט דער אינסטינקט באַוואָפנט מיט גרויסע כלי זיין, דאַקעגן דער עטישער געפיל בלייבט בלויז אין זיין נאַטירלעכן צושטאַנד; דער־פאַר בלייבט ער הינטערשטעליק אין דער קאַמף מיט דעם אינסטינקט.

ווען מען שטעלט אוועק צוויי מענטשן, זיי זאָלן זיך שלאָגן איינער מיט דעם צווייטן, איז אַזוי: אויב זיי שלאָגן זיך ביידע מיט זייערע נאַטירלעכע כוחות, נייטראַליזירן זיי זיך ביידע. אַמאָל קומט איינער אַרוים מיט אַ זיג; אַמאָל אַ צווייטער. אויב אָבער איינער האָט אויסער זיינע נאַטירלעכע הענט, אויך אַ מעסער, אַ געווער אין דער האַנט און דער צווייטער האָט גאָר ניט, פאַרשטייט זיך, אַז דער מיט דעם כלי זיין, וועט תמיד זיגן.

גאָלד איז אַ קינסטלעך געשאַפן מיטל כדי צו דערלייכטערן דעם אינסטינקט צו קענען אויספירן אַלע זיינע פאַרלאַנגען. דער אָרימאַן, וואָס האָט ניט קיין געלט האָט מורא פאַר זיין עטיש געפיל, אָבער דער רייכער האָט נישט מורא פאַר זיין עטיש געפיל, ווייל זיין געלט וועט אים העלפן אָפּצווישן זיינע עטישע אומאַנגענעמלעכקייטן. ווען מען האָט געלט באַקעמפט מען לייכט די עטישע געפילן אין זיך און מען טוט אָפּ אַלע מעשים רעים, אפילו עבודה זרה.

מיט רעכט זאָגט משה רבינו, אַז דאָס גאָלד האָט יידן געפירט צו געצענדינסט.

מען קען אָבער באַנוצן גאָלד אויך פאַר עטיק און מאָראַל. אויף לשון הקודש הייסט געלט ממון; ממון-זאָגט אַ חסידישער רבי-באַטרעפט פונקט אַזוי פיל, וויפיל דער וואָרט סולם, איז דער טייטש אַ לייטער. געלט איז ווי אַ לייטער. מיט געלט קען מען אַראָפּפאַלן ביז צו געצענדינסט און מיט געלט קען מען אַרויפשטייגן אויף דער

ליטער ביז צום משכן, ביז צום העכסטן גראַד הייליקייט. אַנשטאַט געלט אויף אַן עגל, קען מען געבן געלט אויף אַ משכן.

ספר ויקרא

ויקרא

דער דריטער חומש פון די פינף חומשים פון דער תורה הייסט ויקרא. אויך די סדרה פון דער היינטיקער וואָך הייסט ויקרא. די סדרה גיט זיך אָפּ מערסטנס מיט די געזעצן בנוגע צו די קרבנות, וואָס יידן האָבן מקריב געווען אַזוי אין משכן, ווי אין דעם בית המקדש.

קרבנות האָבן פאַרנומען אַ גרויסן פּלאַץ אין יידיש קיט. דער עבודת אלקים, דער אַזוי גערופענער ג־טעס דינסט, איז באַשטאַנען פון מקריב זיין קרבנות אויף דעם מזבח.

די קרבנות אַליין, זייער חיוב און זייער ציל, זיינען ניט קלאָר און גרויסע חילוקי דעות זיינען פאַראַן אין דעם ענין. אונדזערע גרעסטע חכמים און דענקער האָבן זיך געמאַטערט צו פאַרשטיין די קרבנות און זייער צוועק.

דער רמב״ם האָט געהאַלטן, אַז דער צוועק פון די קרבנות איז געווען אַ נעגאַטיווער, כדי אָפּצוגעוויינען יידן פון געצענדינסט. עבודה זרה איז באַשטאַנען פון קרבנות צו פאַרשידענע געצן און כדי יידן זאָלן ניט נאָכ־מאַכן די גויים, האָט ג־ט באַפוילן יידן זאָלן ברענגען קר־

בנות צום יידישן מזבח, אזוי ארום צו פארהיטן, אז יידן זאָלן נישט דינען קיין עבודה זרות.

דער רמב״ן דאַקעגן האָט געהאַלטן, אַז די קרבנות האָבן געהאַט אַ פּאָזיטיוון צוועק, צו דערוועקן אין דעם מענטש דאָס געפיל פון תשובה און חרטה. דאָס וואָרט קרבן שטאַמט פון דעם שורש קרוב: נאָנט. דאָס מיינט, אַז דורך דעם קרבן האָט דער ייד זיך דערנענטערט צו ג־ט און ג־טלעכקייט.

בעיקר איז נישט צו פאַרשטיין דאָס, וואָס אונדזערע גרויסע נביאים, ישעיה און ירמיה האָבן מיט גרויס ביטערקייט באַקעמפט די קרבנות. ישעיה הנביא שרייט אויס ווער דאַרף אייערע שלאַכטונגען, ווען אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט? ירמיה הנביא דערלויבט זיך אין נאָמען פון השי״ת אינגאַנצן אָפּצולייקענען דעם ענין פון קרבנות. „ולא צויתים על דבר עולה או זבח״. איך האָב נישט פאַרלאַנגט פון זיי קיין קרבן און קיין שלאַכטונג.

אויסער אַלע דעות, מיינונגען און געדאַנקען, קען מען אָביסל פאַרשטיין דעם פאַרוויקלטן ענין מיט אַ באַקאַנטן מאמר חז״ל.

דער מדרש ברענגט: שאלו להכמה, חוטא מה עונשו. אמרה: חטאים תרדוף רעה. שאלו לנבואה, אמרה: נפש החוטאת תמות. שאלו לתורה, אמרה: יביא קרבן ויתכפר. שאלו להקב״ה, אמר: יעשה תשובה. ווערטלעך איבערזעצט הייסט עס: מען האָט געפרעגט די חכמה, דעם שכל:

וואָס פאַר אַ שטראָף עס איז פאַראַן פאַר אַ זינדיקן. דער שׂכל האָט געענטפערט, אַז די שטראָף פאַר דעם זינדיקן איז דאָס, וואָס עס יאָגט אים נאָך דאָס שלעכטע. מען האָט דאַן געפרעגט די נבואה, די אינטואיציע, דיזעלבע פראַגע; די נבואה האָט געענטפערט, אַז די נשמה פון דעם זינדיקן שטאַרבט. מען האָט דאַן געפרעגט די תורה דיזעלביקע פראַגע; זי האָט געענטפערט, אַז אַ זינדיקער זאָל ברענגען אַ קרבן. צו לעצט האָט מען געפרעגט דעם רבונו של עולם דיזעלבע פראַגע און הקב"ה האָט געענטפערט, אַז אַ זינדיקער דאַרף תשובה טאָן און זיינע זינד ווערן פאַרגעבן.

דער מאמר איז באמת זייער אומפאַרשטענדלעך. וואָס פאַר אַ רעכט האָט דער שׂכל, אָדער די נבואה און אפילו די תורה צו זאָגן אַנדערש פון דעם רבש"ע? דער רבש"ע האָט אָפּגעפּסקנט, אַז אַ זינדיקער דאַרף טאָן תשובה און מיט תשובה אַליין ווערן זיינע זינד פאַרגעבן. צו וואָס פאַרלאַנגט די תורה נאָך אַ קרבן? דער שׂכל און די נבואה פאַראורטיילן דעם זינדיקן מיט גרויסע שטראָפן. לויט דעם שׂכל יאָגט אים נאָך דאָס שלעכטע; לויט דער נבואה שטאַרבט ביי אים זיין נפש. עס פרעגט זיך מיט רעכט: צו וואָס די שטראָפן? דער זינדיקער דאַרף בלויז טאָן תשובה און אַלע זיינע זינד, ווערן, לויט דעם פסק פון ג-ט, אָפּגעווישט.

מעגלעך, אַז דאָ איז פאַראַן אַ גאַנץ אַנדערע כוונה.

עס זיינען דאָ פאַרשידענע קאַטעגאָריעס פון זינד. 1)
אַ מענטש קען זינדיקן מיט גראָבע, נאַרישע עבירות און
אָפּטאָן עקלהאַפטע מעשים, וואָס יעדער בעל שכל ווייסט,
אַז עס איז פּשוט אַ בושה און אַ חרפּה פאַר דעם מין
מענטש, זיך אַראָפּצולאָזן אַזוי נידעריק, צו זיין ממש מיט
דער בהמה גלייך.

2) אַ מענטש קען זיין אויסערלעך גאַנץ אַנשטענדיק,
אָבער אינערלעך פאַרדאָרבן: מאָראַליש און עטיש געפאַלן.
מיט זיין ראַפינירטקייט זוכט ער צו פאַרדעקן זיינע
שלעכטע מדות. אַזאַ מענטש זינדיקט ניט קעגן דעם שכל,
נאָר אדרבא פאַרקערט: ער זינדיקט מיט דעם שכל, קעגן
זיין אינערן געוויסן און זיינע אַנטשטענדיקע געפילן.

3) אַ ייד האָט אויסער די צוויי דערמאָנטע קאַטעגאָ-
ריעס פון מענטשלעכע זינד, נאָך אַ סאָרט פון יידישע
זינד. ביי מענטשן פון אַנדערע פעלקער זיינען דאָס קיין
זינד נישט, נאָר ביי אונדז יידן. למשל עסן חזיר, עסן
נבילות וטריפות, מחלל שבת זיין וכדומה עבירות, וואָס
פאַר זיך אַליין זיינען זיי נישט קיין פאַרברעכן, אָבער
יידן זינדיקן שטאַרק, ווען זיי זיינען עובר אויף דעם
סאָרט עבירות, ווייל מיר זיינען געבונדן מיט אונדזער
תורה און די תורה באַפעלט אונדז ניט צו טאָן די עבירות

4) צולעצט קומט נאָך אַ פערטער סאָרט עבירה און
דאָס איז די זינד קעגן ג-ט. אַ מענטש זינדיקט מיט אומ-
גלויבן, מיט דעם פאַרלייקענען פון ג-טלעכע השגחה אין

לעבן, וכדומה אַפּיקורסות, וואָס איז אַ שווערע זינד, אָבער בלויז לגבי השי"ת אַליין.

מיט רעכט זאָגט דעריבער דער מדרש, אַז מען האָט געפרעגט די חכמה, די נבואה, די תורה און דעם רבש"ע, וואָס פאַר אַ שטראָף עס קומט דעם זינדיקן. דער מדרש מיינט ניט, אַז מען האָט זיי אַלע געפרעגט אויף דעמ־זעלביקן זינדיקן, נאָר ער מיינט, אַז מען האָט ביי יעדן פון זיי געפרעגט אויף די פאַרשידענע זינדיקער, וואָס זינ־דיקן לגבי יעדן פון זיי.

מען האָט למשל ביי חכמה געפרעגט, וואָס פאַר אַ שטראָף עס קומט אַ מענטש, וואָס זינדיקט לגבי איר, לגבי דער חכמה. אַ מענטש, וואָס זינדיקט אַקעגן דעם שכל און טוט אַזעלכע מעשים, וואָס מאַכן אים מיט דער בהמה גלייך. דערויף האָט די חכמה געענטפערט, אַז „חטאים תרדוף רעה". די זינדיקע פון דעם סאָרט האָבן זייערע ריכטיקע שטראָפן זייערע זינד זיינען זיך נוקם אין זיי; זייערע שלעכטע מעשים יאָגן זיי נאָך און דעגראַ־דירן זיי אַלס מענטש.

ביי נבואה האָט מען געפרעגט אַן אַנדער־פראַגע. די נבואה האָט מען געפרעגט: וואָס פאַר אַ שטראָף עס קומט אויף אַ מענטש, וואָס זינדיקט לגבי איר, לגבי נבואה, לגבי דער רעפּרעזענטאַנטין פון עטיק און מאָראַל; ער זינדיקט קעגן זיינע עטישע געפילן און אינערלעכע איידלע מידות. די נבואה ענטפערט: „הנפש החוטאת תמות". זינד פון דעם סאָרט ברענגען אַ גייסטיקן טויט; עס שטאַרבן ביי

אזאַ מענטשן אַפּ אַלע זיינע אידעלע, זעלישע געפילן און ער בלייבט אַ גייסטיק טויטער מענטש.

מען האָט דאַן געפרעגט די תורה: וואָס פאַר אַ שטראָף עס קומט דעם יידישן מענטש, וואָס זינדיקט אַקעגן איר, אַקעגן די געזעצן פון דער תורה,, וואָס איז עובר אויף עבירות, וואָס די תורה זאָגט אָן, אַז אַ ייד טאָר זיי ניט טאָן. די תורה האָט געענטפערט, אַז אויף דעם סאָרט עבירות, דאַרף מען ברענגען אַ קרבן און מען האָט אַ כפרה אויף זיי.

צו לעצט האָט מען געפרעגט דעם רבש״ע: וואָס פאַר אַ שטראָף עס קומט אַ מענטש, וואָס זינדיקט לגבי אים, לגבי דעם רבש״ע; ער זינדיקט מיט אומגלויבן, מיט כפי־רה, מיט אַפּיקורסות וכדומה. דערויף האָט השי״ת גע־ענטפערט: פאַר דעם סאָרט חטאים איז תשובה מכפר; מען קומט צוריק צו גלויבן און דאָס איז גענוג.

דאָס אומגליק איז, וואָס מענטשן פאַרטוישן די יוצרות און דערפאַר קומען די פאַרשידענע קשיות און מיספאַר־שטענדעניש. מענטשן מיינען, אַז מיט קרבנות קען מען האָבן אַ כפרה אויף נידעריקע געמיינהייטן; אַנדערע זוי־דער דענקען, אַז מיט תשובה אין הארצן קענען זיי אָפּ־ווישן שלעכטקייטן, וואָס שטעכן אוים די אויגן. עס איז אַ טעות! יעדער סאָרט עבירה האָט זיך זיין באַזונדערן ספּעציפישן תיקון. שלעכטיקייטן מוזן גוט געמאַכט ווערן. אויב ניט, העלפט נישט קיין קרבנות און ניט קיין תשו־

בה. שלעכטע מעשים זיינען זיך נוקם אין מענטש און געמיינהייטן טויטן ביי אים אָפּ זיין מענטשלעכע נשמה.
דאָס דאַרף מען לערנען פון דער סדרה פון דער וואָך.

צו

וידבר ד׳ אל משה לאמור, צו את אהרן ואת בניו לאמור: און ג-ט האָט גערעדט צו משהן אַזוי צו זאָגן, באַפעל אהרן און זיינע זין אַזוי צו זאָגן. צו וואָס שטייט צוויי מאָל לאמור, אַזוי צו זאָגן? חז״ל דערקלערן, אַז דער רבש״ע האָט דאָ אָנגעדייטעט משהן, אַז ער זאָל אויפקלערן אהרן מיט זיינע קינדער די דינים פון די קרבנות. זאת תורת העולה; ער זאָל מיט זיי לערנען די תורה פון עולה. היא העולה. היא, זי, דאָס מיינט: די תורה, העולה איז די עולה .די תורה וואָס מען לערנט אַרוים פון דעם קרבן, דאָס איז דאָס וויכטיקסטע; דאָס איז דער גאַנצער אָפּפער; ניט דער קרבן אַליין איז די הויפּט זאַך. דער רבש״ע דאַרף כלל נישט דעם קרבן, דער קרבן איז פאַר דעם מענטש, דעריבער דאַרף דער מענטש הויפּטזעכלעך לערנען עפּעס פון דעם קרבן. די כהנים האָבן דעריבער גע־מוזט קענען לערנען. אויב זיי זיינען נישט געווען קיין בני תורה האָבן זיי נישט געקענט אָנווייזן די מענטשן דעם ריכטיקן זין און מיין פון קרבן, און די גאַנצע עבודה האָט ניט געטויגט. ביים קרבן האָט יעדע פאַלשע מחשבה געפּסלט, דעריבער שטייט צוויי מאָל לאמור. לאמור מיינט:

צו זאָגן און מיינט: צו לערנען, אַז לערנען קען מען קיין כהן, קיין לערער נישט זיין.

דער בעל הטורים אויף דעם וואָרט „צו" זאָגט: צוה אותם שיעסקו בתורה. באַפעל די כהנים זיי זאָלן נישט מיינען, אַז זייער הויפּט אויפגאַבע איז צו טאָן די מלאכה פון מעשה הקרבנות און מער נישט, זיי מוזן וויסן, אַז זייער הויפּט-אויפגאַבע איז לערנען, אַז לערנען איז זייער גאַנצע מלאכה, זייער אַרבעט גאָר גיט ווערט.

וועגן דעם כהן גדול שטייט אין דער גמרא, אַז ער האָט געדאַרפט זיין דער גרעסטער פון די כהנים, ווייל דאָס וואָרט „הגדול מאחיו", מיינט דער גרעסטער. דער ירושלמי זאָגט, אַז דער כהן גדול האָט געדאַרפט זיין דער גרעסטער אין תורה און אין חכמה, ווייל עס שטייט: והכהן המשיח, דער געזאַלבטער כהן, איז פון דעם צו זען, אַז דער כהן מוז זיין גרויס אין תורה און אין חכמה. שטעלט זיך די פראַגע: פון וואַנען איז געדרונגען פון המשיח, אַז ער דאַרף זיין גרויס אין תורה? דאַן איז קשה: פאַרוואָס לערנט דער ירושלמי נישט אַרויס פון דעם הגדול, ווי אונדזער גמרא?

די מפורשים דייטן דאָס זייער אינטערעסאַנט. דאָס וואָרט „גדול" אַליין, מיינט נאָך נישט, אַז דער כהן גדול האָט געמוזט זיין גרויס אין תורה.

מען קען זיין גרויס מיט עשירות, מיט איינ-פלוס, מיט געצווונגענער געהאַרכזאַמקייט וכדומה. די אַלע גרויסקייטן זיינען אָבער נישט קיין פּערזענלעכע גרויס-

קייטן; מען קען זיין א קליין מענטשעלע און האבן א סך געלט; מען קען זיין גאר א נידעריקער פארשוין און דאך האבן איינפלוס און דיסציפלין. דערפאר איז פון ווארט הגדול ניט געדרינגען, אז דער כהן האט געמוזט זיין א למדן און א חכם.

דער ירושלמי לערנט דאס פון דעם ווארט המשיח. דער געזאלבטער. פון דעם, וואס יעדער כהן גדול האט געמוזט ווערן געזאלבט. ביי א מלך האט נישט יעדער מלך געמוזט ווערן געזאלבט, ווייל בלויז דער ערשטער קעניג האט געמוזט געזאלבט ווערן; זיין זון אבער האט די מלוכה באקומען בירושה און דעם זון האט מען מער נישט באדארפט זאלבן; ער איז אליין פון זיך געווארן מלך. ביים כהן גדול אבער איז נישט פאראן געוועזן קיין ירושה. יעדער כהן גדול האט געמוזט ווערן געזאלבט אפילו, ווען ס'איז אוים געקומען, אז מען האט געוואלט א כהן גדול, וואס זיין פאטער איז אויך געווען א כהן גדול, האט מען אים אויך געמוזט זאלבן, כדי צו ווייזן, אז דעם אמט באקומט ער נישט בירושה, נאר צוליב זיינע אייגענע פערזענלעכע פעאיקייטן און דאס בעיקר, א דאנק זיין גרוסקייט אין תורה.

מיט רעכט זאגט דערפאר דער ירושלמי, אז דער ווארט המשיח ווייזט, אז דער כהן האט געמוזט האבן זיינע אייגענע פערזענלעכע גרויסקייטן און דאס מיינט גרויסקייט אין תורה און אין חכמה.

זאת תורת העולה: דאָס איז די תורה פון דער עולה. די תורה איז וויכטיקער פון דעם קרבן. דער קרבן אָן תורה; ווען מען מאַכט דעם קרבן, נישט ווי די תורה זאָגט, איז דער קרבן פסול. אָבער תורה אָן אַ קרבן; ווען מען לערנט בלויז תורה, איז די תורה אַליין גענוג. כל עוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה. ווען מען לערנט די דינים פון עולה און מען איז גאָר נישט מקריב איז גלייך ווי ווען מען זאָל געווען מקריב זיין אַ קרבן.

אינטערעסאַנט זיינען דערפאַר די דינים פון די קרב־נות. די קרבנות האָבן זיך געטיילט אין צוויי מינים. מען האָט געברענגט קרבנות פון בהמות און מען האָט גע־ברענגט קרבנות פון עופות. עס איז געווען אַ גרויסער אונטערשיד אין דער עבודה פונעם קרבן, צו דער קרבן איז געווען פון אַ בהמה, אָדער פון עוף. דער מזבח האָט געהאַט אַ חוט הסיקרא, אַ רויטן אָפּטייל, וואָס האָט אָפּ־געטיילט דעם אויבערשטן טייל פון דעם אונטערשטן. אויב דער קרבן איז געווען פון אַ בהמה, האָט מען ביי דער עולת בהמה געשפּריצט דאָס בלוט אויף דעם אונ־טערשטן טייל פון דעם מזבח. ביים חטאת פון אַ בהמה אָבער, האָט מען דאָס בלוט געשפּריצט אויף דעם אוי־בערשטן טייל פון מזבח.

דאַקעגן, ווען דער קרבן איז געווען פון אַן עוף, איז דער דין געווען פאַרקערט: ביים דער עולת העוף האָט מען דאָס בלוט געשפּריצט אויבן, אויף דעם אויבערשטן טייל פון מזבח און ביי דער חטאת העוף האָט מען דאָס

בלוט געשפריצט אונטן, אויף דעם אונטערשטן טייל פון מזבח. טאָמער האָט מען געמאַכט אַנדערש, איז דער קרבן געוועז פסול.

פאַרוואָס איז דאָס געוועז אַזוי? איינער פון אונדזערע גרויסע חסידישע רבי'ס האָט דאָס דערקלערט זייער שיין. ער האָט געזאָגט אַזוי. ווער האָט געברענגט אַ קרבן פון אַ בהמה? נאָר אַ עושר. אַזוי שטייט אין דער תורה: אַן עושר, אַ רייכער מאַן האָט זיך געקענט דערלויבן צו קויפן אַ גאַנצע בהמה און זי צו ברענגען פאַר אַ קרבן. אַן אָרימאַן דאַקעגן, האָט נישט געקענט זיך דערלויבן צו ברענגען אַ גאַנצע בהמה, האָט ער געברענגט בלויז אַן עופהלע. פאַר דעם רבש"ע איז געווען טאַקע, אחד המרבה ואחד הממעיט, ביידע זיינען געווען גלייך אָנגענומען. אָבער פאַר דעם מענטש איז געווען אַ חילוק: אַן עושר האָט נישט געקענט האָבן קיין העזה צו קומען מיט אַ קליין עופהלע; ער האָט געמוזט ברענגען אַ גאַנצע בהמה. דער אָרימאַן נעבעך האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברי־רה, נאָר צו ברענגען אַן עוף.

פון דעם פאַרשטייט זיך, אַז יעדעס מאָל ווען דער קרבן איז געווען פון אַ בהמה, האָט ער געמוזט קומען פון אַן עושר. דער קרבן האָט דאַן געקענט זיין: אָדער אַן עולה, אָדער אַ חטאת. אַן עולה איז געווען אַ נדבה־זאַך; מען האָט פון דעם אייגענעם ווילן געברענגט אַ קרבן צו ג־ט. אַ חטאת אָבער איז געווען אַ פליכט, אַלס אַ כפרה פאַר אַ זינד, וואָס דער מענטש איז באַגאַנגען. פון

דעם איז ווייטער צו זען, אַז אַן עולת בהמה איז געקומען אַלס אַ נדבה פון אַן עושר. אַ נדבה פון אַן עושר! וואָס פאַר אַ חשיבות האָט זי? אַן עושר גיט מסתמא אויס אויף פאַרשידענע לוקסוסן און שווילטאַגן; אויף נאַריש־קייטן און תענוגים. נו? וואָס איז דאָ צומאַכן אַ צימעס פון דעם, אַז ער גיט אַמאָל אַ נדבה אויך? דערפאַר איז דער דין, צו שפּריצן דאָס בלוט פון אונטן. אַ חטאת בהמה קומט אויך פון אַן עושר, נאָר קומט אַלס אַ פליכט פאַר אַ זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען. דאָס איז שוין אַ זייער גרויסער ענין. אַן עושר ברענגט אַ חטאת! דאָס הייסט, ער באַקענט זיך, אַז ער איז באַגאַנגען אַ זינד. דאָס איז אַ גרויס חשיבות, ווייל זייער זעלטן איז אַן עושר מודה, אַז ער טוט עפּעס, וואָס איז נישט ריכטיק. אַן עושר טוט געוויינלעך אָפּ כל מיני מעשים רעים און האַלט, אַז ער איז גערעכט. אנו, פּרוווט און דערלויבט אייך אויפמערק־זאַם צו מאַכן אַ רייכן מענטש אַז ער טוט עפּעס וואָס איז נישט אין אָרדענונג, וועט ער אייך דורס זיין. דאָ איז פּלוצים געקומען אַן עושר; און האָט געברענגט אַ חטאת בהמה, און דערקלערט אַליין, אַז ער האָט גע־זינדיקט. אַזאַ עושר איז ווערט, מען זאָל אים אָפּגעבן כבוד און דאָס בלוט פון חטאת בהמה שפּריצט מען אויבן, אויף דעם אויבערשטן טייל פון מזבח.

ביים קרבן פון עופות, איז געווען פאַרקערט, ווייל ווער האָט געברענגט אַן עוף? אַן אָרימאַן. און וואָס האָט ער געברענגט? אַ קרבן חטאת? נו, מאי כולה האי? דער

אַרעמאַן האָט געזינדיקט? וואָס פאַר אַ רבותא איז דאָס? ווען זינדיקט אַן אַרעמאַן ניט? אַן אַרעמאַן איז בלויז זינד, אפילו ווען ער טוט דאָס בעסטע, טויג עס אויך נישט. דאָס בלוט פון חטאת העוף, וואָס איז געקומען פאַר אַ זינד פון אַן אַרעמאַן, האָט מען דערפאַר געשפריצט אונטן. מען האָט דערפון ניט געמאַכט קיין שום עסק.

ווען דער קרבן אָבער איז געווען אַן עולת העוף, דאָס הייסט אַן אַרעמאַן האָט געבערענגט אַן עולה, אַ נדבה, דאָס איז טאַקע אַ גרויסער יחוס. אַן אַרעמאַן, וואָס האָט געבעך אליין נישט און גיט אַ נדבה! דאָס בלוט פון אַזאַ קרבן, האָט מען מיט אַ פּאַראַד געשפריצט אויבן, אויף דעם אויבערשטן טייל פון מזבח.

די דינים פון די קרבנות זיינען דערפאַר געווען זייער וויכטיק און אפילו היינט, ווען מיר האָבן נישט די מעשׂה הקרבנות, זיינען די דינים פאַר אונדז, אַ קוואַל פון דער־הויבנקייט, פון עטיק און מאָראַל.

שמיני

אין דער סדרה פון דער היינטיקער וואָך ווערט דער־ציילט וועגן דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס איז פאָרגע־קומען ביי אהרן הכהן: עס זיינען ביי אים פלוצלונג אָפּ־געשטאָרבן זיינע צוויי יונגע זון: נדב ואביהו.

דער פסוק זאָגט: ותצא אש מלפני ד׳ ותאכל אותם וימותו לפני ד׳״; און עס איז אַרויס געגאַנגען אַ פייער פון פאַר ג־ט און האָט זיי פאַרברענט און זיי זיינען גע־שטאָרבן פאַר ג־ט.

וועגן דער סבה פון זייער פלוצלומדיקן טויט זיינען אין דער גמרא פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען.

לויט איין שיטה איז זייער זינד געווען: נכנסו לפני ולפנים אל קדשי הקדשים. זיי האָבן זיך דערלויבט אַריין צו גיין אין דעם הייליקסטן אָרט, וואָס עס איז געווען פאַרבאָטן.

אַ צווייטע שיטה האַלט, אַז „הורו הלכה בפני רבם״; זיי האָבן זיך דערלויבט צו דעצידירן אין זאַכן פון הלכה אין דער תורה, אין דער קעגנוואַרט פון זייער רבין, נישט אָנפרעגנדיק אים פריער.

נאָך אַ דריטע מיינונג איז פאַראַן, אַז נדב ואביהו האָבן געזאָגט: „מתי ימותו שני זקנים הללו ואני ואתה נגהיג את הדור״. ווען וועלן שוין די צוויי זקנים — משה און אהרן — אַוועקשטאַרבן און מיר ביידע זאָלן קענען איבערנעמען די פירערשאַפט אויף זייער אָרט.

די אַלע סיבות וואָס די גמרא גיט אָן, זיינען פאַר אונדז לגמרי אומפאַרשטענדלעך. מיר פאַרשטייען ניט, פאַר וואָס האָבן חז״ל צוגעשריבן צו אַזעלכע גרויסע מענטשן, ווי נדב ואביהו אַזעלכע זינד ווי: קנאה, עזות צו פסקנען הלכות אין קעגנוואַרט פון זייער רבין, אָדער זיך דערלויבן אַריין צו גיין אין הייליקסטן אָרט, וואָס עס איז געווען פאַרבאָטן.

עס איז באַזונדער שווער צו פאַרשטיין, צו וואָס האָבן חז״ל געזוכט פרעמדע, ווייטע סיבות פאַר דעם טראַגישן טויט פון נדב ואביהו. עס שטייט דאָך בפירוש אין דער תורה, פאַרוואָס דאָס איז געשען. די תורה זאָגט: „ויקריבו לפני ד׳ אש זרה״; זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין הייליק-טום פרעמד פייער, דעריבער זיינען זיי באַשטראָפט גע-וואָרן. אויף אַ צווייטער שטעלע אין דער תורה שטייט אויך אַזוי: „בהקריבם אש זרה״, ווייל זיי האָבן דערנענ-טערט פרעמד פייער פאַר ג-ט.

דער גאַנצער שווערער ענין ווערט קלאָר אין ליכט פון אונדזערע היינטיקע צייטן און איז זייער כאַראַקטע-ריסטיש פאַר דער אייביקער אַקטואַליטעט פון אונדזער תורה.

ווי באַקאַנט, פלעגט אויף דעם מזבח אַראָפּצוקומען הייליק פייער פון הימל. דער דין איז אָבער געווען, אַז „אעפ"י שהאש יורדת מן השמים מצווה להביא מן ההדיוט". כאָטש עס איז געקומען הייליק פייער פון הימל, האָט מען געדאַרפט צוברענגען פרעמד, פשוט פייער אויך און נישט ברענען בלויז מיט הייליק פייער אַליין. לפי זה, האָבן דאָך נדב ואביהו גאָר ניט געזינדיקט מיט דעם, וואָס זיי האָבן געברענגט אש זרה, פרעמד פייער, ווייל אַזוי איז דאָך געווען די מצווה און מען האָט געדאַרפט אַזוי טאָן.

חז"ל האָבן דערפאַר געזוכט צו געפינען די אמתע סיבות פון זייער פריצייטיקן טויט. זיי האָבן געזוכט סי־בות, אַזעלכע, וועלכע זאָלן זיך לאָזן אַריינשטעלן אין דעם אויסדרוק פון אש זרה. חז"ל האָבן אויך אויסגעפי־נען, אַז דער טויט פון נדב ואביהו איז געווען אַ מאָדנער. עס איז געווען: שריפת נשמה וגוף קיים. בלויז זייערע אינערע נשמות זיינען ביי זיי פאַרברענט געוואָרן, אָבער זייערע גופים, זייערע קערפּער זיינען נישט באַרירט גע־וואָרן. וואָס מיינט דאָס?

הימליש פייער, פרעמד פייער מיינט — לויט חז"ל — נישט בלויז פייער אויף דעם מזבח, נאָר מיינט אויך סימ־באָליש, דאָס גייסטיקע פייער אין דער מענטשלעכער נשמה; אויך דאָס גייסטיקע פייער אין דער מענטשלעכער נשמה, קען זיין הייליק און קען זיין פרעמד; קען זיין אומהייליק. אונדזער תורה האָט קיינמאָל נישט פאַרבאָטן

זיך צו באַקענען מיט פרעמדע וועלטלעכע אידעאַלן, מיט פרעמדע פייערן. יידישע תורה האָט נישט קיין מורא פאַר קיין שום פרעמדע תורות. זיי קענען בכלל נישט קאָנקורירן מיט יידישער תורה. עס איז בלויז אַ גרויסער אונטערשיד, ווי אַזוי מען גייט צו, צו דעם פּראָבלעם. אויב אַ ייד איז קודם כל אינגאַנצן דורכגעדרינגען מיט זיין הייליק, יידישן פייער, מעג ער זיך דאַן אויך באַקענען מיט אַלע וועלטלעכע פייערן, זיי קענען אים דאַן גאָר נישט שאַדן. אָבער ווען מען הויבט אָן מיט דעם וועלטלעכן, פרעמדן פייער; אויב מען שטאָפּט זיך אָן קודם מיט פרעמדע אידעאַלן, דאַמאָלס האָט יידישקייט מער נישט קיין פּלאַץ אין דער יידישער נשמה.

איינער פון אונדזערע גרויסע דענקער האָט געגעבן צו דער פראַגע אַ זייער טרעפלעך משל. ער האָט דערציילט, אַז אַ בעל בית׳טע האָט צוגענומען אַ נייע דינסט און האָט איר געוויזן ווי אַזוי מען גרייט צו דעם סאַמאָוואַר, כדי צו מאַכן טיי. זי האָט איר געוויזן, אַז דאַ גייסט מען אָן וואַסער און דאָ איז אַ קומען; ווי מען לייגט אַריין פייער און מען שיט צו קוילן. די קוילן צוברענען זיך, דאָס וואַסער ווערט הייס און דאַן גיט מען טיי. אָבער ווען די בעל בית׳טע איז געקומען אין קיך, האָט זי, אָנשטאָט טיי, געטראָפן אַ גאַנצן חורבן. דער סאַמאָוואַר איז געווען פאַרברענט און דאָס וואַסער איז געווען אינגאַנצן אויסגעגאָסן אויף דעם באָדן. וואָס איז געשען? — האָט זי געפרעגט. — דאָס משרת האָט אָבער, קאַטעגאָ-

ריש דערקלערט, אַז זי האָט אַלעם געטאָן ווי מען האָט איר געהייסן; זי האָט אויף דעם ריכטיקן אָרט געגאָסן דאָס וואַסער און אויך ריכטיק געגעבן דאָס פייער. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט בלויז איין קלייניקייט: זי האָט קודם אין דער ליידיקער מאַשין אַריינגעגעבן דאָס פייער. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַ ליידיקן סאַמאָוואַר האָט דאָס פייער אויסגעברענט גאַנצע לעכער, דאַן ווען זי האָט געגאָסן וואַסער, איז דאָס וואַסער דורך די אויסגעברענטע לעכער, אויסגערונען אויף דעם באָדן.

ווען מען איז קודם פול מיט יידישער תורה, קענען פרעמדע תורות העכסטנס אָנוואַרעמען דעם יידישן גייסט. אָבער ווען מען פילט אָן די ליידיקע יידישע נשמות מיט פרעמדן גייסט, ווערן זיי גאַנץ פאַרברענט און דערנאָך ווען מען גיסט אפילו אַריין יידישקייט, רינט עס אַדורך דורך די פאַרברענטע לעכער...

אַלע סיבות, וואָס חז״ל האָבן אָנגעגעבן פאַר דעם פריצייטיקן טויט פון נדב ואביהו, זיינען בלויז אָן אויס־טייטשונג פון דעם אויסדרוק **„אש זרה"**. **נדב ואביהו** זיי־נען געווען גרויסע מענטשן. זיי זיינען געווען פול מיט התלהבות און טעמפעראַמענט; זיי האָבן געגלויבט, אַז יידישקייט איז אַזוי שטאַרק, אַז מען דאַרף זיך כלל נישט שרעקן פאַר קיין שום פרעמדע פייער און עס איז נישטא קיין חילוק, וואָס עס קומט פריער. תמיד איז יידישקייט געווען שטאַרק און עס קען באַזיגן אַלע פרעמדע תורות. זיי האָבן באַקעמפט די אַלטע אָנגענומענע אָרדענונג, אַז

עס מוז קודם כל קומען דאָס הייליקע פייער. זיי זיינען אַריין אין הייליקטום און דאָרט געוואָלט איינפירן אַ נייעם סיסטעם. זיי האָבן זיך נישט בּאַראַטן מיט זייערע אַלטע רבים; זיי האָבן נאָר אַרויסגעקוקט דערויף; אַז דער אַלטער דור זאָל אָפּשטאַרבן, דאַמאָלס וועלן זיי איינפירן זייער נייעם סיסטעם פון זיך בּאַקענען מיט דעם פרעמדן פייער און אים בּאַנוצן צו יידישקייט. דאָס איז געווען זייער גרויסער טעות; זיי האָבן פאַרגעסן, אַז זיי אַליין האָבן געהאַט אַן אַנדערע דערציאונג; ביי זיי אַליין איז קודם געווען יידישער גייסט און דערפאַר האָט דאָס פרעמדע זיי נישט געשאַדט, אָבער ביים נייעם יונגן דור, אויב מען וועט אָנהויבן מיט דעם פרעמדן, וועט עס צופירן צו שריפת נשמה וגוף קיים; עס וועלן זיין בּלויז גאַנצע גופים אָן נשמות.

די טראַגעדיע פון נדב ואביהו איז דערפאַר אַן אייביקע. אונדזער יוגנט רעוואָלטירט קעגן דעם אַלטן אָנגענומענעם סיסטעם בּנוגע צו יידישע תורה און וועלטלעך וויסן; זי האַלט, אַז זי קען קודם זיך אָנשטאָפּן מיט פאַרשידענע פרעמדע פייערן און דערנאָך זיך אויך בּאַקענען מיט יידישקייט. דאָס איז פאַלש, ווייל דאָס האָט געפירט און פירט תמיד צו דעם, וואָס חז״ל האָבן אַזוי טרעפלעך כאַראַקטעריזירט צו: שריפת נשמה וגוף קיים. עס דרייען זיך דאַן אַרום בּלויז גופים אָן נשמות.

תזריע

די סדרה פון דער היינטיקער וואָך באַשעפטיקט זיך מיט די פאַרשידענע קראַנקהייטן, וועלכע באַפאַלן דעם מענטשלעכן קערפער.

חז"ל האָבן פאַרבונדן אַלע קערפערלעכע קראַנקהייטן פון אַ מענטש מיט דעם גייסטיקן, עטישן און זעלישן צו־שטאַנד פון דעם חולה. אַלע קערפערלעכע קראַנקהייטן זיינען, לויט חז"ל, אַ פועל יוצא, אַ קאָנסעקווענץ פון די גייסטיקע דעפעקטן, וואָס דער מענטש האָט אין זיין נשמה. די פיזישע זייט פון מענטש איז געבונדן מיט זיין גייסטיקער, עטישער זייט.

דער מדרש אין דער היינטיקער סדרה באַהויפּטעט, אַז אַלע קראַנקהייטן, וואָס קומען אויף אַ מענטש שטאַ־מען הויפּטזעכלעך פון דעם, וואָס דער מענטש פירט זיך מאָראַליש ניט אויף, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

די גמרא רעכנט אוים אַ גאַנצן צעטל פון מאָראַ־לישע זינד וועלכע פאַראורזאַכן פאַרשידענע קראַנק־הייטן אין דעם מענטשלעכן קערפער. חז"ל זיינען געווען גרויסע מאָראַליסטן און האָבן געזוכט אין יעדן דין פון דער תורה צו דערגיין זיין מאָראַלישע כוונה. ביי דער

פרשה פון נגעים האָבן חז״ל זיך אָפּגעשטעלט און גע־פרעגט: למה נגעים באים על האָדם? די פראַגע איז אַ צווייפאַכע. איינמאָל: פון וואָס קומען קראַנקהייטן אויף אַ מענטשן? און נאָך אַ פראַגע: צו וואָס קומען זיי? וואָס באַצוועקן זיי? חז״ל קומען צו אַ באַשלוס, אַז אַלע קראַנק־הייטן און עפּידעמיעס ברענגט דער מענטש אויף זיך אַליין. דער קערפּערלעכער צושטאַנד פון אַ מענטש הענגט בעיקר אָפּ פון דעם באַגריף „שכר ועונש״: באַלוינונג און שטראָף. דער מענטש אַליין מיט זיינע מעשים פאַראור־זאַכט: אָדער געזונטהייט, אָדער קראַנקהייט פון זיין גוף.

טויזנטער יאָרן האָט די וועלט געקוקט אויף די מאמר חז״ל, ווי אויף ריינע רעליגיעזע באַהויפּטונגען, וואָס האָבן גאָר נישט צו טאָן מיט עקזאַקטער וויסנשאַפט. היינט אָבער לעבן מיר אין אַ צייט, אין וועלכער די מאָ־דערנע פּסיכאָלאָגיע קאָפּירט בוכשטעבלעך אָפּ, די מאמרי חז״ל אויף דעם ענין פון נגעים.

פון תמיד אָן איז מעדיצין געשטאַנען אויף אַ פעסטן שטאַנדפּונקט, אַז קראַנקהייטן זיינען בלויז פיזישע דע־פעקטן. אפילו גייסטיקע קראַנקהייטן זיינען אויך צו־געשריבן געוואָרן, צו דער קערפּערלעכער זייט פון דעם מענטש. אַ מענטש איז גייסטיק נישט אין אָרדענונג, ווייל ער איז נערוועז — קראַנק. נערוון זיינען קערפּערלעכע טיילן פון דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם. לויט דעם איז אויסגעקומען, אַז אַלע קראַנקהייטן שטאַמען פון דעם גוף. מאָדערנע פּסיכאָאַנאַליטיק לייקנט אינגאַנצן אָפּ די

באהויפטונג און באשטעטיקט, אז נאר א קראנקער גייסט ברענגט די גייסטיקע קראנקהייטן. ניט די קראנקע נערוון ברענגען קראנקע געדאנקען, נאר פארקערט: קראנקע געדאנקען ברענגען קראנקהייטן צו די געזונטע נערוון. עס איז שוין היינט קלאר און אומשטרייטבאר, אז עס זיינען פאראן קראנקהייטן, וועלכע האבן בכלל נישט קיין סימפטאמען אין דעם מענטשלעכן גוף; זיי האבן נישט קיין סיבות און קיין שום פארבינדונג מיט עפעס א קער־פערלעכן טייל פון דעם מענטשלעכן ארגאניזם. שולדיק זיינען דערפאר בלויז די פסיכישע כוחות אין דעם מענטש. מאדערנע פסיכאלאגיע מאכט דערפאר נאך א שריט ווי־טער און באהויפטעט, אז נישט בלויז ביי גייסטיקע קראנקהייטן, נאר ביי אלע קראנקהייטן בכלל, איז דא א מעגלעכקייט צו דערגרונטעווען זייערע סיבות; אבער נישט ווען מען זוכט זיי אין דעם גוף פון דעם מענטש, נאר ווען מען זוכט זיי אין דער מענטשלעכער נשמה.

ביי יעדן מענטש זיינען פאראן פארבארגענע ווינקע־לעך, איבער וועלכע דער מענטש אליין איז זיך כלל נישט באוווסטזיניק. אין די פארבארגענע ווינקעלעך געפינען זיך די סיבות, וואס דריקן דעם מענטש און מאכן אים שווער דאס לעבן. יעדע איבערלעבונג פון א מענטש. אפילו פון א קליין קינד לאזט איבער אין זיין פסיכי־שפורן, וואס קומען ארויס אויף דער אויבערפלאך אין געוויסע צייטן. אויב א מענטש האט געהאט אין זיין לעבן געוויסע אימפולסן, געוויסע עמאציעס, געוויסע גע־

פילן, וועלכע זיינען נישט ווי געהעריק אדורכגעפירט גע־וואָרן, האָבן זיי אין זיין נשמה איבערגעלאָזט אַ מין רים, עפּעס אַ מין נעווראָטישן סימפּטאָם. דער נעוורא̇טישער סימפּטאָם קומט אַרוים ענדלעך שפּעטער אויף דער אויבערפלאַך, נאָר ער איז איינגעהילט אין אַן אַנדערע צורה; ער קומט אין פאָרם פון אַ קערפּערלעכער קראַנקהייט.

וווּנדערלעך האָט פּראָפ. פרויד סטיליזירט די שיטה. ער האָט אָנגעשריבן, אַז די מענטשלעכע נשמה איז אַ מין **בית הקברות**, ווו דער מענטש באַגראָבט אַ סך פון זיינע שטרעבונגען און געפילן, וועלכע ער קען ניט פאַרווירק־לעכן. דער בית הקברות אָבער פון דער מענטשלעכער נשמה, איז אַנדערש פון דעם בית הקברות פון אַ מענטש־לעכן גוף. אין דעם בית הקברות פון דעם מענטשלעכן גוף ליגן באַגראָבן טויטע מתים. אָבער אין דעם בית הקברות פון דער מענטשלעכער נשמה ליגן באַגראָבן נישט קיין טויטע מתים, נאָר לעבעדיקע בר מיננס, וואָס וואַרטן אויף אַ שעת הכושר אַרויסצוקומען פון זייערע קברים. זיי קומען טאַקע אַרויס: נאָר זיי קומען אין אַן אַנדערער געשטאַלט; זיי קומען אָנגעטאָן אין פרעמדע תכריכים; זיי טראָגן פאַלשע פאַרוקן און ווייזן פאַלשע פּאַספּאָרטן. זיי אַנטפּלעקן זיך אויף דער אויבערפלאַך אין דער פאָרם פון קראַנקע נערוון, פּאַראַליז, קאַפּווייטאָג וכדומה. אין הינטערגרונט אָבער זיינען דאָס בלויז אַלטע גייסטיקע חטאים, וואָס האָבן ענדלעך זיך דערוואַרט אויף זייער תיקון.

ווער עס באַקענט זיך מיט מאָדערנער פּסיכאָאַנאַלי-
טיק, הויבט אָן צו פאַרשטיין מאמרי חז"ל. אין מדרש
און אין אונדזערע קדמונישע ספרים הייסט עס, אַז אין
דער יידישער תורה זיינען פאַראַן תרי"ג מצוות — 613
געבאָטן. פון די 613, זיינען רמ"ח 248, געבאָטן, וואָס אַ
ייד איז מחוייב צו טאָן און 365 שס"ה, זיינען פאַרבאָטן,
וואָס דער ייד טאָר נישט טאָן. אויך דער מענטשלעכער
אָרגאַניזם האָט, לויט דעם אויפוּוייז פון דער גמרא, 613
טיילן. פון די 613 טיילן אין דעם מענטשלעכן גוף, זיינען
248 גלידער, איברים און 365 זיינען אָדערן, גידין, אָדער
נערוון. די קראַנקהייטן פון אַ ייד שטאַמען דערפון, וואָס
ער לעבט זיך נישט אוים גייסטיק, לויט די פאַרשריפטן
פון 613 מצוות, פון דער תורה; יעדער עבירה, יעדער טאַט,
וואָס אַ ייד טוט קעגן די 613 פאַרשריפטן פון דער תורה,
לאָזן אין זיין שורש נשמה איבער אַ געוויסן פגם, דאָס
איז אַ געוויסער דעפעקט, וואָס קומט אַרוים אויף דער
אויבערפלאַך אין דער פאָרם פון עפּעס אַ קראַנקהייט אין
איינעם פון זיינע 613 טיילן פון זיין קערפּער.

אין זייער פּשוטע ווערטער זאָגט דאָס דער מדרש אין
דער היינטיקער סדרה: עשר פרשיות של נגעים הם כנגד
עשרת הדברות שאם מקיימים אותם ניצולים מהם. אין
דער סדרה פון דער היינטיקער וואָך, זיינען פאַראַן צען
פרשיות, וואָס רעדן פון נגעים, פון פּלאָגן, פון קראַנקהייטן
און עפּידעמיעס, ווייל יידן האָבן עשרת הדברות און ווען

זיי וועלן מקיים זיין דאָס, וואָס שטייט אין די עשרת הדברות וועלן זיי נישט וויסן פון קיין שום נגעים.

ר׳ לוי פירט דאָן אויס, אַז נישט נאָר אין נגעים, נאָר בכלל מוז אַ מענטש וויסן, אַז מאָראַל און עטיק איז נישט בלויז בנוגע צו אַ צווייטן, נאָר הויפּטזעכלעך בנוגע צו זיך אַליין. אויב אַ מענטש איז גוט, איז ער גוט, נישט בלויז צו יענעם, נאָר אויך צו זיך; אויב אַ מענטש איז שלעכט, איז ער אויך שלעכט, נישט בלויז צו יענעם, נאָר טאַקע צו זיך אַליין. און ר׳ לוי זאָגט, אַז אַזוי שטייט אין דער תורה. עס שטייט: אבן שלימה וצדק יהיה לך. די פּשוטע טייטש פון די ווערטער איז: אַ גערעכטע און אַ גאַנצע מאָס, אָדער וואָג זאָלסטו האָבן: דער אויסדרוק „יהיה לך״, האָט נאָך אַן אַנדערע טייטש: „וועט זיין צו דיר״. דאָס זיינען נישט קיין צוויי פּשטים, נאָר איינער, ווייל ביידע זיינען אָפּהענגיק איינער פון דעם צווייטן. אויב דו וועסט האָבן אַ גערעכטע וואָג פאַר יענעם, וועט אויך זיין אַ גערעכטע וואָג פאַר דיר; אויב אָבער דו וועסט האָבן אַ פאַלשע וואָג פאַר יענעם, וועט פאַר דיר אויך זיין אַ פאַלשע וואָג. עס דאַכט זיך בלויז, אַז דער נישט מאָראַ־לישער וועג איז דערפאַלגרייך. דאָס איז בלויז אויף דער־ווייל, אין אמתן אָבער איז ערלעכקייט, דער גליקלעכס־טער וועג אין לעבן.

דאָס איז די מאָראַל פון פרשת נגעים.

מצורע

איינע פון די וויכטיקסטע יסודות פון דער יידישער אמונה, איז אָפּטימיזם: קוקן אויף דער וועלט און אויף אַלעם אין דער וועלט מיט גוטסקייט און דאַנקבאַרקייט. פּונקט, ווי אין זיין פּריוואַטן לעבן, דאַרף דער מענטש זיך אָפּשטעלן אויף דעם, וואָס ער האָט; ער דאַרף זיך באַנוגן מיט דעם, וואָס ער האָט און קיינמאָל זיך נישט אָפּשטעלן אויף דעם, וואָס ער האָט ניט און וואָס, ער וואָלט געוואָלט האָבן; אַזוי איז אַ ייד מחויב אויך אין זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן צו קוקן אויף אַלעם, מיט אויגן פון זוכן דאָס גוטע, דאָס איידעלע און דאָס דערהאבענע. אַ גרויסער חסידישער רבי האָט יעדן טאָג פאַר דעם דאַווּ־נען געזאָגט אַ תפילה, אין וועלכער ער האָט זיך געבעטן ביים רבש״ע: יהי רצון שנזכה כל אחד לראות מעלת חבירו ולא חסרונו. מיינע אויגן זאָלן תמיד זען בלויז די מעלות פון מיין חבר און נישט זיינע חסרונות. פאַראַן מענטשן, וואָס קוקן אויף אַלעם דורך אַ שוואַרץ גלאָז און זען אין יעדן בלויז חסרונות. זיי זען בלויז דאָס שלעכ־טע און נישט דאָס גוטע. דערפון קומט די שרעקלעכע מדה פון לשון הרע, וואָס חז״ל באַטראַכטן פאַר דעם

ערגסטן המא פון א מענטש; לשון הרע איז, לויט חז״ל, ערגער פון הרגנען א מענטש; ווען מען א הרג׳ט א מענטש הרג׳ט מען בלויז איינעם; מיט לשון הרע אבער הרג׳ט מען דריי מענטשן; דעם, אויף וועלכן מען רעדט; דעם, צו וועלכן מען רעדט און ער נעמט אן די לשון הרע; און זיך אליין, דאס איז דעם, וואס רעדט די לשון הרע.

אויף דעם ערשטן פסוק פון דער היינטיקער סדרה: זאת תהיה תורת המצורע, זאגן חז״ל: דא רעדט זיך נישט פון א פיזישער באהאנדלונג פון א מענטשלעכן קערפער; מצורע מיינט נים קיין הויט קראנקהייט, נאר מצורע מאכט; מוציא רע און מיינט, דעם, וואס ברענגט ארויס פון זיך שלעכטס. זאת תהיה תורת המצורע באציט זיך אויף דער גייסטיקער פאראומרייניקונג פון דער מענטש־לעכער נשמה; אויף דעם, וואס איז א לשון הרע זאגער.

מוציא רע, אדער לשון הרע איז געווען און איז ביז היינט די סיבה פון אלע צרות פון די בני ישראל, אין אלע צייטן און אין אלע עפאכן. לשון הרע איז ווי א בלוטיקע מגילה אויסגעשפרייט, איבער דעם הימל פון דער יידישער היסטאריע און אויף איר, אויף דער לשון הרע מגילה איז אנגעשריבן די גאנצע יידישע בלוטיקע געשיכטע, וועלכע באשטייט הויפטזעכלעך פון די מאטע־ריאלן ווי: שנאה, קנאה, פירוד הלבבות און ברודער קריג, וואס שטאמען בעיקר פון לשון הרע.

אויף דער סדרה פון דער וואך איז אין מדרש פאראן א דרש, וואס איז זייער שווער און אונדזערע גדולים אין

אַלע ציטן האָבן דעם דרש אויסגעטייטשט מיט פּאַרשי־דענע פּשטים.

דער דרש לויטעט:

ר׳ יהושע בן לוי זאָגט, אַז פינף מאָל שטייט אין דער היינטיקער סדרה דער אויסדרוק „תורת המצורע״, ללמדך שכל העובר על לשון הרע עובר על חמשה חומשי תורה. די פינף מאָל תורת המצורע לערנען אונדז, אַז דער וואָס רעדט לשון הרע, איז ער עובר אויף אַלע פינף חומשים פון דער תורה.

פאַרוואָס איז דער, וואָס רעדט לשון הרע עובר אויף אַלע חומשים פון דער תורה? און וואָס האָבן די פינף חומשים פון דער תורה צו טאָן מיט לשון הרע?

דער מדרש ווערט קלאָר, ווען מיר פאַרטיפן זיך אין דעם ענין פון לשון הרע.

פינף סאָרטן פון לשון הרע זיינען פאַראַן. פינף פאַר־שידענע מינים, וואָס יעדער מין פון זיי האָט אַן אַנדערע פאָרם און טראָגט אַן אַנדערן כאַראַקטער. יעדער מין פון די פינף מינים לשון הרע איז באַזונדער געשילדערט אין אונדזער תורה; און דאָס: יעדער מין, אין יעדן חומש פון די פינף חומשים פון דער תורה. מיט רעכט זאָגט דער־פאַר ר׳ יהושע בן לוי, אַז אין דער סדרה פון דער היינ־טיקער וואָך שטייט פינף מאָל דאָס וואָרט, „תורת המ־צורע״, כדי צו לערנען, אַז דער, וואָס רעדט לשון הרע, איז עובר אויף די פינף חומשים אין דער תורה, ווייל יע־דער חומש דערציילט פון אַן אַנדער סאָרט לשון הרע.

1) בראשית: שוין ביי די ערשטע בני ישראל, ביי די קינדער פון יעקב אבינו געפינען מיר די שרעקלעכע זינד פון לשון הרע און די גרויזאמע פּאַלגן, וואָס לשון הרע ברענגט.

דערציילט טאַקע די תורה, אין בראשית, אַז יעקב האָט געהאַט 12 זין, געראָטענע, מיט גרויסע מעלות און מדות, און דער בעסטער פון זיי איז געווען יוסף; אים האָט דער פאָטער מער ליב געהאַט פון אַלע זיינע קינדער; אָבער „ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם״: יוסף האָט געברענגט צו זייער פאָטער שלעכטע רייד אויף זיינע ברידער. יוסף האָט זיכער געמיינט ערנסט; ער איז דאָך געווען יוסף הצדיק; אפילו זיין קערפּער איז געווען הייליק און איז געבליבן אַ הייליקטום פאַר אַלע, אפילו נאָך זיין טויט; יוספס ביינער זיינען געווען דער סימבאָל פון צדקות; אָבער אין דעם חטא פון לשון הרע איז ער נכשל געוואָרן, דורך דעם, וואָס ער האָט געמיינט צדקות; ער האָט געברענגט גלות אויף יעקב מיט זיינע קינדער. עס האָט אים דאַן שפּעטער באַנג געטאָן; ער אַליין האָט דאַן שטאַרק געליטן פון דעם; עס האָט אָבער גאָרנישט גע־האָלפן: אַזוי איז די טבע פון לשון הרע, בשעת מעשה דאַכט זיך, אַז מען טוט אַ מצווה; מען זאָגט דאָך דעם אמת. פאַרוואָס זאָל מען נישט טאָרן דערציילן? די קאָנ־סעקווענצן שפּעטער אָבער, זיינען שוידערלעך, ווי ביי יוספן מיט זיינע ברידער.

די לשון הרע פון יוסף האט געברענגט צו שנאה פון זיינע ברידער צו אים; און פון שנאה איז געקומען צו שקר; זיי האבן דעם אייגענעם טאטן אפגענארט, באהויפטנדיק אז יוסף לעבט נישט מער; און פון שקר איז געקומען דער שרעקלעכער גלות מצרים, וואס האט געדויערט הונדערטער יאר און אפגעקאסט טויזנטער יידישע קרבנות.

2) שמות: א צווייטער סארט לשון הרע געפינט זיך אין צווייטן חומש"ל, אין שמות. דער לשון הרע איז פון נאך א גרעסערער מדרגה; און איז געווען ביים גרעסטן מענטש אין דער גאנצער מענטשהייט, ביי משה רבינו. דאס איז דער סארט לשון הרע ביים יידישן מנהיג.

ווען השי"ת זאגט צו משה רבינו: ער זאל גיין אויסלייזן די יידן פון מצרים, ענטפערט משה רבינו: והן לא יאמינו לי. זיי זיינען נישט קיין מאמינים; זיי וועלן מיר נישט גלויבן. משה רבינו האט די דריי ווערטער ארויסגעזאגט מיט ביטול, מיט גרינשעצונג אקעגן דעם יידישן כלל. חז"ל זאגן, אז הקב"ה האט נישט געוואלט מוחל זיין משה רבינו פאר די ווערטער. און דערפאר האט משה רבינו נישט זוכה געווען צו ברענגען די יידן אין זייער לאנד אריין. א יידישער מנהיג מוז זיין אפגעהיטן צו רעדן לשון הרע אויף אן עדה, אויף א כלל, און טאר קיינמאל נישט גרינשעצן יענעם, ווייל דאס איז לשון הרע און ברענגט ביטערע פאלגן.

3) ויקרא: א דריטער סארט לשון הרע איז דער פון ספר ויקרא, פון פרשת מצורע, וואס מיינט דעם מוציא

רע, דעם ווולגארן טיפּ פון רעדן רכילות און לשון הרע איינער אויף דעם צווייטן; טראָגן פון דעם פּרעזידענט צום גבאי, פון גבאי צום רב, ווי מען פּלעגט זאָגן אין דער אַלטער היים: טראָגן רכילות פון דער יאַטקע אין באָד אריין אָן אַ שום געדאַנק און אָן אַ שום ציל, נאָר כדי צו רעדן, כדי צו זיין אַ קאַבלעפּל און כדי אַרויסצערופן מח־לוקתן, אומזיסט און אומנישט.

דאָס איז דער טיפּ לשון הרע פון מצורע: שמוציקע מענטשלעך מיט שמוציקע רכילותן.

4) במדבר: אַ פּערטער סאָרט לשון הרע איז געשיל־דערט אין פערטן חומש אין במדבר. דאָס איז דער טיפּ פון נאַציאָנאַלער רכילות, וואָס די מרגלים האָבן געברענגט, צוריקקומענדיק פון ארץ ישראל. דער פּסוק זאָגט: הוציאו דבת הארץ: זיי האָבן גערעדט מלשינות אויף דעם לאַנד; זיי האָבן דערציילט זאַכן, איבער וועלכע מען האָט זיי נישט געפרעגט און זיי האָבן געברענגט דערצו, אַז אַ גאַנצער דור איז אויסגעשטארבן אין מדבר.

ליידער האָבן מיר אויך שפּעטער געהאַט אַ סך פון דעם טיפּ „מרגלים־לשון־הרע" און ביז היינט זיינען מיר פון זיי נישט פּטור. דער לשון הרע איז אויך איינער פון די שרעקלעכסטע. חז"ל זאָגן, אַז ווען יידן האָבן געזינ־דיקט ביים עגל און געדינט צו אַ געץ, האָט הקב"ה זיי יאָ מוחל געווען און געזאָגט סלחתי כדבריך, אָבער ווען די יידן האָבן געזינדיקט מיט די מרגלים, האָט נישט

געהאָלפן משה רבינוס תפילה, און זיי האָבן געמוזט אויס־שטאַרבן אין מדבר.

5) דברים: נאָך אַ פינפטער טיפּ לשון הרע איז פאַראַן און איז געשילדערט אין חומש דברים. דאָס איז דער פאַ־מיליען — לשון־הרע.

מרים, די שוועסטער פון משה רבינו; זי האָט גערעדט אויף איר אייגענעם ברודער וועגן זיין פאַמיליענלעבן, און זי איז באַשטראָפט געוואָרן מיט צרעת. די תורה זאָגט: זכור את אשר עשה ד׳ אלקיך למרים בדרך. גע־דענק, הייסט דאָס, אַז אפילו ביי דיר אין דערהיים, אפילו צווישן דיינע אייגענע ווענט, אַ ברודער אויף אַ שוועס־טער, אַ מאַן אויף אַ ווייב, איז אויך לשון הרע. דאָס איז פאַמיליען לשון הרע.

מיר האָבן פינף חומשים אין דער תורה און אין יעדן חומש איז דאָ אַן אַנדערער טיפּ פון לשון הרע.

אויב מען רעדט לשון הרע איז מען עובר אויף אַלע פינף חומשים פון דער תורה, ווייל אין די פינף חומשים איז געשילדערט די גרויזאַמקייט פון לשון הרע.

איין רפואה איז פאַראַן: „והובא אל הכהן", נאָר דער כהן, דער רעפּרעזענטאַנט פון תורה, דער קען אויסהיילן די מיאוסע קראַנקהייט; אין ליכט פון תורה ווייס מען, וואָס מען מעג יאָ זאָגן און וואָס מען טאָר נישט זאָגן, און שלום על ישראל.

אחרי

די ערשטע פרשיות פון דער היינטיקער סדרה רעדן פון דער עבודה, וואָס דער כהן גדול האָט געדאַרפט טאָן אין בית המקדש, אים יום כיפור.

דער פסוק זאָגט, אַז איינמאָל אין יאָר, אין צענטן טאָג פון חודש תשרי, זאָל יעדער ייד זיך רייניקן פון זיינע זינד און זאָל ריין ווערן פאַר ג־ט.

פונקט ווי אַ מענטש פאַרשטייט, אַז ער דאַרף ריין האַלטן זיין קערפּער, אַזוי מוז ער אויך פאַרשטיין, אַז ער מוז ריין האַלטן זיין נשמה. דער גוף פון אַ מענטש, אויב מען פאַרנאַכלעסיקט אים, ווערט ער שמוציק און אומריין. אויך די נשמה פון אַ מענטש, אויב מען גיט נישט אַכטונג אויף איר, ווערט זי שמוציק און אומריין. דער גוף פון אַ מענטש, ווען ער ווערט אומריין וואַשט מען און מען רייניקט אים — מען ברענגט אים אין אָרדנונג. אויך די נשמה, ווען זי ווערט שמוציק דורך שלעכטע מעשים, קען מען זי אָפּוואַשן און אויסרייניקן — מען קען זי ברענגען צוריק אין אָרדנונג.

דער טאָג פון יום כיפור רייניקט די מענטשלעכע נשמה און וואַשט אָפּ דעם שמוץ פון דעם מענטשלעכן גייסט.

אינטערעסאַנט איז, אַז איידער די פסוקים הויבן אָן צו רעדן וועגן יום כיפור און וועגן דער רייניקונג פון דער נשמה, דערמאָנט די תורה נאָכאַמאָל די טראַגעדיע, וואָס איז פאָרגעקומען ביי אהרן הכהן. זיינע צוויי גרויסע יונגע זין: נדב ואביהו, זיינען פלוצלונג געשטאָרבן. חז״ל זאָגן, אַז נדב ואביהו זיינען נישט געשטאָרבן מיט קיין קערפּערלעכן טויט, נאָר מיט אַ גייסטיקן טויט. ביי זיי איז געווען שריפת נשמה וגוף קיים. זייערע נשמות זיינען פאַרברענט געוואָרן, טראָצדעם וואָס דער קערפּער איז ביי זיי נישט באַרירט געוואָרן.

וועגן דעם פּריצייטיקן טויט פון נדב ואביהו זיינען אין דער גמרא פאַראַן אַ סך טעמים, אָבער אָנגענומען איז די אורזאַכע, וואָס חז״ל זאָגן: „וכבר היו משה ואהרן מהלכין בדרך וכל ישראל אחריהם אמר לי״ נדב לאביהו מתי ימותו שני זקנים הללו ואני ואתה ננהיג את הדור״. משה מיט אהרן זיינען געגאַנגען אין וועג און אַלע יידן זיינען זיי נאָכגעגאַנגען, האָט נדב געזאָגט צו אביהו: ווען וועלן שוין די צוויי אַלטע לייט אָפּשטאַרבן און איך מיט דיר וועלן פירן דעם דור.

ווידער הייסט עס, אַז דער גרעסטער שמוץ פאַר אַ מענטשלעכע נשמה איז לשון הרע. נדב ואביהו זיינען גייסטיק געשטאָרבן, ווייל זיי האָבן גערעדט לשון הרע אויף משה ואהרן; זיי האָבן, הייסט עס, געוואָלט, וואָס גיכער פּטור ווערן פון משה ואהרן, כדי זיי זאָלן קענען איינפירן זייערע סיסטעמען אין דער פאָלקס פירונג.

אין וואָס איז באַשטאַנען זייער קריטיק אויף משה ואהרן? איינער פון אונדזערע דענקער זאָגט, אַז אין די ווערטער פון דער גמרא איז אָנגעדייטעט זייער קריטיק: משה ואהרן היו מהלכין בדרך וכל ישראל אחריהם. די פירונג פון משה מיט אהרן איז נישט באַשטאַנען פון קיין טאָג טעגלעכן אַרומלויפן צווישן דעם פאָלק און זיי אָנ־ווייזן, וואָס יאָ צו טאָן און וואָס נישט צו טאָן; זיי האָבן נישט אַרויס געגעבן קיין דיקטאַטאָרישע באַפעלן צום פאָלק, ווי אַזוי זיי דאַרפן זיך אויפצופירן. אַזעלכע פירער דיקטירן געוויינלעך בלויז אַנדערע, ווי אַזוי זיי זאָלן טאָן און אַליין טוען זיי דאָס קעגנטייל פון דעם, וואָס זיי פרעדיקן. משה רבינו און אהרן האָבן געהאַט אַן אַנדערן סיסטעם פון פירונג; זיי זיינען זיך געגאַנגען אין וועג; זיי האָבן אַליין זיך געפירט מוסטערהאַפט. "וכל ישראל אחריהם" און דאָס גאַנצע פאָלק איז זיי נאָכגעגאַנגען. דאָס פאָלק האָט בלויז זיך איינגעקוקט אין דעם וועג, אויף וועלכן משה און אהרן זיינען געגאַנגען און דאָס, האָט געניגנט, זיי זאָלן וויסן, וואָס יאָ צו טאָן און וואָס נישט צו טאָן.

נדב ואביהו האָבן געוואָלט איינפירן אַ נייעם סיסטעם: דאָס פאָלק דאַרף נישט וויסן, ווי אַזוי דער פירער אַליין פירט זיך; דער פירער דאַרף בלויז געבן באַפעלן און דאָס פאָלק זאָל געהאָרכן. זיי האָבן דערפאַר געזאָגט: „ואני ואתה ננהיג את הדור". מיר ביידע וועלן פירן דעם דור; מיר וועלן זיי אָנווייזן, וואָס צו טאָן און וואָס נישט צו

טאָן. אָבער אונדזער אייגן לעבן דאַרף נישט זיין געבונדן מיט דעם פאָלק; זיי דאַרפן נישט וויסן, ווי אַזוי מיר אַליין פירן זיך פּריוואַט. דאָס איז נישט דער ריכטיקער תורה וועג, ווייל אַ תורה פירער דאַרף נישט אָנווענדן קיין דיקטאַטאָריש מיטל אויף לערנען יענעם עס דאַרף זיין גענוג זיין פּערזאָן אַליין; זיין אייגענע אויפפירונג דאַרף זיין גענוג צו קענען משפיע זיין אויף דעם פאָלק נאָכצוטאָן דאָס, וואָס דער מנהיג טוט און אויב די השפעה פעלט, וועט דער דיקטאַט אוודאי נישט העלפן און אין אַזאַ פאַלן איז: מוטב שלא לומר...

און אויסערדעם, וואָס זייער שיטה איז נישט געווען אויסגעהאַלטן על פי תורה, האָבן זיי בעיקר געזינדיקט מיט זייער לשון הרע און קריטיק אויף משה ואהרן.

אַ סך פון די מפרשים שטעלן זיך אָפּ אויף דעם, וואָס ביידע זין פון אהרן: נדב ואביהו זיינען באַשטראָפט געוואָרן. גערעדט האָט דאָך בלויז נדב צו אביהו; אביהו, הייסט עס, האָט בלויז געהערט, וואָס נדב האָט אים געזאָגט. פאַרוואָס איז אביהו געקומען אַ שטראָף? אָבער דער תירוץ איז, אַז לשון הרע הערן, איז פּונקט אַזאַ עבירה, ווי לשון הרע רעדן.

איך האָב פאַריקע וואָך אין מיין דרשה דערמאָנט דעם מדרש, אַז פינף מאָל שטייט אין דער תורה דער אויסדרוק תורת המצורע. מצורע מיינט, לויט דעם מדרש, דעם מוציא רע, דעם לשון הרע זאָגער, דעם וואָס ברענגט

פון זיך ארויס דאָס שלעכטע. פאַרוואָס טאַקע האָט די תורה אַוועקגעשטעלט פינף מאָל דעם אויסדרוק: תורת המצורע?

אינטערעסאַנט איז, אַז אויך דוד המלך, ווען ער רעדט וועגן לשון הרע אין תהלים, סטיליזירט ער זיינע ווערטער אין פינף זאַצן. ער זאָגט: 1) נצור לשונך מרע, 2) ושפתיך מדבר מרמה. 3) סור מרע, 4) ועשה טוב, 5) בקש שלום ורדפיהו; היט דיין צונג פון שלעכטס און דיינע ליפּן פון רעדן באַטרוג. קער זיך אָפּ פון שלעכטס און טו גוטס, זוך דעם שלום און יאָג זיך נאָך אים.

ריכטיק ווערט באַמערקט פון איינעם פון אונדזערע דענקער, אַז ביי לשון הרע זיינען פאַראַן פינף מדרגות:

די ערשטע מדרגה, די נידעריקסטע איז דער, וואָס גייט אַרום און רעדט געמיינהייטן אויף יענעם. ער שעמט זיך אפילו נישט מיט דער געמיינער מדה זיינער, און ווי ער קען, רעדט ער אוים אויף דעם צווייטן. זיין גאַנצע כוונה איז פשוט יענעם מבזה צו זיין און צו דערנידעריקן אומזיסט און אומנישט.

א צווייטע מדרגה, איז דער מענטש, וואָס האָט אין זיך אביסל בושה; ער קען נישט גלאַט אַזוי, מיר נישט, דיר נישט, נעמען רעדן אויף א צווייטן, אָן א פאַרוואָס. שטעלט ער אַרויס א כשר חזיר פיסל; ער הילט אַרום זיין לשון הרע מיט א מאַנטל פון פרומקייט; ער נעמט זיך מכלומרשט אָן, דעם רבש"ע'ס קריוודע; ער רעדט אויף

יענעם, ווייל עס איז אַ מצווה מפרסם צו זיין די זינדיקע און אויפצווייזן זייערע חטאים וכדומה.

אַ דריטע מדרגה איז דער, וואָס אליין רעדט ער גאָר נישט, אָבער ער הערט אונטער, ווי יענער רעדט און איז זיך „מחי״ צו הערן די לשון הרע; ער וואקסט פשוט אין דער לענג און אין דער ברייט, בשעת ער הערט, ווי מען רעדט אוים אויף יענעם אסור לדבר.

אַ פערטע מדרגה אין דער, וואָס נישט ער רעדט אליין, ניט ער האָט ליב אונטערצוהערן, אָבער אַז מען ברענגט אים די לשון הרע, האַלט ער, אַז מען דאַרף זי אָנעמען און יענעם פאַרדאַמען.

אַ פינפטע מדרגה איז דער, וואָס נישט ער רעדט אליין, נישט ער הערט, און נישט ער נעמט אָן די לשון הרע, נאָר ער מישט זיך נישט אין דעם גאַנצן עסק; ער ווייסט, אַז לשון הרעס גייען אַרום, אָבער וואָס גייט דאָס אים אָן? ער שטייט פון דערווייטנס. דאָס איז אויך לשון הרע, ווייל שווייגן, איז פונקט ווי רעדן; לשון הרע מוז באַקעמפט ווערן.

דוד המלך זאָגט דערפאַר קודם כל; נצור לשונך מרע, רעד נישט; ושפתיך מדבר מרמה, באַשווינדל נישט, אַז דו מיינסט דעם רבונו של עולם; סור מרע, גיי אַוועק פון דעם לשון-הרע-רעדער; ועשה טוב נעם נישט אָן, ווען מען ברענגט דיר לשון הרע, נאָר טו גוטס צו דעם, אויף וועמען מען האָט פאַר דיר גערעדט, ווייל דו טאָרסט קיין לשון הרע נישט גלויבן. בקש שלום ורדפהו, שטיי נישט פאַסיוו,

ווען דו ווייסט, אז לשון הרע גייט ארום אין שטאט, נאר באקעמף די געמיינע שמוציקע מדה.

דערפאר האט די תורה פינף מאל געשריבן: תורת המצורע.

פון דעם חטא, דארף א ייד אמשטארקסטן זיך רייניקן.

קדושים

יעדער וואָס לערנט מיט כוונה די סדרה פון דער הייליקער וואָך, יעדער וואָס פאַרטיפט זיך מיט פאַרשטאַנד אין איר, מוז ווערן איבערראשט און מוז שטוינען, ווי אַזוי די תורה האָט געקענט אין איין פרשה אריינלייגן אַזוי פיל נאָבעלע געדאַנקען, אַזוי פיל איידעלע געפילן און אַזוי פיל גוטסקייט, מענטשלעכקייט, ליבע און פריישאַפט. מען מוז מודה זיין, אַז אַלע קאָנסטיטוציעס, אַלע פרייהייטס דעקלאַראַציעס און אַלע מאָראַלישע תורות פון דער גאַנצער וועלט בלייבן אין שאָטן לגבי דער סדרה פון דער הייליקער וואָך.

שוין דער ערשטער פסוק לערנט אונדז זייער אַ סך. ג-ט זאָגט צו משה: רעד צו דער גאַנצער געמיינדע פון די יידן און די זאָלסט זיי זאָגן: הייליק זאָלט איר זיין. יעדער מענטש; מאַן אָדער פרוי; גרויס אָדער קליין; אַלע האָבן די מעגלעכקייט צו זיין הייליקע. צו הייליקייט דאַרף אַ ייד האָבן בלויז דריי איינגעשאַפטן: 1) גלויבן אין ג-ט. 2) לערנען תורה. 3) זיין גוט צו מענטשן.

צוערשט איז אמונה: גאָטספאַרכטיקייט: גלויבן, אַז די וועלט איז נישט הפקר; גלויבן; אַז עס איז פאַראַן אַ

ג־טלעכער כח, וואָס פירט די וועלט און אַז יעדער מענטש איז פאַראַנטוואָרטלעך מיט זיינע מעשים פאַר דער ג־טלע־כער השגחה.

דאָן קומט לערנען און וויסן. ניט קיין חכמהדיקע אי־בערגעשפּיצטקייט; ניט קיין קינסטלערישע בריהשקייט, אָדער ראַפינירטקייט; ניט קיין כיטרישע וויסנשאַפט, נאָר חכמה פון תורה; חכמה, וואָס פירט צו אַן אַנשטענ־דיקן, גייסטיקן לעבן.

און צולעצט גוטסקייט. נישט טאָן קיינעם קיין עוולה; שטרעבן צו טאָן גוטס יעדן מענטש; ניט באַשווינדלען און ניט אָפּנאַרן יענעם.

אויב אַ מענטש גלויבט אין ג־ט, לערנט תורה און טוט מעשים טובים, איז ער הייליק. געדענקען מיר טאַקע אַלע, ווי עס האָבן אויסגעזען אונדזערע טאַטעס און אונד־זערע זיידעס. קיין אונטערשיד, וואָס זייער טאָג־טעגלעכע באַשעפטיקונג איז געווען. צו זיי זיינען געווען רבנים, חזנים, שמשים, סוחרים, אָנגעשטעלטע, שניידער, שוס־טער, מעקלער, אָדער אַרבעטער. אַלע זיינען קודם כל געווען גלויביקע; זיי האָבן מורא געהאַט פאַר ג־ט. אַלע האָבן באַטראַכט תורה פאַר דער העכסטער חכמה און דעם העכסטן וויסן. יעדן טאָג פאַרנאַכט, זיינען אַלע גע־קומען הערן דעם שיעור. איינער אין לומדישן בית המדרש, אַ צווייטער אין שניידערישן שולעכל, צו אין שוסטערישן קלייזל. דאָס איז געווען דער גרעסטער גייסטיקער פאַר־גענינגן. אַלע האָבן אויך געשטרעבט צו מעשים טובים,

וואָס איז געווען זייער העכסטער אידעאַל. ניט זיי האָבן געהאַט שווימפּלעצער; ניט זיי האָבן געוווסט פון ספּאָרט שפּילן; ניט האָבן זיי פאַרשטאַנען וואָס הייסט קאָרטן, אָדער טענץ. מעשים טובים, דאָס איז געווען זייער אידעאַל, זייער הויפּטציל אין לעבן.

זיינען טאַקע אונדזערע טאַטעס און אונדזערע זיידעס געווען הייליק, מיט רעכט האָט יעדער יידישער קיבוץ, יעדע יידישע געמיינדע אין דער אַלטער היים, זיך גערופן: עדה קדושה: קהלה קדושה, אַ הייליקע געמיינדע, אַ הייליקע קהלה.

אונדזער תורה גיט יעדן ייד, אָן אויסנאַם, די מעגלעכקייט צו זיין הייליק. הייליקייט, לויט יידישער תורה, מיינט ניט: אַנטלויפן פון לעבן, מיינט נישט: אָפּזונדערן זיך פון לעבן. פאַרקערט, לעבן אַליין איז הייליק. קדושת החיים, הייליק לעבן איז די גרעסטע מדרגה. אַ הייליקער מענטש, לויט דער יידישער תורה, אין דער, 1) וואָס לעבט זיך אוים אין דעם עטישן ג-ט באַגריף, 2) וואָס לעבט מיט דעם ווימן פון תורה, 3) וואָס טוט קיינעם נישט קיין שלעכטס און שטרעבט צו טאָן גוטע מעשים.

אַ גרויסער חסידישער רבי האָט געזאָגט, אַז דאָס אומגליק פון אונדזער לעצטער גענעראַציע איז געווען אין דעם, וואָס מיר האָבן ב"ה געהאַט: יידן פרומע, יידן בני תורה און יידן גוטע, נאָר נישט די אַלע דריי זאַכן אינאיינעם. אַ ייד מוז האָבן אַלע די דערמאָנטע דריי איינגעשאָפּטן צוזאַמען; ער מוז זיין: אי ג-טספאָרכטיק, אי גוט און

אי אַ בן תורה איינס אַליין טויג נישט. בלויז ג־טספאָרכ־טיק, מיינט צו קענען אָפּטאָן כלערליי מעשים רעים, אויף דער קאַנטע פון פאַרגלאָצן די אויגן און זיך שאָקלען ביים דאַווענען. בלויז לערנען אַליין, טויג אויך נישט. בלויז גוטסקייט טויג אוודאי נישט. אַ צופיל גוטער, מיינט צו זיין אַן אוואַנטוריסט און אַ הולטיי. דערפאַר מוז אַ ייד האָבן אַלע דריי איינגעשאַפטן: גלויביק, געלערנט און גוט צוזאַמען.

אזוי האָבן אונדזערע חכמים געלערנט אין דער ער־שטער משנה פון פרקי אבות, וואָס מיר זאָגן אין הייינטיקן שבת.

על שלשה דברים העולם עומד: על התורה ועל הע־בודה ועל גמילות חסדים. אויף דריי פונדאַמענטן באַ־שטייט די מענטשלעכע וועלט; אויף וויסן פון תורה; אויף ג־טסדינסט און אויף גוטע מעשים. האָט אַ מענטש אין זיך די דריי איינגעשאַפטן, איז ער הייליק.

די סדרה פון דער הייינטיקער וואָך איז דערפאַר צו־נויפגעשטעלט פון פאַרשידענע געבאָטן און פאַרבאָטן. וועלכע צילן צו פאַרשטאַרקן די דריי דערמאַנטע איינגע־שאַפטן ביים מענטש. די סדרה רעדט פון פליכטן, וואָס דער ייד האָט לגבי ג־ט. (שבת, עבודה זרה, שעטנז, מקדש, עריות, פאות וזקן, פיגול וערלה וכדומה). דאָן פליכטן וואָס דער ייד האָט לגבי תורה און וויסן. (נישט גלויבן אין שטותים, אובות וידעונים). און בעיקר די פליכטן, וואָס דער ייד האָט לגבי זיין חבר און די אַנדערע מיט מענטשן,

(לקט, פאה, לשון־הרע נוקם ונוטר, ואהבת לרעך, ניט אָפּ־נארן יענעם, אַן ערלעכע וואג, גניבה, גזילה, ניט שטרויכלען אַ בלינדן און נישט שעלטן אַ טויבן וכדומה).

מיט רעכט זאָגן דערפאַר חז״ל, אַז די פרשה איז געזאָגט געוואָרן בהקהל; אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע יידן, ווייל אין איר געפונען זיך די הויפּט פּרינציפּיען, וועלכע נעמען אַרום דעם גאַנצן יידישן לעבן און ברענגען צום אמתן גליק פון גייסטיקייט און אייביקייט.

דער צווייטער פסוק לויטעט: איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו אני ד׳ אלקיכם. יעדער מענטש זאָל רעספּעקטירן זיין מוטער און זיין פאָטער און מיינע שבתים זאָלט איר היטן.

די צונויפשטעלונג פון די צוויי געזעצן דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס אַ פוסט לעבן איז אויך אַ נאַריש לעבן. זייט דעם גראָען עלטער מאַטערן זיך גרויסע מענטשן צו דערגיין דעם זין פון לעבן. די פראַגע: צו איז אַ מענטשלעך לעבן, ווערט געלעבט צו ווערן איז ביז היינט נאָך ניט פאַרענטפערט געוואָרן. פאַרשידענע דיעות זיינען אין דעם פאַראַן. מאַנכע האַלטן, אַז טוב לו לאדם שלא נברא משנברא. עס לוינט זיך נישט דער גאַנצער עסק; עס איז בעסער פאַר דעם מענטש, גאָר ניט געבוירן צו ווערן איידער יאָ געבוירן צו ווערן. לויט דער שיטה איז אַ מענטש גאָר ניט מחוייב צו רעספּעקטירן זיינע עלטערן. וואָס פאַר אַ טובה האָבן זיי אים געטאָן?

פאַר אים, וואָלט גלייכער געווען, ווען ער זאָל איבערהויפּט ניט געווען קומען אויף דער וועלט.

מיר יידן אָבער, האָבן פון תמיד געהאַט אַ אָפּטימיס־טישן בליק אויף לעבן. מיר האָבן געהאַלטן, אַז אַ לעבן פון גייסטיקן גליק, אַ לעבן פון תורה און מצוות איז ווערט געלעבט צו ווערן. זיכער איז לעבן נישט געמיינט קיין קערפּערלעכע תאוות. אַ מענטש וואָס לעבט מיט זיינע נידעריקע תאוות אוןליידנשאַפטן, לעבט ווי אַ שאָטן, וואָס גייט דורך און לאָזט נאָך זיך נישט קיין שפור. אָבער ווען אַ מענטש לעבט מיט הייליקייט און מיט אַ גייסטיקן ציל, דערגרייכט ער דאָס העכסטע גליק און פילט אַ טעם אין לעבן. אַ מענטש וואָס לעבט אַ שבת־יום־טובדיק לעבן, פילט, אַז עס איז יאָ כדאי צו לעבן. אויב עס איז כדאי צו לעבן, מוז מען רעספּעקטירן אַ טאַטן און אַ מאַמען, וועלכע ברענגען צום לעבן. דערפאַר זאָגט דער פּסוק: איר זאָלט ערלעך האַלטן אייערע עלטערן; און ווייסט איר, ווען איר וועט פאַרשטיין זיי צו רעספּעקטירן, ווען איר וועט האַלטן שבת און שפירן אַ טעם פון גייסטיקן לעבן.

הייליקייט ברענגט גליק, ברענגט ציל און אידעאַל, ברענגט ווערטפולקייט פון לעבן. שבת יום־טובדיקייט דערהויבט די מענטשהייט און דערלייזט די וועלט.

אמור

די היינטיקע סדרה שילדערט פאַר אונדז אַ מערקוויר־דיקע אומפאַרשטענדלעכע פּאַסירונג, וואָס איז פאָרגע־קומען ביי די יידן, בשעת זיי האָבן געוואַנדערט אין דער מדבר.

די פּסוקים דערציילן: ויצא בן אשה ישראלית; און עס איז אַרוים געגאַנגען אַ זון פון אַ פרוי פון ישראל; און אַליין איז ער געווען אַ מצרישער זון צווישן די בני ישראל; און עס האָבן זיך צעקריגט אין דעם לאַגער דער זון פון דער יידישער פרוי מיט דעם יידישן זון. דער זון פון דער יידישער פרוי האָט געלעסטערט ג־ט׳ס נאָמען; האָבן די יידן אים געברענגט צו משה און מען האָט אים איינגעזעצט אין תפיסה ביז צו דער אַנטשיידונג פון ג־ט.

מערקווירדיק און אומפאַרשטענדלעך איז די מעשה, ווייל די פּסוקים דערציילן גאָר נישט, וועגן וואָס און איבער וואָס, עס איז אַנטשטאַנען דער קריג צווישן דעם זון פון דער יידישער פרוי און דעם איש הישראלי; דעם יידישן זון. ווי קומט דאָס, אַז אַ קריג צווישן זיי ביידע האָט גע־ברענגט פּלוצים צו לעסטערונג פון ג־ט?

רש״י זאָגט, אַז דער קריג איז אַנטשטאַנען פון דעם. וואָס אין דער פריערדיקער פרשה איז אַנגעשריבן, אַז דער לחם הפנים אין בית המקדש, דאָס הייליקע ברויט איז געלעגן גאַנצע אַכט טעג ביז מען האָט עס געגעסן. האָט דער זון פון דער יידישער פרוי געטענהט: פאַר וואָס זאָל מען לאָזן ליגן דאָס ברויט אַכט טעג? איז דען נישט בעסער פריש ברויט? פון דעם, הייסט עס, איז אַרויסגעקומען דער גאַנצער: וינצו, — דער גאַנצער קריג.

די דערקלערונג איז ערשט רעכט נישט צו פאַרשטיין. אויב דער זון פון דער יידישער פרוי איז געווען אַזאַ פרו־מאַק און זיך אַנגענומען ג־ט׳ס קריוודע, פאַר וואָס דאָס ברויט אין בית המקדש איז נישט פריש, ווי קומט עס, אַז ביי דעם שטרייט זאָל ער גאָר זיין, אַ מגדף את השם און לעסטערן ג־ט׳ס נאָמען?

עס איז אויך זייער שווער, וואָס דער פסוק באַטאָנט אַזוי פיל מאָל דעם בן אשה ישראלית און דעם בן היש־ראלי. על פי דין איז אַ זון פון אַ יידישער מאַמע, אַ פאָל־שטענדיקער ייד; און וואָס באַדייטעט דער אויסדרוק: והוא בן איש מצרי בתוך בני ישראל; אַליין איז ער געווען אַ מצרישער זון צווישן די יידן. זיכער איז ער געווען צווישן די יידן, ווייל דער קריג איז דאָך געווען אין יידישן לאַגער?

דער ענין לאָזט זיך דערקלערן נאָך אַ טיפערן אַריינ־בליק אין די פאַרהעלטנישן פון אונדזער היינטיקער צייט.

ווי באַקאַנט זיינען היינט ביי אונדז פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען, וועגן דעם וואָס עס איז יידישקייט און וואָס עס הייסט: זיין אַ ייד.

אונדזערע אַסימילאַנטן האַלטן, אַז אַ ייד צו זיין מיינט בלויז דאָס, וואָס מען שטאַמט פון יידישע עלטערן; דאָס, וואָס מען איז געבוירן געוואָרן פון אַ יידישער מאַמען. מער גאָר ניט; מען מעג דענקען און פילן גויאיש; מען מעג לעבן ווי אַ גוי; מען מעג רעדן אין דער גויאישער שפּראַך און נאָכטאָן אַלעס, וואָס דער גוי טוט, אָבער אַ ייד איז מען, ווייל די מאַמע איז געווען אַ יידישע; מען איז געבוירן פון יידן.

פאַרשטייט זיך אַז אמתע, טרייע יידן באַקעמפן אַזאַ שטאַנדפּונקט. אמתע יידן האַלטן, אַז אויב מען לעבט ווי אַ גוי, מען דענקט ווי אַ גוי און מען פילט ווי אַ גוי, איז מען אַ גוי, אפילו ווען מען איז געבוירן פון אַ יידישער מאַמען.

מעגלעך, אַז דער שטרייט האָט שוין עקזיסטירט אין דער מדבר. אָט זיינען יידן נאָר וואָס אַרויס פון מצרים. אַ סך פון זיי האָבן נאָך געלעבט מיט דעם מצרישן קולט און האָבן געהאַלטן, אַז כדי צו זיין אַ ייד, דאַרף מען נישט אָנעמען קיין באַזונדערן לעבנס שטייגער; מען קען ווייטער לעבן ווי אַ מצרי און דאָך געהערן צום יידישן פאָלק, ווייל מען איז אַ בן אשה ישראלית, ווייל מען שטאַמט פון אַ יידישער מאַמען.

ויצא בן אשה ישראלית. דער מאַן, וואָס זיין גאַנץ יידישקייט איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן ביי אַ יידישער מאַמען, איז אַרויסגע־קומען מיט דער שיטה און געפּרעדיקט, אַז צו וואָס טויג אַ תורה, צו וואָס אַ יידישער לעבנס שטייגער, צו וואָס טויג עפּעס: עסן ווי אַ ייד, טרינקען ווי אַ ייד, רעדן ווי אַ ייד? פּלוצים האָט ער געזען, ווי רש״י זאָגט, אַז מען עסט דעם לחם הפנים, ערשט נאָך אַכט טעג, כדי דאָס ברויט זאָל זיין הייליק. האָט ער אָפּגעחוזקט פון הייליק ברויט. וואָס האָט ברויט צו טאָן מיט יידישקייט, אָדער גאָר הייליקייט? ברויט איז גוט פריש; ברויט איז פאַר יעדן און מען דאַרף נישט ביים עסן זיין אַנדערש ווי אַ גוי. ער האָט געשריגן, אַז ער איז בתוך בני ישראל; ער באַלאַנגט צו יידן אפילו ווען ער איז אין לעבן אַן איש מצרי, אַ מצרישער מאַן, מיט מצרישע זיטן און מצרישן לעבן. אינם לעבן וויל ער בלייבן אַ מצרי און דאָך געהערט ער בתוך בני ישראל, צווישן די יידן. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ שיטה האָט אויפ־געדעגט דעם איש הישראלי, דעם יידישן מאַן, דעם אמתן ייד, וועלכער האָט געשריגן, אַז דאָס איז פאַלש, אַז מען קען נישט לעבן ווי אַ גוי און צוגלייך זיין אַ ייד. ביי גויים קען מען לעבן ווי אַזוי מען וויל און באַלאַנגען, באַלאַנגט מען בלויז צו דער נאַציע, פון וועלכער מען שטאַמט, אָבער נישט ביי יידן. דער שטרייט האָט זיך צעפלאַקערט און

דער איש הישראלי האָט מסתמא געזידלט יענעם יידישן גוי.

דער יידישער גוי האָט נישט געשוויגן און עס איז גע־קומען ביז צו לעסטערונג פון ג־ט׳ס נאָמען.

דאָ האָט זיך געהאַנדלט אין אַ שיטה. דערפאַר איז דער פאַל געברענגט געוואָרן ביז צו משה רבינו און משה רבינו האָט געפרעגטביים רבונו של עולם און עס איז אַנטשיידן געוואָרן, אַז יידישקייט איז געבונדן מיט יידישן לעבן, מיט יידישער אמונה און מיט יידישער תורה.

אונדזער תורה איז אייביק. נישט איינמאָל האָבן אין אונדזער געשיכטע זיך ווידערהאָלט דיזעלבע מיינונגען, נישט איינמאָל זיינען אַרויסגעקומען פאַרשידענע רעפאָר־מער, וועלכע האָבן געוואָלט אָפּטיילן דאָס יידישע פאָלק פון דער יידישער תורה און פון יידישן לעבנס שטייגער. אַט זיינען היינט פאַראַן פילע, וואָס באַהויפּטן, אַז יידיש־קייט מיינט בלויז זיין אַ נאַציאָנאַלער ייד; בלויז שטרעבן צו נאַציאָנאַלער פרייהייט; זיין אַ פריי פאָלק, ווי אַלע פעלקער פון דער וועלט. אָבער לעבן, דענקען און פילן, קען מען ווי אַלע פעלקער פון דער וועלט. דער „נהי׳ ככל הגויים, איז היינט געוואָרן אַ פאַראַלע פאַר אַלע מאָדערנע יידן. זיי פאַרגעסן אָבער, אַז פרייהייט ביי יידן הייסט חרות און חרות מאַכט צוגלייך חרות. חרות (כאָרוס) מיינט אויסגעקריצט. נישטאָ קיין חרות (כיירוס) ביי יידן אָן דעם חרות (כוראָס) על הלוחות, אָן דעם אויסגעקריצטן אויף די לוחות: — אָן דער יידישער תורה.

יעדער פרייהייטס קאַמף ביי יידן איז פון תמיד געווען געבונדן מיט דעם קאַמף צו קענען לעבן אַ יידיש לעבן. נאַציאָנאַלער געדאַנק און יידישער לעבנס שטייגער, זיינען געבונדן צוזאַמען און לאָזן זיך נישט אָפּטיילן איינס פון צווייטן.

אַט שטיין מיר היינט אין די ספירה טעג, וועלכע דער־מאָנען אונדז אין די בלוטיקע בר כוכבא געשיכטע. מיר דערמאָנען יענע הערלעכע העלדן, טייערע יידישע זין, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען פאַר יידישער פרייהייט. לויט אונדזערע חכמים אָבער איז עס נישט געווען קיין צופאַל, וואָס יענע גבורים זיינען געפאַלן אין די ספירה טעג, צווישן פסח און שבועות. פסח איז דער סימבאָל פון נאַציאָנאַלער פרייהייט; שבועות איז דער סימבאָל פון קבלת התורה. די העלדן פון בר כוכבא האָבן געוואָלט טיילן דעם פסח פון דעם שבועות; טיילן דאָס נאַציאָנאַלע פון דער תורה. זיי האָבן געקעמפט בלויז פאַר חרות אָן חרות. דאָס איז געווען זייער טעות. די בר כוכבא העלדן האָבן אויף זייער פאָן אויפגעשריבן בלויז, לחרות ישראל און נישט, ווי די מאַקאַבעער, וועלכע האָבן געקעמפט אויך פאַר „מ. כ. ב. י.״ וואָס איז די ראשי תיבות פון „מי כמוכה באלים ד׳״.

יידישקייט ליגט אין דער פאַרקערפּערונג און פאַראיי־ניקונג פון די ביידע באַגריפן, פון אורייתא וישראל. דאָס איז אַן אייביקער אמת.

בהר

די גרעסטע און די מערסטע צרות, וועלכע זיינען פאַראַן אין דער וועלט שטאַמען פון דעם, וואָס מען קען ניט איינאָרדענען די מענטשלעכע באַציאונגען, איינער צום צווייטן, אויף אַ ריכטיקן וועג. די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע איז איין לאַנגער עפּיזאָד פון פאַרשקלאַפן שוואַכע מצד די שטאַרקע. מיט דעם אַנטשטיין פון געלט. איז דער זעלבער פּראָצעס איבערגעגאַנגען אין אַ געראַנגל פון דעם רייכן צו פאַרשקלאַפן, דורך געלט, דעם אָרימען. דער רייכער האָט אָנגעהויבן אויסקויפן ביים אָרימען זיין שטיקל פעלד, זיין הייזל און זיינע בהמות. דער אָרעמאַן איז געבליבן אָן פאַרמעגן און האָט זיך געמוזט פאַרקויפן צום רייכן אַלס שקלאַף. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע, פון האַנדל און אינדוסטריע, האָבן די רייכע באַקומען אַ לייכטע מעגלעכקייט צו קאָנצענטרירן אין זייערע הענט גרויסע אַרבעטס אונטערנעמונגען און אַזוי אָרום צו פאַרשקלאַפן גאַנצע טויזנטער אַרבעטער, וועלכע זיינען געוואָרן אָפּהענגיק פון די גרויסע אונטערנעמונגען. אַלע גרויסע רעוואָלוציעס און בלוטפאַרגיסונגען צווישן מענטשן האָבן געהאַט און האָבן נאָך, זייער מקור אין

דעם, וואָס אַט דער פּראָבלעם איז ביז היינט נאָך ניט ריכטיק געלייזט. ס'איז ביז היינט, אין דער וועלט, נאָך ניט איינגעפירט געוואָרן קיין ריכטיקער, יושרדיקער סיסטעם, וועלכער זאָל פאַרהיטן, אַז דער רייכער זאָל ניט קענען נאָך רייכער ווערן, אויף דעם חשבון פון דעם אָרעמאַן.

מיר יידן האָבן נאָך מיט דריי טויזנט פינף הונדערט יאָר צוריק, געהאַט אונדזער תורה-סיסטעם, וואָס האָט געצילט צו דעם, ניט צו דערלאָזן קיין אומגערעכטע, סאָציאַלע אומגלייכקייטן אין דער יידישער געזעלשאַפט. די יידישע תורה דערלויבט ניט דעם אָרעמאַן, צו פאַרקויפן אויף אייביק זיין נחלה. איינמאָל אין פופציק יאָר, אין יובל, אין אַ יאָר, וואָס אַלע האָבן געקענט אויסרעכענען דורך דעם קאַלענדאַר, איז יעדע נחלה צוריקגעקומען צו דעם, וואָס האָט זי פאַרקויפט.

ווען מיר פאַרטראַכטן זיך אין די דינים פון שמיטה און יובל, וואָס אונדזער תורה האָט אָנגעשריבן אין זיער היינטיקער סדרה, זעט מען בחוש, אַז אונדזער תורה, האָט אויסגעפונען דעם גערעכטסטן און אידעאַלסטן שליסל צו דער לייזונג פון דעם אָנגעווייטיקטן פּראָבלעם. אין דער סדרה פון דער היינטיקער וואָך איז אָנגעוויזן דער ריכטיקער וועג, ווי אַזוי צו דערנענטערן איין מענטש צום צווייטן ווי אַזוי אָפּצושאַפן, דעם אַזוי גערופענעם, קלאַסן-קאַמף אין דער מענטשהייט.

אונדזער תורה האָט אין דער היינטיקער סדרה אויך פאַרויסגעזען, אַז אויסער די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן, וואָס

ברענגען אונטערשיידן אין דער געזעלשאפט, זיינען אויך פאראן נאטירלעכע אומגלייכקייטן צווישן מענטשן. די נאטור שאפט ניט קיין גלייכקייטן און דערפאר זיינען תמיד דא מענטשן מיט מער פעאיקייטן, מיט מער אמ־ביציעס און מיט מער ענערגיע, וועלכע קענען זיך דער־ווערבן מער פארמעגנס, מער רייכטימער און מער איינ־פלוס. דאקעגן זיינען פון נאטור פאראן מענטשן, וואס זיינען געבוירן אלס שלימזלן, טויגניכטסן, וואס זיינע, ניט פעאיק און ניט בלויז קענען זיי קיין פארמעגנס ניט מאכן, נאר זיי פארלירן אויך דאס, וואס זיי האבן פון לאנג. זאגט די תורה דערפאר „כי לא יחדל אביון מקרב הארץ". ארימע לייט וועלן תמיד זיין, ווייל מען קען קיין נאטור ניט ענדערן. דערויף האט די תורה, אין דער היינטיקער סדרה, אנגעשריבן א גאנצע רייע דינים, כדי צו שיצן די אלע ארימע מענטשן, וואס זייער ארימקייט קומט ניט פון סאציאלע אומשטענדן, נאר פשוט פון דער נאטור און פון זייער אומפעאיקייט.

איינער פון די געזעצן איז דער פסוק אין דער היינטי־קער סדרה וואס זאגט: וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו. ווען דיין ברודער וועט פאראָרעמט ווערן, פון זיין אייגענער שולד, וועט ער ווערן ארעם. און זיין האנט וועט זיין געפאלן מיט דיר; דאס מיינט ער וועט אין זיין האנט קיין כוח ניט האבן זיך צו דערהאלטן אין דער געזעלשאפט. דאמאלס מוזטו אים העלפן און שטארקן.

דער מדרש אין דער היינטיקער סדרה זאָגט: וכי ימוך אחיך, הדא הוא דכתיב אשרי משכיל אל דל. — דאָס האָט האָט אויך דוד המלך געמיינט אין תהלים, ווען ער האָט געזאָגט: וויל איז דעם, וואָס קליגט צום אָרעמאַן.

די ווערטער פון דעם מדרש זיינען אומפאַרשטענדלעך. זיי לאָזן זיך אָבער דערקלערן ווי פאָלגט.

מאָדערנע פסיכאָלאָגיע האלט, אז דער מענטש איז אין זיין פסיכיק א דואַליסטיש ווען די פסיכישע נאַטור פון א מענטש איז ניט איינהייטלעך, נאָר באַשטייט פון קאָנטראַסטן און ווידערשפרוכן. דער אונטערשיד פון א מענטש ביז א חיה באַשטייט אין דעם, וואָס די חיה לעבט מיט אינסטינקט און דער אינסטינקט איז ביי דער חיה אַן אייגהייטלעכער און א גאַנצער. דער לייב למשל פאַרמאָגט שטאַרקייט און אין זיין גאַנצן לעבן באַדינט ער זיך מיט זיין שטאַרקייט. ער פאַרמאָגט נישט קיין שוואַכקייט; תמיד האַנדלט ער ווי א לייב. די טויב דאַקעגן, איז א שטיל באַשעפעניש און פאַרמאָגט ניט קיין עזות, קיין שטאַרקייט. דער שטרוים פויגל איז א וויינער און ווייסט ניט פון קיין פרייד, וכדומה. יעדער מין חיה האָט זיך זיין אייגנשאַפט, מיט וועלכע ער באַדינט זיך אין לעבן. דאַקעגן איז דער מענטש א קאָמבינאַציע פון פאַרשידענע קעגנגעזעצטע אייגנשאַפטן צוזאַמען. א מענטש קען זיין: אי מיט עזות, אי מיט שטילקייט; אי מיט פרייד, אי מיט לייד; אי גוט און אי שלעכט צוזאַמען. ער קען זיין, ווי א לייב און קען צוגלייך זיין, ווי א טויב. ער פאַרמאַגט די

איינגשאַפטן צוזאַמען און מיט זיין שכל דאַרף ער בלויז וויסן, ווען צו זיין, ווי אַ לייב און ווען, ווי אַ טויב. ניט פאַרטווישן די יוצרות און ווען ער דאַרף זיין, ווי אַ לייב, ווערט ער פלוצים ווי אַ טויב; אָדער דאַמאָלס ווען ער דאַרף זיין ווי אַ טויב, ווערט ער פלוצים אַנגעצינדן, ווי אַ לייב. וואָלט דער מענטש ריכטיק געוווסט ווי אַנצווענדן זיינע פסיכישע כוחות, וואָלט ער געלעבט תמיד אין גייסטיקער רו און אין צופרידנקייט. דער אומגליק איז, וואָס ליידער ווייסט ער ניט תמיד, ווי ריכטיק אויסצונוצן זיינע גייסטיקע איינגנשאַפטן; ווען ער דאַרף זיין ווי אַ לעמעלע, שפרינגט ער אויף ווי אַ לייב. און דאָס פאַרשאַפט אים יסורים און אומצופרידנקייט.

צווישן די פאַרשידענע קעגנגעזעצטע איינגנשאַפטן פאַרמאָגט דער מענטש אויך די נאַטור פון זיין באַזאָרגט פאַר דער צוקונפט און טראַכטן זיך צו פאַרזאָרגן פאַר דעם עתיד, פונקט ווי אַן אַמייזע, אָדער אַ מוראַשקע. פון אַ צווייטער זייט האָט אויך דער מענטש די נאַטור פון זיין צופאַרלעסיק, פון האָבן בטחון און לעבן מיט זיכערקייט, אַז אַלעס וועט אי״ה זיין אין אָרדענונג.

די ביידע נאַטורן זיינען וויכטיק ביים מענטש; ער דאַרף זיך מיט ביידע באַדינען אין לעבן. אָבער ער טאָר ניט פאַרטווישן די יוצרות; ער טאָר ניט ווערן אַ בעל בטחון, דאָרט ווו ער דאַרף אָנווענדן די נאַטור פון זיין באַזאָרגט, און טאָר ניט זיין באַזאָרגט דאַמאָלס, ווען ער דאַרף האָבן בטחון.

דער מדרש באטאנט, אז ווען עס האנדלט זיך אין העלפן אן ארעמאן, טאר מען דאמאלס נים ווערן קיין בעל בטחון און זאגן: עס איז ניט געפערלעך! ער וועט זיך שוין אן עצה געבן; אדער: השי״ת וועט אים העלפן, ניין! ביים ארעמאן דארף מען זיין באזארגט, וועגן זיין צוקונפט.

א גרויסער חסידישער רבי האט אמאל געזאגט, אז אלע אייגנשאפטן פון א מענטש זיינען זייער נויטיק פאר אים. האט א חסיד געפרעגט: נו, און אז א מענטש האט אפיקורסות, צו וואס איז דאס נויטיק? האט דער רבי געענטפערט, אז אפיקורסות איז זייער נויטיק. ווען עס קומט אן ארעמאן דארף מען דאמאלס ווערן אן אפיקורס און נים זאגן, אז דער רבש״ע וועט אים שוין העלפן, נאר טאקע באלד אליין טאן אלעס, כדי אים צו העלפן.

דאס מיינט דער מדרש, אשרי משכיל אל דל, ווייל איז דעם, וואס פארשטייט, אז ביים ארעמאן זאל ער ווערן א משכיל, א קלוגער. א קלוגער פארלאזט זיך נים בלויז אויף בטחון, נאר ווייסט, אז ער מוז עפעס טאן און דאן העלפט אים דער רבונו של עולם.

בחקותי

מיט דער הײנטיקער סדרה פארענדיקט זיך דער דריטער חומש פון אונדזער תורה — דער חומש ויקרא. די טײטש פון ויקרא איז: און ער האט גערופן. דער גאנצער אינהאלט פון דעם דריטן חומש, איז טאקע אײן לאנגער רוף, אײן לאנגע אויפאדערונג צו די ייִדן, זײ זאלן זיך זײן באוווסטזיניק, וועגן זײער תורה, וועגן זײערע אידעאלן און וועגן זײער ציל אין לעבן.

די פסוקים פון דער הײנטיקער סדרה פארענדיקן דעם דריטן חומש מיט דעם, וואס זײ פארזיכערן די ייִדן מיט ברכות, אויב זײ וועלן גײן אין וועג פון דער תורה. דאן קומט א לאנגער צעטל פון קללות, פון צער און עלנט, וואס וועט קומען חלילה אויף ייִדן, אויב זײ וועלן ניט האלטן דאס, וואס עס שטײט אנגעשריבן אין דער תורה.

דער מדרש שטעלט זיך אפ אויף די פסוקים און זאגט: הדא הוא דכתיב חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך. דאס זעלביקע האט אויך געמײנט דוד המלך, ווען ער האט געזאגט: איך האב אויסגערעכנט מײנע וועגן און האב צוריקגעפירט מײנע שריט צו דײן תורה. דאן ברענגט דער מדרש אז רבי אבא האט געזאגט: די ווערטער: „איך האב

אויסגערעכנט מיינע וועגן„ מיינט צו זאָגן: איך האָב אויסגערעכנט די ברכות און אויסגערעכנט די קללות און נאָך דער רעכענונג האָב איך אויסגעפונען, אַז פאַראַן נאָר איין וועג און דאָס איז דער וועג פון תורה. די ברכות זיי־נען אָנגעשריבן אין דער היינטיקער סדרה, אין דער פסו־קים פון „אם בחקותי", וואָס הויבט זיך אָן מיט אן אלף, ביז „ואלך אתכם קוממיות", וואָס ענדיקט זיך מיט אַ תיו. די קללות דאַקעגן זיינען אָנגעשריבן, אין די פסוקים פון „והיה אם לא תשמעו", וואָס הויבט זיך אָן מיט אַ ווו, ביז „ואין קונה", וואָס ענדיקט זיך מיט אַ הא. ברכות, הייסט עס, זיינען דאָ אָנגעשריבן אַלע, ווייל פון אל"ף ביז תי"ו זיינען דאָך אַלע אותיות. קללות דאַקעגן, זיינען נאָר דאָ קוים איין בוכשטאַב, ווייל פון וואַ"ו ביז ה"א איז נאָר איין אות. אויך זיינען די קללות געשטעלט אין אַ פאַר־קערטער פאָרם. קודם די וואַ"ו, דאַן די ה"א, ווען מען זאָל זיך פאַרטראַכטן אין דעם, וואָלט מען געזען, אַז איין וועג איז דאָ אין לעבן און דאָס איז דער וועג פון תורה". ביז אַהער איז דער מדרש.

וואָס פאַר אַ טיפער אינהאַלט ליגט אין די ווערטער פון דעם מדרש!

ווען דער מענטש זאָל אויסרעכענען גענוי, וואָס ער דאַרף כדי צו באַפרידיקן זיינע פיזישע און גייסטיקע באַ־דערפעניש. דאַן זאָל ער אויך אויסרעכענען: זיין אַרבעט, זיין לויפן, זיין יאָגן און זיין אָנשטרענגונג כדי זיך צו דערהאַלטן, וועט ער אויסגעפינען אַז זיין אַרבעט שטייט

אין אַ פאַרקערט פאַרהעלטעניש צו זיין צופרידנקייט. דאָס מיינט, אַז וואָס מער ער שטרעבט זיך אָן, צו דער־גרייכן די צופרידנקייט, אַלץ ווייניקער האָט ער זי. לעבן, פיזיש און גייסטיק, צופרידן קען דווקא נאָר דער, וואָס איז ניט קיין יאָגער, קיין לויפער; דער, וואָס רייצט ניט צופיל זיינע נערוון; דער, וואָס איז דווקא ניט קיין גרוי־סער אַמביציעזער שטרעבער, נאָר לעבט רואיק; יאָגן זיך נאָך צופרידנקייט און גליקזעליקייט איז, ווי אַ מין פאַרכישופט ראָד. וואָס מער מען שטרעבט זיך אָן עס צו דערגרייכן, אַלץ ווייניקער שאַנסן האָט מען עס צו האָבן. נאָך אמתדיקער גליקזעליקייט דאַרף מען זיך גאָר ניט יאָגן.

דאָס האָט רבי אבא געזאָגט, חשבתי דרכי, ווען מען רעכנט אוים געענוי די וועגן פון לעבן. קומט מען צו אַז אויספיר, אַז צופרידנקייט און גליק געפינט מען גאָר ניט אין דעם דרויסנדיקן לעבן. אַט רעכנט די תורה אוים אַלע גליקן, וואָס אַ מענטש קען האָבן אין דרויסנדיקן לעבן. אַלע גליקן, ממש פון אל״ף ביז תי״ו. אין וואָס באַשטייען זיי? אין האָבן צו עסן און אין האָבן צו טרינקען; ניט מורא האָבן פאַר קיין שונא און האָבן פאַרמעגן דאָס איז אַלעס. מער קען דער דרויסן ניט געבן. צוויי מאָל עסן קען מען ניט און צוויי מאָל טרינקען קען מען אויך ניט. דאַקעגן אָבער זיינען די צרות אין לעבן אָן אַ שיעור. די תורה רעכנט צרות פון לעבן, בלויז אין איין בוכשטאַב, פון וא״ו ביז ח״א און אין דעם איינעם בוכשטאַב איז אוים־

גערעכנט אזוי פיל עלנט און פיין, וואס א מענטש קען קוים דערטראגן. די צרות פון דעם איינעם בוכשטאב זיי־נען אויך אגעשריבן, ניט אין קיין גלייכער פארם, נאר אין א פארקערטער ריכטונג, ווייל צרות קומען גאר נישט גלייך. זיי קומען פארקערט און איבערדרייט, אזוי, אז מען קען זיי קיינמאל ניט פריער פארויסזען, אדער אויסרע־כענען.

דאס פארהעלטעניש פון גוטס צו שלעכטס אין לעבן איז, ווי דאס פארהעלטעניש פון די ברכות צו די קללות אין דער היינטיקער סדרה. אלע ברכות פון אל"ף ביז תי"ו זיינען א סך קלענער פון די קללות, וואס זיינען דא אין איין אות. דערפאר: וואס פאר גליקן קען דער מענטש פיזיש און גייסטיק צופרידן, קען דווקא נאר דער, וואס ער האט ניט קיין צרות. דאס אבער ברענגט נאך ניט קיין גליק.

ווען דער מענטש מאכט זיך אזא רעכענונג מוז ער קו־מען צום באשלוס. אז אמתדיק גליק געפינט מען בלויז אין דער רוחניותדיקער זייט פון לעבן, אין דער אידעע, אין דער תורה.

דער ערשטער פסוק פון דער היינטיקער סדרה זאגט: אויסער דעם תשמרו ועשיתם אותם, אויסער דעם קיום המצווה, אויסער דאס היטן פון די מצווה און טאן די געבאטן פון דער תורה, דארף א ייד געדענקען, אין דעם אם בחוקותי תלכו, אין דעם שתהיו עמלים בתורה. דאס מיינט אפצוגעבן צייט און מי כדי צו לערנען תורה. א

ייד דאַרף זיין אַ קובע עתים לתורה. ער דאַרף זיך קוויקן מיט דעם גייסט פון תורה, מיט די אידעאַלן פון תורה און מיט חכמת התורה, ווייל דאָס גיט דאָס אמתע גליק פון לעבן. לערנען תורה איז דער עיקר העיקרים פון דעם לעבן פון אַ ייד און פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

די גמרא דערציילט, אַז רב, נאָכדעם ווי ער האָט אַדורכגעלערנט די גאַנצע תוכחה פון דער היינטיקער סדרה, נאָכדעם ווי ער האָט זיך פאַרטיפט אין די אַלע קללות, צרות און ביטערקייטן, וואָס די פסוקים רעכענען אויס אַז זיי וועלן קומען אויף יידן, האָט ער געזאָגט: פאַר קיין שום צרות און שרעק פון דער תוכחה האָט ער קיין מורא ניט; אַ מענטש דאַרף קענען דערטראָגן אַלע צרות און ליידן. אָבער פאַר איין צרה שרעקט ער זיך זייער און דאָס איז, די קללה פון ואבדתם בגויים ואכלה אתכם ארץ אויביכם: איר וועט פאַרלוירן גיין צווישן די פעלקער און דאָס לאַנד פון אייערע שונאים וועט אייך פאַרשלינגען. לויט רב איז אָט די קללה, די שרעקלעכסטע פון דער גאַנצער תוכחה. די קללה איז די שרעקלעכסטע דערפאַר, ווייל די גאַנצע אַרבעט פון אַ ייד איז גאָר ניט ווערט, אויב זי גייט פאַרלוירן פון אים, אויב ער אַרבעט ניט פאַר זיך, נאָר פאַר אַ פרעמדן. אפילו זיינע אייגענע קינדער זיינען אויך ניט זיינע, נאָר זיינען פרעמד. ער באַמיט זיך, ער האָדעוועט די קינדער, אָבער די סביבה נעמט זיי אַוועק פון אים. נאָך שרעקלעכער איז, ווען יידן לאָזן זיך אַליין אויפעסן פון זייערע שונאים. אַן אימה און אַ פחד

באַפאַלט יעדן ערנסט דענקענדן ייד, ווען ער דערמאַנט זיך, אַז די יינגע דורות אונדזערע ווערן טאָג טעגלעך דורך אונדז אַליין איבערגעבן צו אונדזערע שונאים; זיי ווערן צעפּרעסן פון די פאַרשידענע פעלקער פון דער וועלט אַזוי, אַז זיי שטייען ממש ביים ראַנד פון דעם ואבדתם בגויים.

איין איינציקע רפואה זאָגט דער פּסוק איז דאָ צו דער קללה; ואף גם בהיותם בארץ אויביהם, אפילו ווען איר וועט אייך געפינען אין דער סכנה פון פאַרלוירן גיין צווישן די פעלקער, וועט דאָס תורה לערנען אייך דער־האַלטן. דער יידישער המשך קען פאַרזיכערט זיין נאָר דורך לערנען תורה.

לא מאסתים ולא געלתם לכלותם זה ספר תורה. דאָס איז דער אייביקער אמת פאַר יעדן ייד.

צום אָנהויב פון שול-יאָר
אין מעקסיקע.
דעם 1־טן פעברואר

צום נייעם שול־יאָר

און ווידער קומט אַ נייער יידישער שול־יאָר אין מעק־סיקע.

און ווי אין אָנהויב פון אַלע ביז איצטיקע שול יאָרן, וועלן מיר מסתמא אויך אין היינטיקן יאָר באַקומען גאַנץ אָפּטימיסטישע אינפאָרמאַציעס.

די אינפאָרמאַציעס וועלן אונדז אויך היינטיקס יאָר אויפווייזן, אַז די צאָל פון יידישע קינדער, וואָס פאַר־שרייבן זיך אין די יידישע שולן אין מעקסיקע, האַלט אין איין וואַקסן און דערגרייכט ביז 85 און אפשר גאָר ביז צו 90 פּראָצענט, כן ירבו.

אָבער סטאַטיסטיק איז בלויז אַ טרוקענער ציפער; דער אמתדיקער סך הכל איז לגמרי גאַנץ אַן אַנדערער. דער אמתער סך הכל איז, אַז די יידישע דערציונג אין מעק־סיקע, שטייט אויף איין אָרט און מאַכט נישט קיין שום שריט פאָרויס.

די עם הארצות וואַקסט פון טאָג צו טאָג. זי וואַקסט ביז צו אומהיימלעכקייט. מיר מוזן זיך דערפאַר אָפּגעבן אַן אמתן דין וחשבון, איבער דער סיבה פון דעם מצב. עס איז אמת אַז שולדיק איז אַ סך די היים פון דעם קינד.

בכלל געגומען איז א שולע אן א היים א האלבע שולע; וואס אמבאלאנגט יידישער דערציונג, איז א שולע אן א היים כמעט גאר קיין שולע נישט.

דאס רוב יידישע היימען אין מעקסיקע זענען, ליידער, אויסגעליידיקט און פוסט פון יידישן גייסט. דער יידישער דערציער קען פון דער היים נישט דערווארטן קיין שום מאראלישע שטיצע, און דערפאר איז זיין אויפגאבע זייער א שווערע און אפט א האפנונגסלאזע.

אבער דאס איז נאך וויט נישט דאס גאנצע. עס זענען פאראן נאך אנדערע סיבות און מכשלות אין דעם יידישן חינוך, ביי אונדז אין מעקסיקע.

איינע פון די אקסיאמען, וואס יעדער פויער פארשטייט, איז: — ער וועט נישט האפן קיינמאל צו שניידן פרוכט אין זומער, כל זמן ער האט נישט פארזייעט אין פרילינג, אדער הערבסט. און דאך, מיר, ווען עס קומט צו אונדזער באציונג צו חינוך, ווילן מיר קיינמאל נישט פארשטיין, אז מען קען נישט דערווארטן קיין שענערע און קיין בעסערע רעזולטאטן אויף דעם געביט פון דערציונג, ווי די, וועלכע מיר אליין פארפלאנצן.

כל זמן אונדזערע קינדער וועלן אין די יידישע שולן, לערנען די יידישע לימודים, בלויז א שעה און א האלבע, אדער אפילו 2 שעה א טאג, וועט קיין שום ענדערונג נישט פארקומען. קינדער וועלן זיך פארשרייבן אין שול. זיי וועלן אויך באזוכן די שול, אבער זיי וועלן ארוים פון

שול, נישט מיט קיין סך מער פון דעם, מיט וועלכן זיי זענען אריין.

ווען מען רעכנט אראפ די ימים טובים, אזוי די יידישע און אזוי די גויישע, און דאן די זונטיקס, און די וואקאציע צייט, אין וועלכע מען לערנט איבערהויפט נישט אין די שולן, בלייבט קוים א האלב יאר לערן צייט. אין דעם האלבן יאר, לערנען די קינדער העכסטנס צוויי שעה א טאג. מיינט דאס; אין דעם גאנצן יאר, בלויז איין שעה טעגלעך. פון דער איינער שעה א טאג, וויל מען, אז דאס קינד זאל באהערשן די יידישע און העברעאישע שפראך, זאל פארשטיין דעם גייסט פון דער תורה און נביאים, און זאל זיין דורכגעדרונגען מיט יידישקייט. עס פאסט גארנישט פאר קיין עם, חכם ונבון צו האבן אזעלכע איינרעדענישן.

אמאל איז דער סאמע עיקר פון דעם יידישן חינוך געווען, צו האלטן דאס יידישע קינד, א גאנצן טאג אין דער אטמאספערע פון לערנען. לערנען האט געדארפט אויספילן די גאנצע צייט, פון דעם קינדס לעבן. פון גאנץ פרי ביז שפעט פארנאכט, האט א יידיש קינד געדארפט אטעמען מיט דער לופט פון תורה. אפילו די שפילן, וואס קינדער האבן זיך געשפילט, זענען געווען תורהדיקע. שוין אפגערעדט פון די מעשהלעך, וואס די יידישע קינדערלעך פלעגן זיך דערציילן, און די לידעלעך וואס זיי האבן געזונגען.

מיר לעבן היינט אין אן אנדערער צייט, און מען קען נישט דאס קינד באשעפטיקן א גאנצן טאג מיט בלויז

יידישע לימודים. אָבער וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן קען ברענ־
גען אַ חינוך, וואָס דויערט בלויז איין שעה אין טאָג?

פאַרוואָס זאָלן יידישע קינדער נישט גיין זונטיק אין
די יידישע שולן? זונטיק קענען די קינדער לערנען אַזוי
פיל, וויפל זיי לערנען פון יידיש אַ גאַנצע וואָך. דאָס
וואָלט ממש געהייסן פאַרדאָפּלען די לערן־שטונדן, ווייל
זונטיק איז נישטאָ קיין שפּאַנישע לימודים, און די גאַנ־
צע צייט קען אויסגענוצט ווערן פאַר יידישע לימודים.

אין משך פון 7 יאָר בין איך געווען ראש ישיבה
און פּרינציפּאַל פון ישיבה ומתיבתא רבינו שלמה קלוגער
אין ניו־יאָרק. איך בין גענוי באַקאַנט מיט דעם יידישן
חנוך אין ניו־יאָרק. די ישיבה ומתיבתא רבינו שלמה קלו־
גער, איז אַן אינטעגראַלע. זי האָט אַ פאָלקשול און אַ
מיטלשול. זונטיק זענען טאַקע קיין ענגלישע לימודים
נישט פאָרגעקומען, אָבער די יידישע לימודים זענען אָפּ־
געהאַלטן געוואָרן און די תלמידים האָבן אָבליגאַטאָריש
געמוזט קומען אין ישיבה. דאָס זעלבע מיט די גוישע
ימים טובים. עס זענען קיין ענגלישע לימודים נישט גע־
ווען, אָבער יידיש האָט מען געלערנט.

אויך בנוגע צו וואַקאַציעס, איז אין ניו־יאָרק פון דעם
22־טן יוני ביז 10־טן סעפּטעמבער קיין ענגלישע לימו־
דים נישט געווען. אָבער פאַר יידישע לימודים זענען
אין אַלע שולן דאָ בלויז 6 וואָכן וואַקאַציעס.

ווען מיר זאָלן דאָ אין מעקסיקע איינפירן אַזאַ לערן

קאַלענדאַר, קענען מיר לייכט פאַרדאַפלען די צייט פאַר יידישע לימודים.

און מערקווירדיק איז דער ביטערער אמת. אַז די מניעה פאַר פאַרלענגערן די צייט פון די יידישע לימודים, אין די שולן אין מעקסיקע, קומט נישט מצד די שולן, אָדער חלילה מצד די לערער, נאָר מצד די עלטערן פון די קינ־דער. זיי, די עלטערן ווילן פשוט נישט, אַז זייערע קינדער זאָלן לערנען מער שעהן, און זאָלן זיך באַשעפטיקן לענ־גער מיט די יידישע לימודים.

אונדזערע מאַמע און טאַטעס האָבן צופיל רחמנות אויף די גופים פון זייערע קינדער; זיי האָבן נאָר מורא, אַז די קינדער וועלן זיך צופיל אָנשטרענגען מיט די לי־מודים. אין אמתן אָבער, שטייט די רחמנות אויף דעם קינד'ס נשמה אויף אַ סך העכערע מדרגה, ווי די רחמנות אויף דעם גוף פון דעם קינד: מיר האָבן תמיד געזאָרגט פאַר דעם קינד וואָס איז געווען שוואַך, אָדער חלילה קראַנק. פיל גרעסער אָבער איז תמיד ביי אונדז געווען, די רחמנות אויף אַ קינד, וואָס האָט נעבעך ניט געקענט קיין שייטל עברי און קיין יידיש וואָרט.

ס'זענען געווען ביי אונדז פון תמיד עלטערן, וועלכע האָבן זייערע קינדער נישט געלערנט קיין יידישקייט. אָבער אַזעלכע עלטערן האָבן ביי אונדז תמיד געליטן אַ בושה אין פנים, און אַ ווייטאָג אין הארצן. טראַגיש איז, — אין אונדזער היינטיקן, מישטיינסגעזאָגטן לעבנס־שטייגער — וואָס אונדזערע עלטערן לעבן כלל גאַרנישט

איבער קיין שום בושה פון זייערע קינדערס יידישער אומוויסנקייט. זיי באגרייפן גארנישט, אז עס האט זיך פון זיי אפגעטאן די העכערע מדרגה פון רחמנות אויף זייערע קינדער, — רחמנות אויף די נשמות פון די קינדער.

מען איז דערפאר מחוייב אנצונעמען אלע געהעריקע מיטלען צו באוועגן אונדזערע עלטערן צו לייגן מער גע וויכט אויף דער יידישער דערציונג פון זייערע קינדער.

מיר הערן זייער אפט, ווי עלטערן באקלאגן זיך, אז זייערע קינדער זענען גייסטיק זייער ווייט פון זיי, און אז זיי וואלטן וועלן פארשטארקן די פארבינדונג צווישן זיך און זייערע קינדער. מיר זעען אויך, ווי אונדזערע מנהיגים און כלל טוער, ווענדן אן פארשידענע מיטלען צו דערהאלטן דעם יונגן דור ביי יידישקייט, נאר דעם אמתן, דעם זיכערן מיטל: געבן די קינדער מער יידיש וויסן, — דעם מיטל ווענדעט מען נישט אן.

עס איז מוסכם ומקובל, אז יידיש וויסן דערנענטערט קינדער צו די עלטערן. יידישע דערציונג, וואס פארבינדט קינדער צום יידישן פאלק, פארבינדט זיי קודם כל צו די עלטערן און צו זייער גאנצער פאמיליע. די קינדער, וועל־כע ווערן דערצייגן יידישלעך, האבן רעספעקט נית בלויז פאר זייער פאלק, נאר אויך פאר זייערע עלטערן.

עס איז כדאי צוצוגעבן, אז די יידישע דערציונג העלפט, נית בלויז צו דער נענטערן דעם יונגן דור צו זיין פאלק און צו זייערע עלטערן, נאר אויך בכלל צו מאכן זיי פשוט פאר מענטשן.

אַ יידיש קינד אָן יידישע דערציונג, האָדעוועט זיך אוים, ווי עפּעס אַ באַשעפעניש, וואָס איז נישט קיין ייד און נישט קיין גוי, נאָר ווי אַ ווילד פרעמד באַשעפעניש, וואָס דרייט זיך אַרום, ווי אַ פרעמדער אין דער וועלט...

אויף שריט און טריט באַגעגנט מען היינט, יידישע, טיף אומגליקלעכע יונגע לייט, וואָס אויבנאויף דאַכט זיך, אַז זיי זענען זאָרגלאָז, לוסטיק און לעבעדיק, אָבער אין תוך גענומען זענען זיי די סאַמע אומגליקלעכסטע. זיי ווייסן אַליין נישט, פאַר וואָס זיי זענען אומגליקלעך, זיי ווייסן נישט, ווער עס איז שולדיק אין זייער אומגליק, אָבער זיי זענען אומגליקלעך ווייל זיי זענען פרעמדע אויף ג־ט׳ם וועלט...

דאָס געבאָט פון דער שעה איז דערפאַר, צו דערמאָנען און אויפצוקלערן אונדזערע יידישע עלטערן, צו האָבן רחמנות אויף זייערע קינדער און זיי נישט אַרויסלאָזן אין דער וועלט, אָן יידישע טראַדיציעס און אָן יידישע געשיכטע. אָן די צוויי טרייע באַגלייטער, אָן די צוויי טרייע שומרים, גליטשן זיך יידישע יונגע לייט טאָג־טעגלעך אוים. יידישע קינדער, אָן יידישן לשון, זענען האַלב שטומע. זיי קענען מיט אַנדערע יידן זיך נישט פאַרשטענדיקן, און פאַרשטייען זייערע אייגענע טאַטע־מאַמע נישט.

זאָלן יידישע עלטערן געדענקען, אַז דאָס גליק פון זייערע קינדער, הענגט אָפּ זייער אַ סך פון זייער יידישער דערציונג, און אַז אַ יידישע דערציונג קענען אונדזערע קינדער האָבן נאָר דעמאָלט ווען זיי וועלן לערנען לענגער די יידישע לימודים.

מחשבות צום נייעם שול־יאָר

ווען עס קומט דער אָנפאַנג פון אַ נייעם שול־יאָר, איז עס אַ חוב זיך צו מאַכן אַ חשבון הנפש, איבער דעם מצב פון יידישער דערציונג ביי אונדז אין מעקסיקע.

אין בין ווייט, זייער ווייט דערפון צו וועלן חלילה ווארפן באַשולדיקונגען אויף וועמען עס זאָל נישט זיין. איך ווייס די געוואַלטיק גרויסע שוועריקייטן וואָס זענען פאַרבונדן מיט יידישער דערציונג אין אַמעריקע און ביי אונדז אין מעקסיקע. פאַרקערט ווייל איך קען דאָס יידישע לעבן אין ביידע טיילן פון אַמעריקע, גיב איך אויך צו, אַז דער יידישער חינוך אין מעקסיקע שטייט אויף אַ גאַנץ געהויבענער מדרגה.

עס איז אַ פאַקט, וואָס מען קען ניט לייקענען, אַז אין מעקסיקע גייען 80 פראָצענט יידישע קינדער אין יידישע שולן, דאָס איז אַ גאָר גרויסע דערגרייכונג. אָבער אָט די גרויסע דערגרייכונג ווארפט אויף אונדז אַרויף אַ הייליקן חוב, זיך צו פאַרטראַכטן אין דעם, וואָס עס בלייבט ביי די יידישע קינדער אין מעקסיקע, נאָכדעם וואָס זיי לערנען אָפּ, אַכט אָדער גאַנצע צען יאָרן אין די יידישע שולן.

אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע, איז באַקאַנט די קריטיק פון יאַקאָבי אויף דעם באַרימטן בוך פון שפינאָזאַ וואָס הייסט „די עטיק". דאָס בוך איז אַ ווערק וואָס מאַכט אויף יעדן דענקער אַ גרויסן רושם, דורך זיין הערלעכן געבוי, וווּנדערלעכן סטיל, מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט און מוסטערהאַפטן סיסטעם. אָבער, אַזוי ווי דער גאַנצער אינהאַלט איז אַ מעטאַפיזישער, פאַרשטייט זיך, אַז נאָך דעם דורכשטודירן פון דעם בוך בלייבט דעם סטודענט כמעט גאָר קיין שום ממשותדיקס נישט. ער גייט אַוועק אַ פאַרגאַפטער פ:ן דער וואונדערלעכקייט. עס בלייבט ביי אים אָבער גאָר נישט. יאַקאָבי דערציילט, אַז נאָכדעם ווי ער האָט אַדורכגעלעזן דאָס בוך, האָט ער זיך דערמאָנט אין אַן עפּיזאָד פון זיינע קינדערן יאָרן. זייענדיק אַ קליין קינד, האָט אים זיין פאָטער אַמאָל מיטגענומען אין אַ גרויסער מיל. בשעת זיי זיינען אַריינגעקומען אין מיל, איז זי געווען אין באַוועגונג. די רעדער האָבן זיך געדרייט, די רימענס זענען געלאָפן, די שטיינער האָבן געקלאַפּט און די קולות זענען געגאַנגען עד לב השמים. ער האָט דאַן נאַאיוו געפרעגט זיין פאָטער: וואָס דאָס איז? און זיין פאָטער האָט אים געענטפערט, אַז דאָס איז אַזאַ מאַשינעריי, וואָס מאַכט פון ווייץ, מעל. און ווו איז די מעל? די מעל, האָט אים דער פאָטער געענטפערט, גייט נישט איצט, ווייל מען האָט קיין ווייץ נישט אויפגעשיט.

יאַקאָבי זאָגט, אַז אַ צייט לאַנג האָט ער נישט גע־קאָנט פאַרשטיין: אויב מען שיט נישט קיין ווייץ, און עס גייט נישט קיין מעל, צו וואָס טויג דאָס דרייען זיך פון די רעדער, דאָס לויפן פון די רימענס, דאָס קלאַפן פון די שטיינער, און די קולות עד לב השמים? „די עטיק״, באַ־הויפּטעט יאַקאָבי, איז אויך אַזאַ מין מאַשינעריי וואָס דרייט, קלאַפּט, נאָר קיין מעל גיט זי נישט, ווייל דער מחבר האָט נישט אויפגעשיט קיין ווייץ.

היינט לעבן מיר אין אַ צייט, אין וועלכער מיר פאַר־מאָגן, אַ סך און סך גרויסע ריזיקע בנינים, מיט רעדער וואָס דרייען זיך, מיט רימענס וואָס לויפן און יאָגן, מיט שטיינער וואָס קלאַפּן, מיט קולות, וואָס גייען עד לב הש־מים, נאָר איין זאַך פעלט: עס איז ניטאָ קיין מעל, און דאָס צוליב דער איינפאַכער סיבה, וואָס מען שיט ניט אויף קיין ווייץ.

צי מוזן מיר נישט מודה זיין, אַז פון די ריזיקע געביי־דעס פון די יידישע שולן; פון די קרוב צו 80 פּראָצענט יידישע קינדער אין די פּרעכטיקע געביידעס, און פון דער, מער ווי דרייסיק יאָר, יידישער דערציאונג אין מעקסיקע, איז ביז היינט אַרויסגעקומען זייער ווייניק יונגע לייט, וועלכע זאָלן קענען זיין אַ גאַראַנטיע פאַר דעם יידישן המשך אין דער צוקונפט? צי מוזן מיר נישט מודה זיין, אַז די יוגנט וואָס איז געבוירן אין מעקסיקע און איז דאָ דערצויגן געוואָרן, קען באַין אופן אונדז נישט פאַרזיכערן דעם קיום פון אונדזער צוקונפט?

עס איז דא א גרויסע מאשינעריע ג־ט צו דאנקען. אבער עפעס גייט נישט קיין מעל און מיר ווילן נישט צוגעבן, אז דאס איז פשוט דערפאר ווייל מיר שיטן נישט אויף קיין ווייץ.

כל זמן אונדזערע קינדער וועלן אין די יידישע שולן לערנען נישט מער ווי העכסטנס 175 טעג אין יאר, און דאס בלויז א שעה און א האלב א טאג, יידישע למודים, איז אויסגעשלאסן, אז זיי זאלן גענוג קענען און אויסגעשלאסן, אז זיי זאלן קענען אונדז פארזיכערן דעם המשך.

מיר מוזן זיך אליין פארטראכטן און אריינדענקען אין דער פראגע: וואס וועט ווערן פון אונדז ווען דער קוואל פון גייסטיקער שטארקייט, פון פאעזיע און תורה, וועט טאקע אזוי כסדר ווערן ביסלעכווייז פארשטאפט און אויסגעטריקנט? וואס פאר א ירושה גיבן מיר איבער אונדזערע קינדער? נאך ווייטער: אויב זיי אליין, אונדזערע קינדער, האבן נאך אמאל מיט זייערע אויגן געזען א יידישן מנהג, אדער עפעס אן אנדערן סימן פון יידישקייט וועלן דאך זייערע קינדער, אונדזערע אייניקלעך, אפילו דאס ביסל וואס זיי האבן, אויך נישט האבן. אין וואס וועט דאן באשטיין זייער יידישקייט? אין וואס וועט באשטיין זייער פילן און זייער וויסן, אז זיי זענען יידן? זיי וועלן זיך ארומדרייען אין א פרעמדער, נישט פריינדלעכער סביבה. זיי וועלן מיט גאר נישט זיין פארבונדן מיט אונדזער גרויסן עבר, פון וועלכן זיי וועלן גאר נישט וויסן.

קיין זאך וועט זיי נישט פארבונדן און נישט פארקניפן מיט יידישקייט און אזוי ווי א מענטשלעך הארץ און א מענטשלעכער מוח, קענען באין אופן נישט זיין אינגאנצן ליידיק, וועלן דאן אליין פון זיך, אנדערע אידעען און אנדערע אידעאלן אנפילן די הערצער און פארנעמען די מוחות פון אונדזערע קינדער. אויב נישט תורה און יידישקייט, וועלן שוין פון זיך אליין זיך אריינרייסן אין די יידישע קינדערישע הערצער און אין זייערע קינדערישע מוחלעך, גאנץ אנדערע אידייען, אזעלכע, וועלכע מיר האבן קיינמאל נישט געוואלט קענען און נישט געוואלט פון זיי וויסן.

אין קריאת־שמע שטייט: השמרו לכם פן יפתה לבבכם וסרתם ועבדתם אלהים אחרים. היט אייך, אייער הארץ זאל ניט איבערגערעדט ווערן און איר וועט זיך אפקערן און דינען פרעמדע געטער. ס׳שטעלט זיך א פראגע: צו וואס האט די תורה געזאגט, אז יידן זאלן זיך היטן און ניט אפקערן פון יידישקייט און ניט דינען צו קיין פרעמדע געטער? צו וואס טויג דאס דינען צו פרעמדע געטער? איז נישט גענוג שלעכט, ווען מען גייט אוועק פון זיין אייגענעם ג־ט? דארף מען נאך גיין צו פרעמדע געטער? דער תירוץ איז, אז די תורה לערנט דעם ייד, ער זאל וויסן, אז דאס גייט צוזאמען. אויב מען גייט אוועק פון יידישן וועג, מוז מען גיין אויף דעם גויאישן וועג. אומבאוואוסטע מענטשן רעדן זיך איין, אז זיי זענען ווייט פון פרעמדע געטער. זיי זענען בלויז אוועק פון יידישן וועג, אבער

אויף דעם גוייאישן זיינען זיי חלילה ניט. מאַנכע פּרובן גאָר מאַכן אַ קל וחומר, זיי טענהן מה דאך פון אונדזערע תורות האַלטן מיר נישט האַלטן מיר דאך פון פרעמדע אוודאי נישט. די תורה זאָגט אונדז אַז דאָס איז פאַלש. אויב עס איז וסרתם, אויב מען קערט זיך אָפּ פון יידיש־קייט, קומט דאַן אַליין דער ועבדתם אלהים אחרים. מען מוז במילא דינען צו פרעמדע געטער. אין דער הינזיכט זענען גייסטיקע זאַכן פּונקט ווי פיזישע. אין אַ דירה, וואָס איז פאַרנומען, קען זיך, קיין אַנדערער מער נישט אַריינציען. נאָר אין ליידיק שטייענדיקע דירות, קען מען זיך אַריינציען און נישט אין קיין באַזעצטע. אפילו שדים און רוחות קענען נישט אַריינקומען, אין קיין באַזעצטע באַוווינטע דירות; זיי אַנטלויפן פון באַוווינטע הייזער, זיי באַזעצן זיך בלויז אין די ליידיקע שטובן און אין די פּוסטקעס, וואָס זיינען נישט פאַרנומען...

דאָס זעלבע איז מיט געדאַנקען און מיט געפילן. אויך זיי, קענען נישט אַריינציען זיך אין הערצער און אין מוחות, וועלכע זיינען שוין פאַרנומען מיט אַנדערע געדאַנקען און מיט אַנדערע געפילן. מיר זיינען אַליין שולדיק אין דעם, וואָס מיר לאָזן ליידיק די מוחות און די הערצער פון אונדזערע קינדער. מיט דעם לאָזן מיר פּלאַץ, אַז שדים און רוחות זאָלן זיך דאָרט אַריינציען...

דער צוקונפטיקער יידישער דור אונדזערער, איז פּוסט פון יידישע אידעאַלן, פּוסט פון יידישער תורה און פּוסט פון יידישער עטיק. ליידער אין דער וסרתם שוין דאָ. עס

וועט גאָר נישט העלפן; פריער אָדער שפּעטער מוז אין אַזעלכע פאַרהעלטנישן קומען אויך דער ועבדתם אלהים אחרים: פריער אָדער שפּעטער מוז זיך די גויאישקייט אַריינציען אין די ליידיקע מוחלעך און אין די פּוסטע הערצער.

עס איז די העכסטע צייט איינצוזען, אַז יידישע דערציונג האָט קיין שום אַנדערע אויפגאַבע נישט, ווי גאָר די איינע: צו לערנען מיט יידישע קינדער תורה, תורה ממש. שפּעטער מעגן זיי האָבן פאַרשידענע אָנשוויאונגען, פאַרשידענע ידיעות און מיינונגען. אָבער אַלס קינדער מוזן זיי קודם לערנען תורה. עס מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל, גאַנץ אַנטשיידן אָפּגעוויזן ווערן און אָפּגעלייקנט ווערן די פאַלשע מיינונג, אַז יידישע דערציונג האָט וועלכן עס איז אַנדערן תכלית, ווי נאָר דעם איינציקן: צו מאַכן פון אונדזערע קינדער וויסנדיקע יידן און במילא ווען זיי וועלן וויסן, וועלן זיי קענען דערנאָך זיין באַוווסטזיניקע יידן.

אַזוי לאַנג מען וועט נישט איינזען דעם אמתן אמת, אַז יידישע קינדער מוזן לכל הפחות אַ פּאָר שעה און דאָס אין יעדן טאָג לערנען יידישע לימודים, וועט קיין מעל נישט זיין. מיר וועלן נישט זען קיין ברכה אין אונדזער אַרבעט.

שוין די העכסטע צייט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דעם.

װעגן דעם צוריק אין חדר אַרײַן...

בײַ אונדז ייִדן, איז די פאַרגאַנגענהייט טײַער, הערלעך און הייליק. דער ייִדישער עבר, איז תמיד געװען באַשײַנט, מיט הונדערט ערלײ חנען. אונדזער גרױסער עבר, האָט אונדז תמיד באַגלײט אויף אונדזער גאַנצן צװײ־טױזנט יעריקן גלות־װעג. די קעגנװאַרט, איז בײַ אונדז קײנמאָל נישט געװען אַזױ שײן, װי די פאַרגאַנגענהייט. פון צײַט צו צײַט, רײַסן מיר זיך אָװעק פון דעם הײַנט און מיר טאָן אַ שפּרונג צוריק צו דעם „אַמאָל”. און דעם „אַמאָל” דערמאָנען מיר מיט אַ בענקשאַפט. עס צופינקלען זיך בײַ אונדז, די אויגן און עס צופליגלט זיך בײַ אונדז די פאַנטאַזיע, און מיר מאָלן זיך אונדזער אײגענעם עבר, מיט די װוּנדערלעכסטע בילדער און מיט ליכטיקסטע פאַרבן. נישט נאָר מיר, אין אונדזער הײַנטיקן דור, נאָר אויך אונדזערע עלטערן און אונדזערע עלטערנס עלטערן, פלעגן מיט דער גרעסטער באַגײַסטערונג דערצײלן פון זײער „אַמאָל”, און האָבן דערבײַ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, װי אײנער רעדט: — הײַנטיקע צײַטן! װײס איך װאָס... חז״ל האָבן דערפאַר געזאָגט אין דער גמרא: „אם הראשונים כמלאכים אנו כבני אדם, ואם

הראשונים כבני אדם אנו כחמורים״, „אויב אין אונדזע־רע פריערדיקע דורות, זיינען אונדזערע עלטערן געווען ווי מלאכים, דאַן קענען מיר זיך האַלטן פאַר מענטשן. זיינען אָבער אונדזערע עלטערן געווען בלויז מענטשן, זיינען מיר נישט מער, ווי חמורים, ווי אייזלען. איינער פון אונדזערע דענקער מאַכט אויפמערקזאַם, אַז דאָס איז די מיינונג, וואָס מיר קלאַפּן זיך אין האַרצן ביי סליחות זאָגנדיק „אשמנו מכל עם בושנו מכל דור״. מיר זיינען שולדיק מער פון יעדן פאָלק, מיר שעמען זיך פאַר יעדן דור. וואָס איז די באַדייטונג פון די ווערטער, מיר זיינען מער שולדיק פון יעדן פאָלק? דאַכט זיך, מיר זיינען נאָך נישט די ערגסטע. און וואָס הייסט: מיר שעמען זיך פאַר יעדער גענעראַציע? די כוונה דערפון איז: אַז מיר זיינען מיט דעם, ערגער פון אַלע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט, וואָס ביי אונדז יידן שטייט יעדער דור נידערי־קער פון זיין פריערדיקן דור. אַלע פעלקער פון דער וועלט, מאַכן פאָרשריט. אפילו דאָס געבלידעטסטע פאָלק, אפילו ענגלענדער און פראַנצויזן, ווען מען זאָל זיי דערמאָנען, ווי עס האָבן אויסגעזען זייערע זיידעס, פון פאַר צוויי טויזנט יאָר, וואָלט זייער פנים געפלאַמט פאַר בושה. אַזוי האָט אויך בנימין דיזראַעלי זיך געוואַגט דאָס צו דער־קלערן אין ענגלישן פאַרלאַמענט. די זיידעס פון אַלע מאָ־דערנע פעלקער, בלויז מיט טויזנט יאָר צוריק, זיינען גע־לעגן אין שטיינערנע היילן, און געגעסן שטיקער פון לע־בעדיקע בהמות און חיות. אָבער ביי אונדז יידן איז פונקט

פארקערט. מיר, אז מען דערמאנט אונדז, אין אונדזערע זיידעס, ווייסן מיר, אז ווען זיי זאלן אויפשטיין פון זייערע קברים, וואלטן זיי זיך געשעמט מיט אונדז. ביי אלע פעל־קער, שעמען זיך די אייניקלעך מיט זייערע זיידעס, און ביי אונדז שעמען זיך די זיידעס מיט זייערע אייניקלעך. מיר קלאפן זיך דערפאר אין הארצן „אשמנו מכל עם בושנו מכל דור", מיר זיינען מער שולדיק פון אלע פעלקער, ווייל מיר שעמען זיך פאר יעדן דור ווייל מיט יעדן דור פאלן מיר נידעריקער.

אויב יידן אבער, הויבן זיך אן צו שעמען מיט זייער פארגאנגענהייט, מיט זייער עבר, איז דאס דער גרעס־טער באווייז, אז זיי זיינען אנגעגריפן פון אסימילאציע. אויב יידן דערמאנען דעם יידישן עבר מיט ביטול און פאראכטונג, איז א סימן, אז זייער יידישקייט הינקט אונ־טער און איז נישט אינגאנצן אין ארדנונג.

איך דערמאן דאס אין צוזאמענהאנג מיט דער פרעכ־טיקער סיום פארשטעלונג, פון דער יידישער שול אין מעקסיקע, וואס איז פארגעקומען דינסטיק אוונט דעם 17-טן נאוועמבער אין בעיאס ארטעס. די פארשטעלונג איז ארויסגעקומען זייער שיין. אבער די צוויי אקטן פון חדר און ישיבה, זיינען אויסער זייער בלאסקייט, און ארעמקייט אין אינהאלט בכלל, אויך ארויס מיט א גע־ווייסן ביטול און אנטיפאטיע צו אונדזער עבר.

עס איז געווארן א מין בטלנותדיקער מאדערניזם, אויסצולאכן דעם אלטן חדר. דער חדר מוז פון די מא־

דערנע יידן, אויסגעלאכט ווערן, און מוז פאַרגעשטעלט ווערן מיט די טונקלסטע פארבן און מיט די שווארצעס־טע שאַטנס. דער רבי: אַ דעספאַט, אַן אכזר, אַ קאַט, אַן איינגעהויקערטער שמוציקער נפש, אַ מוקצה מחמת מי־אוס, וועלכער ווייסט גאַר נישט, וואָס הייסט דיסצי־פלין, נאָר מוז כסדר האקן אין טיש און שרייען: „שטיל״. דער תלמיד: תמיד געיאָגט מיט אַ קאנטשיק און תמיד פול מיט מורא און שרעק, און האָט אין חדר קיין ליב־טיקע, פריילעכע מינוט נישט.

איז דאָס טאַקע אמת? איז דער חדר טאַקע אזוי גע־ווען? האָט דער חדר טאַקע קיין איין ליכטיקן שטראל נישט פארמאָגט? איז דער חדר טאַקע געווען אזא פינס־טערע תפיסה?

האָט דער רבי טאַקע קיינמאָל נישט קיין שמייכל גע־טאָן, נאָר תמיד געשמיסן מיטן קאנטשיק, און זיך גע־ווישט די נאָז מיט דער פאטשיילע?

זאָגט וואָס איר ווילט! עס איז אַ שקר בלבול!

„אחד העם״ האָט זיך אַמאָל פארטיפט, איבער דעם פּראָבלעם פון יידישן פאָלק, און די פעלקער פון דער וועלט, און האָט דאָביי געשטעלט אזא מין פראגע: „קען דען זיין, אז די גאַנצע וועלט זאָל זיין אומגערעכט און בלויז די יידן זאָלן זיין גערעכט? היתכן! די גאַנצע וועלט? אָבער ער האָט זיך געענטפערט: יאָ! עס איז אזוי! ווייל אָט האָבן אַלע פעלקער פון דער וועלט אויסגעטראַכט, אז יידן נוצן בלוט צו זייערע מצות אויף פסח. נו! איז דאָך

אויך די פראַגע: היתכן? איז די גאַנצע וועלט אומגע־רעכט? דער שקר פון דעם בלוט בלבול — זאָגט אחד העם — באַווייזט, אַז די גאַנצע וועלט קען זיין אומגערעכט און אויסטראַכטן אַ שקר, נישט געשטויגן, און נישט גע־פלויגן.

דאָס זעלבע קען מען אָנווענדן ביים חדר און ביים רבין. אַ סך פון אונדזערע מאָדערנע יידן, וועלכע האָבן אין חדר נישט געלערנט, פרעגן בתמימות: קען דען מעגלעך זיין, אַז די אַלע מעשיות פון קאַנטשיק, און שמיץ און פאַטש־שיילעס, וואָס מען דערציילט זיך אָן פון חדר, זאָלן נישט זיין אמת? און איך זאָג אייך בפירוש, יאָ, עס קען זיין. עס איז נישט אמת. אַלע די וואָס האָבן אַליין געלערנט אין חדר ביים רבין טראָגן עד היום די וואַרעמסטע זכרונות און די טיפסטע געפילן פאַרביידע.

די שנאה צום חדר און צום רבין, נעמט זיך דערפון, וואָס דער רוב קינדער האָט נישט ליב צו לערנען און אַז מען האָט נישט ליב דאָס לערנען האסט מען דעם חדר און דעם רבין. אין די נייע, מאָדערנע שולן לייגט מען נישט קיין גרויסן געוויכט אויף לערנען ממש און דאָרט, ווו מען לערנט טאַקע אַ ביסל מער, דאָרט האָבן אפילו אין די מאָדערנע שולעס די תלמידים פיינט, אַזוי די שולע, ווי אויך די לערערס. דאָרט ווי מען לערנט פלייסיק, דאָרט לויפן די קינדער נישט, מיט אַזאַ גרויסן ווילן, און חשק אין די שולעס. טאַטעס מוזן תמיד נויטן זייערע קינדער צו גיין לערנען, און אויב נויטן איז נישטאָ דער ווילן,

און אויב עס איז נישטאָ קיין ווילן, דאַן קומט די אַנטי־פּאַטיע און די אומאַנגענעמלעכקייט.

יאָ! מיינע ליבע! אין חדר האָט מען געלערנט, און מען האָט אַ סך געלערנט, דערפאַר האָט מען דעם חדר פיינט, ווייל מען האָט פיינט צו לערנען. מאָדערנע דענקער גלויבן, אַז די שנאה פון דער גאַנצער וועלט צו אונדז יידן, נעמט זיך פון דעם, וואָס תלמידים האָבן פיינט אַ רבין... די גוייִשע וועלט האַסט אונדז דערפאַר, ווייל מיר האָבן זיי געלערנט געטלעכקייט און מענטשלעכקייט. ווען מיר יידן, זאָלן זיך געווען פירן גלייך מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט, און נישט געווען געברענגט פאַר דער וועלט אַ מין תורה פון „צען געבאָטן״, וואלט אונדז קיינער נישט פיינט געהאַט.

אָבער לאמער נישט פאַרקריכן, לאמער צוריק אין חדר אריין. ווער עס האָט געוואלט לערנען, דער האָט אין חדר געזען דעם אמתן וואַרשטאַט פון אַ נאַציאָנאַל רעלי־גיעזער דערציונג, וווּ עס איז באמת אויסגעפּאַרעמט גע־וואָרן די יידישע נשמה פון דעם יידישן קינד. דער רבי איז געווען דער אמתער יידישער פּאַסטוך, וואָס האָט געפּיטערט זיינע שעפעלעך געטריי און איבערגעבן און האָט זיי דערצויגן אַלס די אמתע „צאן קדשים״.

די מאָדערנע יידישע שולע איז זיכער אין איר חיצו־ניות, פיל שיינער און פיל בעסער, ווי דער אַלטער ה׳ אָבער דער חדר און דער רבי, האָבן פאַרמאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס איז איבערהויפּט נישטאָ אין דער מאָדער־

נער יידישער שולע, און דאָס איז: די יידישע נשמה, אין חדר איז די נשמה געווען אפשר טאַקע אָן דעם חיצוניות, אָן אַ גוף. אַ נשמה אָבער, אפילו אָן אַ גוף, לעבט אויך, און שוועבט, און פליט. אָבער בלויז חיצוניות, בלויז אַ גוף אָן אַ נשמה, מעג זיין ווי שיין, איז טויט, איז אַ פגר, און פוילט אין קבר... מיר לעבן אין אַ וועלט, וועלכע לייגט זיך צונויף פון מאַטעריע און גייסט. גייסט אָן מאַטעריע קען גיכער עקזיסטירן, ווי מאַטעריע אָן גייסט. אַמאָל, ווען עס האָט איינעם וויגעטאָן דער קאָפּ, האָט מען גע־זאָגט: עס איז פון מאָגן. היינטיקע פּסיכאָטעראַפּיע לערנט פאַרקערט: אַז עס טוט וויי דער מאָגן, שטאַמט עס פון די נערוון אין קאָפּ.

אַז עס פעלט דער נערוו אין קאָפּ. הייסט עס, אַז עס פעלט דער גייסט, עס פעלט די נשמה, דאַמאָלס קען אפילו דער מאָגן נישט פאַרדייען.

טייערע יידן: ווי בלאָזט מען אַריין אין אונדזערע היינ־טיקע קינדער, די אַלטע יידישע נשמה, דעם אַלטן יידישן גייסט און דעם אַלטן יידישן נערוו, וועלכער איז געווען אין דעם אַלטן יידישן חדר?

נישטאָ קיין רעכט מבטל צו זיין דעם חדר, מיט דעם רבין, אַזוי לאַנג, מען האָט נאָך נישט באַוויזן צו דער־ציען, אין די מאָדערנע שולן אַ דור פון פעסטן צובונדן, צום פאָלק, צו יידישער שפּראַך, צו יידישער קולטור, און צו יידיש לעבן.

פורים

יום־טוב פורים און זיין באַדייטונג

פילע יאָרן האָבן באַרימטע ביבל קריטיקער זיך גע־בראָכן זייערע קעפּ, צו דערגיין דעם אמת פון דער מעשה פון מגילת אסתר. ווער איז געווען דער מחבר פון דער מגילה? האָבן זיי געפרעגט. ווער איז געווען דער קעניג אחשורוש? צי קסערקסעס דער ערשטער, אָדער קסערק־סעס דער צווייטער. די תלמודישע באַצייכענונג אַז אח־שורוש איז געווען אַ טיפּש, האָט פאַר דעם היסטאָריקער נישט גענוגט, ווייל ביידע קסערקסעס זיינען געווען טפּ־שים. דער גריכישער היסטאָריקער העראָדעס, דערציילט, אַז ווען אַ ים שטורם האָט צעשמעטערט די הילצערנע בריק, וואָס די פּערסער האָבן געלייגט איבער די דאַרדאַ־נעלן, האָט קסערקסעס דער ערשטער, באַפוילן צו שמייסן דעם ים פאַר סאַבאָטאַזש. דאָס איז טאַקע אַ טפשות אָבער דער צווייטער קסערקסעס, האָט געקענט זיין נאָך אַ גרע־סערער טפּש פון דעם ערשטן.

דער ביבל קריטיקער דע וויטע, האָט דערפאַר אָפּגע־פּאַסקנט, אַז די גאַנצע מעשה פון דער מגילה איז לא היה ולא נברא. די מעשה — זאָגט ער — איז אַן אויס־געטראַכטע, ווייל, אדרבא זאָגט אַליין: איז דאָס מעגלעך,

מיר נישט דיר נישט, אין מיטן העלן טאָג, אָן אַ פּאַרוואָס, נעמען און אונטערשרייבן אַ באַפעל, להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים — אויסקוילענען — הייסט עס — מיט אַמאָל, אַלע יידן, פרויען און קינדער, אומשולדיקע קר־בנות, היתכן? אין דער ביבלישער ענציקלאָפּעדיע, וועט איר טאַקע דערפאַר געפונען, אַ קורצע און שאַרפע באַ־צייכנונג אויף דער מגילה, אַז מגילת אסתר איז „אַ געווען פון אומגלויבלעכע און אוממעגלעכע געשעענישן". אפילו אונדזער פּראָפעסאָר דובנאָוו, האָט אויך קיין שום היס־טאָרישן אַרגומענט פאַר דער אמתדיקייט פון דער מגילה נישט געקענט געפונען, נאָר בלויז אַ לאָגישן באַווייז, ווייל אַ פאָלק — זאָגט ער וועט נישט אויסרופן קיין תענית, און וועט נישט מאַכן קיין יום־טוב, איבער אַן אויסגע־טראַכטע מעשה.

מיר לעבן היינט אין אַ צייט, אין וועלכער עס איז בכלל נישט נייטיק, אויפצווייזן די אמתדיקייט פון מגילת אסתר. אין אַנבליק פון דעם, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט לעצטנס מיטגעמאַכט, איז — דאַכט זיך — מער קיין צווייפל נישט, אַז אַזאַ מעשה האָט געקענט פּאַסירן, און האָט טאַקע פּאַסירט. ווען מיר לייענען היינט די מגילה, געפונען מיר דאָרט געשטאַלטן, וואָס זענען אַזוי פריש און אַזוי לעבעדיק, אַז עס שיינט, מיר לייענען אַ געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט ממש אין אונדזער צייט.

און עס איז אינטערעסאַנט, אַז איינער פון אונדזערע אַלטע פּוסקים (דער לבוש) שטעלט זיך אָפּ און פרעגט.

פאַרוואָס לייענט מען די מגילה פון איכה אויס אַ פשוטן חומש, געשריבן אויף פשוטן פּאַפּיר, און די מגילה פון אסתר מוז מען לייענען פון אַ פּאַרמעטענער מגילה? איז דאָך די מגילה פון איכה עלטער פון מגילת אסתר? מגילת איכה איז געשריבן געוואָרן פון ירמיהו הנביא, בשעת דעם ערשטן חורבן און באַלאַנגט אויך צו די כתבי הקודש, צום תנ״ך. דער אַלטער פּוסק ענטפערט דאַרויף, אַז די סופרים האָבן מגילת איכה נישט געשריבן אויף קיין פּאַר־מעט, ווייל זיי זיינען געווען פול מיט גלויבן, און כמעט ווי איבערצייגט, אַז די מעשה פון איכה האָט פּאַסירט בלויז איינמאָל, און אַז תשעה באב וועט נישט אייביק זיין אַ טרויער טאָג, נאָר וועט נאָך פאַרוואַנדלט ווערן, אין אַ טאָג פון פרייד און שמחה, ווען די גאולה וועט קו־מען. פּורים אָבער, וועט קיינמאָל נישט בטל ווערן, און אַזעלכע מעשיות ווי פון דער מגילת אסתר, וועלן זיך ווידערהאָלן פון צייט צו צייט, דערפאַר האָט מען די גע־שיכטע פאַרשריבן אויף פּאַרמעט.

נישט דאָ איז דער פּלאַץ, אַנצוווייזן אויף דער שאַר־פער אַקטואַליטעט פון דער מגילת אסתר, אין אונדזער היינטיקער צייט. איך וויל בלויז פאַרצייכענען אַ פּאָר מגילה אימפּראָוויזאַציעס, וואָס קומען אַליין אין קאָפּ, בשעת מען דערמאָנט זיך אין די אחשורושעס און המנס פון אונדזער צייט.

מגילת אסתר, איז פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט, אַ מייסטערווערק. זי לייענט זיך מיט געוואַלדיקן אינטע־

רעס, און איז ממש אַטעם פאַרכאַפּנדיק. די געשטאַלטן זיינען, כמעט ווי לעבעדיק, און די בילדער זיינען קינסט־לעריש געמאָלן. יעדאָך איז דער עצם פון דער מעשה, תמיד געווען פאַר אונדז אומפאַרשטענדלעך. המן — אַזוי הייסט עס אין דער מגילה — דערציילט דעם קעניג, אַז ס׳איז פאַראַן אַ פאָלק, וואָס לעבט צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע 127 מדינות פון זיין אימפּעריע. און דעם מלך לוינט נישט „להניחם", זיי צו לאָזן. דערפאַר זאָל געשריבן ווערן „לאבדם", זיי אומצוברענגען, און צען טויזנט צענ־טער זילבער, וועט ער אָפּוועגן אויף אַריינצוברענגען אין די שאַצקאַמערן פון דעם מלך.

וואָס איז די באַדייטונג פון די ווערטער „דעם קעניג לוינט נישט זיי צו לאָזן?" און פאַר וואָס האָט המנען יאָ געלוינט, צו געבן אַזש צען טויזנט צענטער זילבער זיי אומצוברענגען? פון וואַנען וועט ער נעמען די צען טויזנט צענטער זילבער? פון זיין אייגענער קאַסע? פאַרוואָס איז ער גרייט אַוועקצוגעבן אַזאַ גרויסע סומע? צוליב זיין פּערזענלעכער שנאה? מיט אַזאַ פּערזענלעכן פאַרלאַנג, קומט מען נישט צו קיין קעניג?

דאַן דערציילט די מגילה, אַז דער קעניג האָט איינגע־וויליקט צו שרייבן און צו חתמנען „והעם לעשות בו כטוב בעיניך" המן — הייסט עס — מעג טאָן מיט דעם פאָלק וואָס ער וויל. אויב אַזוי, ווי קומט עס, אַז נאָך שרייבן און נאָך חתמנען פון אַזאַ גזר דין, און נאָך דעם אַרויסשיקן פון די לויפערס, האָט קיין ייד פון דעם נישט

געוווסט, נאָר איין מרדכי, און אפילו אסתר המלכה ווייסט אויך פון גאָר נישט?

זייער אומפאַרשטענדלעך איז דער עפּיזאָד פון מרדכי אויף דעם קייזערלעכן פערד. ווי קומט דאָס אַז דער קעניג, וויסנדיק פון דעם, אַז מרדכי איז אַ ייד, האָט נאָך דעם אונטערשרייבן פון אַזאַ שרעקלעכן גזר דין אויף דעם גאַנצן יידישן פאָלק פלוצים באַפוילן טאַקע המנען, דעם ייד מרדכי צו מאַכן רייטן אויף דעם קייזערלעכן פערד? און המן פּראָטעסטירט גאָרנישט; סטייטש! מרדכי באַלאַנגט דאָך צו דעם פאָלק, וואָס מיר ביידע האָבן ערשט באַשלאָסן זיי אויסצוראָטן?

דאַן קומט דער קולמינאַציע פּונקט. דער קעניג, המן און אסתר, זיצן ביי דער סעודה, און אסתר קומט אַרויס מיט דעם סוד. שטעלט דער קעניג אַרויס אַ פּאָר קעלבער־נע אויגן, און פרעגט גאַנץ תמעוואַטע: מי הוא זה ואי זה הוא. ווער איז דער און וווּ איז ער? גלייך, ער ווייסט נע־בעך פון גאָרנישט. האָט ער דאָך אַליין ערשט איינגעווי־ליקט צו שרייבן און צו חתמענען?

אומפאַרשטענדלעך איז אויך די באַמערקונג פון אסתר ביי דער סעודה „ואילו לעבדים ולשפחות נמכרנו החר־שתי״. ווען מיר וואָלטן — הייסט עס — פאַרקויפט גע־וואָרן פאַר קנעכט און פאַר דינסטן וואָלט איך געשוויגן. צו וואָס עפּעס אַרונטעררוקן אַ געדאַנק פון פאַרקויפן יידן פאַר קנעכט און פאַר דינסטן? ווי קאָן אַ שטאָלצע

יידישע טאָכטער זאָגן, אַז זי וואָלט איינגעגאַנגען אויף פאַרקויפן איר פאָלק, פאַר קנעכט און פאַר דינסטן?

לויט מדרשימדיקע דערקלערונגען האָט די מעשה גאַנץ אַנדערש פּאַסירט. המן קומענדיק צום קעניג, האָט נישט פאַרלאַנגט אויסצוהרגענען דאָס יידישע פאָלק, און ער וועט פאַר דעם באַצאָלן צען טויזנט צענטער זילבער. ער־שטנס: האָט מען אפילו דאַמאָלט נישט געקענט שטעלן אַזאַ מין שוידערלעכן אַנטראָג: צווייטנס: קען מען נישט הרגענען אַ גאַנץ פאָלק, צוליב געלט. אַ פאָלק, און לעבן פון אַ פאָלק, קויפט מען נישט און מען פאַר־קויפט נישט. המן האָט געטענהט ווי אַ שטאַטסמאַן: ,, איז דאָ אַ גאַנץ פאָלק, וואָס ברענגט דעם שטאַט קיין שום נוצן נישט. עס גייט אַרום ליידיק. עס אַרבעט נישט, און דעם קעניג לוינט נישט „להניחם" זיי צו לאָזן רואיק, אַן יעדער אַרבעט, דעריבער יכתב „לעבדם". זאָל געשריבן ווערן, זיי צו מאַכן אַרבעטן. לאָז מיך קעניג, וועל איך זיי מאַכן אַרבעטן. — ער וועט — הייסט עס — איינריכטן אַרבעטס־לאַגערן פאַר יידן, און פון זייער אַרבעט וועט ער אַריינברענגען גאַנצע צען טויזנט צענטער זילבער אַ יאָר אין קאַסע.

המן האָט דעם קעניג געזאָגט „לעבדם" מיט אַן „עין", נישט „לאבדם" מיט אַן „אלף" — לעבדם מיט אַן עין איז די טייטש זיי צו באַשעפטיקן אָבער זיין אינערע כוונה איז געוועזן טאַקע דורך אַרבעטסלאַגערן זיי אין גאַנצן אויסצו־ראָטן. דער מלך טפש, האָט זיך אויף דעם נישט געכאַפּט.

און דער אָנטראָג איז אים זייער איינגעגאַנגען, און האָט געזאָגט „והעם לעשות בו כטוב בעיניך", זאָלסט טאַקע דאָס פאָלק באַשעפטיקן ביי וואָס דו פאַרשטייסט פאַר גוטיק.

אויסער מרדכי, האָט קיינער דאַמאָלט די כוונה פון דעם רשע נישט פאַרשטאַנען.

ערשט אסתר הייסט פאַרזאַמלען דאָס פאָלק, און אים אויפקלערן, אַז די אַרבעטסלאַגערן מיינען פאַרניכטונגס־לאַגערן. ביי דער סעודה דעקט זי אויף פאַר דעם קעניג דעם סוד, און זאָגט „ואילו לעבדים ולשפחות נמכרנו", וואָלט טאַקע אמת געווען, אַז מען מיינט בלויז אַרבעט, פאַר דער מדינה, דאַן אפילו פאַר קנעכט און דינסטן, וואָלט איך געשוויגן, צוליב דער טובה פון דעם שטאַט. אָבער דאָ מיינט מען להשמיד להרוג ולאבד". דאַמאָלט פאַרשטייט דער קעניג דאָס ספּעקטאַקל, און פרעגט מי הוא זה ואי זה הוא.

אויך המן פון אונדזער צייט, היטלער ימח שמו וזכרו, האָט נישט באַלד געזאָגט, אַז ער וויל אויסהרגענען אַלע יידן. ער האָט בלויז גערעדט פון אַרבעטסלאַגערן, פּלאַ־נענדיק דורך די אַרבעטס לאַגערן, כסדר צו סעלעקטירן די אַרבעטס אומפעאיקע צו פאַרניכטונג. אַ סך פון אונד־זערע יידן אפילו, האָבן אין די ערשטע יאָרן, נישט גע־אַנט וואָס דאָ קומט פאָר. ליידער, האָט מען זיך צו שפּעט געכאַפּט. די גאַנצע וועלט האָט געגלויבט, אַז היטלער

דאַרף בלויז די יידישע אַרבעט און אָרגאַניזירט בלויז אַרבעטסשטעלן פאַר יידן.

מיט רעכט זאָגט דעריבער ריש לקיש אין דער גמרא, „צפה הקדוש ברוך הוא שעתיד המן לשקול שקלים על ישראל לפיכך הקדים שקליהם לשקליו". ווען יידן זאָלן וויסן די בייזע כוונות פון זייערע שונאים, בשעת זיי לאָזן זיי אַרבעטן פאַר זייערט וועגן, וואָלטן זיי איינגעזען, אַז עס איז שוין די העכסטע צייט, בעסער צו אַרבעטן פאַר זיך אַליין, פאַר זייער אייגן פאָלק, און פאַר זייער איי־גענעם קיום.

געדאַנקען וועגן פּורים

וואָס דער נס פון פּורים דערמאָנט אונדז און וואָס מיר קענען לערנען פון דעם אין אַלע צייטן

בכלל, איז אַלץ, וואָס ווערט דערציילט אין תנ"ך, ניט בלויז קיין פאַרגאַנגענע זכרונות, נישט בלויז קיין געשיכטע פון אַמאָל. די געשטאַלטן פון תנ"ך קענען נישט צורו לאָזן דעם דענקנדיקן ייד. אַלע פּאַסירונגען, וואָס ווערן געשילדערט אין דעם ספר הספרים, זענען רמזים און אָנדייטונגען, און זענען טיילמאָל אַזוי פריש און אַזוי צאַפּלדיק, אַז עס דאַכט זיך, מען לייענט עס אַרוים פון אונדזער צייט. איבערהויפּט זעט מען עס און מען פילט עס אין מגילת אסתר.

דער אינהאַלט פון דער אַלטער מגילה ווידערהאַלט זיך, כמעט אין יעדער תקופה פון דער יידישער געשיכטע. בלויז די. אַרט און די פאָרם ענדערן זיך; די טראַגעדיע אָבער, בלייבט תמיד כמעט די זעלבע.

דער רמב"ם אין זיין הלכה ספר „יד החזקה", האָט דערפאַר פאַרבונדן דעם יום טוב פון פּורים מיט אייביקייט, אונטערשטרייכנדיק, אַז אויב אפילו אַלע ימים טובים

זאָלן בטל ווערן, וועט אויך דאַמאָלסט דער פּורים קיינ־מאָל נישט אונטערגיין.

פּורים איז פיל ברייטער און פיל טיפער, ווי די מעשה פון יענעם המן אליין. פּורים איז אַ מאָמענט, ווען מיר דערמאָנען, נישט בלויז יענע איינציקע מפּלה פון יענעם איינציקן המן, נאָר אויך אַ דערינערונג און אַ דערמאָנונג פאַר אונדז און פאַר דער גאַנצער וועלט, וועגן דעם רשעות־דיקן מענטשן און זיין בייזער מאַכט. די מגילה וואָרנט אונדז, צו שטיין אויף דער וואַך, אַקעגן אַ מיניסטער, ביי וועלכן עס האָט זיך צעוואַקסן אַן אומזיסטיקע שנאה צו יידן, און קעגן אַ מלך טפּש, וועלכער קען זיין אַזוי טעמפּ זיך צו לאָזן פאַרפירן, ביז צו אונטערשרייבן אַ דעקרעט פון להשמיד להרוג ולאבד.

אפילו פאַר אונדזער דור, וועלכער האָט זוכה געווען צו מדינת ישראל איז די מגילה זייער אַקטועל. אונדזער מדינה איז אַרומגערינגלט מיט אַ סך המנס און די צרה איז, נישט בלויז וואָס אונדזערע היינטיקע המנס האָבן אַ סך סאָלדאַטן מיט אַ סך כלי זין, נאָר פיל מער, וואָס זיי האָבן אַ צוטריט צו די היינטיקע אחשורוש׳ס, וואָס קעניגן איבער די הונדערט און צוואַנציק מדינות אין דער וועלט, וועלכע זיינען אויך אַזוי טעמפּ, אַז זיי זיינען פּעאיק אונטערצושרייבן אפילו אַ דעקרעט פון להשמיד להרוג ולאבד.

פּורים איז דערפאַר דער יום־טוב, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף אייביק ביים יידישן פאָלק, אַלס אַ צייכן פון

האָפנונג און טרייסט, אַז אַלע וואָס פאַרפאָלגן יידן, וועלן אַליין פאַרניכטעט און אַז די יידן וועלן סוף כל סוף גערעטעט.

דער מדרש ברענגט אַ זייער אינטערעסאַנטן מאמר חז"ל, וועלכער איז אַ מוסר השכל פאַר אַלע צייטן פון יידישער געשיכטע.

דער מאמר לויטעט: אַז נאָכדעם, ווי אחשורוש דער מלך טפּש האָט אונטערגעחתמעט דעם באַפעל פון להשמיד, להרוג ולאבד איז המן מיט זיינען חברים געווען פריילעך, דענקענדיק, אַז ס'איז אים געלונגען מיט איין מאָל צו פאַרניכטן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. המן באַגעגנט מרדכין אין גאַס, און זעט, ווי מרדכי שטעלט אָפּ 3 יידישע יינגלעך, וואָס זיינען אַוועקגעגאַנגען פון חדר. מרדכי פרעגט ביי איינעם פון זיי: וואָס האָסטו היינט געלערנט ביים רבין? און דאָס יינגעלע ענטפערט: איך האָב געלערנט דעם פסוק „אל תירא מפחד פתאום ומשואת רשעים כי תבוא" (דו זאָלסט קיין מורא נישט האָבן פאַר קיין פּתאומדיקן שרעק און פאַר די ברומונג פון די רשעים וואָס וועט קומען). מרדכי פרעגט דאַן דאָס צווייטע קינד: און דו, וואָס האָסטו היינט געלערנט אין חדר? דאָס קינד ענטפערט: איך האָב געלערנט דעם פסוק „עוצו עצה ותופר דבר דברו ולא יקום כי עמנו אל". (איר קענט טראַכטן עצות. אָבער זיי וועלן פאַרשטערט ווערן, איר קענט רעדן רייד, אָבער זיי וועלן קיין קיום ניט האָבן ווייל מיט אונז איז ג־ט) מרדכי פרעגט דאַן דעם דריטן: און דו וואָס האָסט

געלערנט? איך — ענטפערט דער דריטער — האָב גע־לערנט דעם פסוק „ועד זקנה אני הוא ועד שיבה אני אסבול אני עשיתי ואני אשא ואני אסבול ואמלט” (ג־ט זאָגט ביז דער עלטער בין איך דערזעלבער. און ביז דער עלטער וועל איך טראָגן די משא. איך האָב געמאַכט און איך וועל טראָגן די משא און איך וועל רעטן).

מרדכי האָט פון די יידישע קינדער דעמאָלט געהאַט אַ טרייסט־וואָרט, נישט בלויז פאַר דעם יידישן מצב פון זיין צייט, נאָר בכלל פאַר אַלע תקופות אין דער יידישער היסטאָריע.

יעדער פסוק פון די דריי פסוקים וואָס די קינדער האָבן פאַר מרדכין ציטירט, אַנטהאַלט אין זיך אַ באַזונדערע טרייסט פאַר די 3 מינים אַנטיסעמיטיזמען, וואָס וויקלען זיך דורך דער געשיכטע פון יידן צווישן די פעלקער פון דער וועלט.

דער ערשטער תלמיד האָט דערמאָנט דעם פסוק „זאָלסט נישט קיין מורא האָבן פאַר פלוצימדיקע שרעק און פאַר די ברומונג פון רשעים וואָס וועלן קומען”.

עס איז פאַראַן אַ סאָרט אַנטיסימיטיזם, וואָס ברעכט אויס ווי אַ ווולקאַן. ער, קומט מיט שטורם. ער, קומט אין פאָרם פון פאָגראָמען, פון גזירות און נגישות. דאָס זיינען די אַלע אונדז באַקאַנטע אויסברוכן, וואָס האָבן זיך אי־בערגעחזרט אין דער געשיכטע, אַלס איבערפאַלן אויף יידן אין פאַרשידענע לענדער. דאָס איז דער אַנטיסעמי־

טיזם וועלכן מרדכים קינד רופט „פחד פתאום" פלוצים־דיקע שרעק.

מיר לייענען דערפאַר די פרשה פון זכור פאַר פורים. מיר דערמאָנען דעם ערשטן פלוצימדיקן איבערפאַל אויף יידן באַלד נאָכדעם ווי יידן זיינען נאָר אַנטשטאַנען אַלס אַ פאָלק. „אשר קרך בדרך" עמלק האָט אונדז געטראָפן אויף דעם וועג; מיר זענען נישט געווען צוגעגרייט צו קיין מלחמות און ער האָט אונדז געשלאָגן ווען מיר זיינען געווען שוואַך. דער ערשטער פּאָגראָם אויף יידן איז געקומען פון עמלק. די תורת פאַרפליכטעט יעדן ייד צו געדענקען און נישט צו פאַרגעסן וואָס עמלק האָט אונדז געטאָן, ווייל שפּעטערע שונאים האָבן נאָכגעטאָן עמלקן.

דאָס צווייטע קינד דערמאָנט מרדכין, אַז אין דער יידישער געשיכטע וועט פאָרקומען נאָך אַן אַנדער סאָרט אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז אַ דיפּלאָמאַטישער אויסגערעכנטער און איבערלייגטער אַנטיסעמיטיזם. די יידישע שנאה דריקט זיך אויס נישט אין קיין פּאָגראָמען און גזירות, נאָר הויבט זיך אָן מיט פאַרשידענע עצות מיט רעדעס, מיט פּראָפּאַגאַנדע און שאַרפע לאָזונגס־ווערטער קעגן דעם יידישן פאָלק. דאָס צווייטע קינד לייענט דערפאַר פאַר מרדכין אַ באַזונדערן פּסוק: „עוצו עצה ותופר דברו דבר ולא יקום כי עמנו אל". זאָלן די יידישע שונאים זיך באַראַטן, זאָלן זיי האַלטן עצות, אַלע זייערע טראַכטונגען וועלן צעשטערט ווערן. זאָלן זיי פירן פראַ־

פּאַגאַנדעס און רעדן וואָס זיי ווילן, דאָס וועט קיין וויר־קונג נישט האָבן, ווייל ג־ט איז מיט אונדז.

פאַראַן אָבער נאָך איין סאָרט אַנטיסעמיטיזם און דער איז דער געפערלעכסטער פון אַלע. דאָס איז דער קולטו־רעלער אַנטיסעמיטיזם. איינע פון די הויפּט באַשולדי־קונגען קעגן יידן אין דער מגילה איז דאָס, וואָס „ודתיהם שונות מכל עם". המן האָט אויפגערייצט די מאַסן קעגן יידן מיט דער טענה, אַז יידן פירן אַן אייגנאַרטיקן שטייגער לעבן און לאָזן זיך נישט אַסימילירן און רעפאָרמירן פון אַנדערע פעלקער.

אין אַלע דורות באַמיען זיך די גויים אַראָפּצופירן די יידן פון יידישקייט און פון יידישן לעבן. „מלחמה לד׳ בעמלק מדור דור". דאָס איז אַ געטלעכע מלחמה מיט עמלק פאַר אַלע דורות. דער קאַמף איז אַ שווערער, ווייל טאָג טעגלעך רייסט דער שונא אַרויס גאַנצע טיילן פון אונדזער פאָלק וועלכע גייען פאַרלוירן צווישן די גויים. די מלחמה מיט דעם סאָרט עמלק וועט זיך ערשט ענדיקן — אַזוי זאָגן חז״ל — ווען משיח וועט קומען און אַלע יידן וועלן זיין אין ישראל. דאַמאָלט וועט דער סאָרט שונא מער קיין שליטה נישט האָבן איבער יידן. אַזוי לאַנג אָבער ווי יידן געפינען זיך צווישן גויים אין די גוייִשע לענדער, אַזוי לאַנג גייט טאָקע אַן אַ מוראדיקע מלחמה, צווישן יידישקייט און גוייִשקייט.

דאָס דריטע קינד דערמאָנט דערפאַר מרדכין „ועד זקנה אני הוא" יידישקייט וועט תמיד עקזיסטירן. וואָס

עלטער עס זענען די יידישע אידעאַלן, אַלץ שטאַרקער ווערן זיי, ואני אסבול ואמלט". צוליב זיינע הייליקייטן האָט דער ייד אַזוי פיל געליטן, און קיין שונא וועט נישט אַרויסרייסן פון אונדזערע הערצער דאָס, פאַר וועלכן מיר האָבן אַזוי טייער באַצאָלט.

זאָל דערפאַר די שמחה איבער די מפּלה פון יענעם המן אַביסל דערפרייען די פאַרוויטיקטע יידישע הערצער און זאָל יענער טריאומף איבער אַ שונא ישראל זיין אַן אָנווייז, אַז סוף כל סוף קען מען אונדז נישט פאַרניכטן, נישט פיזיש און נישט גייסטיק, ווייל עם ישראל חי וקים לנצח.

די לערע פון מגילת אסתר

(אַן ערנסטער תוכן אין אַ פורימדיקער פאָרם)

איך בעט אייך, ליבע, טייערע, האַרציקע יידן פון מעקסיקע, לאָמיר לייענען די מגילה! איר געדענקט דאָך מסתמא נאָך פון דעם אַלטער היים, אַז יעדער ייד איז מחוייב פורים: אָדער אַליין צו לייענען די מגילה, אָדער צו הערן פון אַ צווייטן, ווי ער לייענט די מגילה.

מערקווירדיק, אין קיין שום יום־טוב האָבן מיר נישט קיין פליכט צו לייענען, אָדער צו הערן לייענען די מעשה, וואָס דער יום־טוב דערמאָנט אונדז. אין חנוכה איז אויך געשען אַ גרויסע נס און עס איז דאָ אַ מגילת החשמונאים, אָבער מיר לייענען נישט קיין מגילה אין חנוכה; מיר באַגנוגן זיך מיט דעם קורצן על הנסים. דער גרויסער יום־טוב פון פסח האָט אַ גאַנצע היסטאָריע וועגן יציאת מצרים, אָבער מיר לייענען נישט פּסח קיין מגילה, וועלכע זאָל אונדז דערציילן דעם יציאת מצרים מיט אַלע פּיט־שעווקעס. מיר באַגנוגענען זיך מיט אַ פּאָר פּרשיות, וואָס מיר לייענען אין דער תורה מיט אַ הגדה, וואָס מיר זאָגן צעשטיקלט, האַלב פאַר דעם עסן און אַ צווייטע העלפט

נאָך דעם עסן; מיט דעם זיינען מיר יוצא. פורים אָבער, מוזן מיר לייענען די גאַנצע מגילה פון אָנהויב ביז צום סוף, מיט אַלע איינצלהייטן און מיט אַלע קלייניקייטן; מסתמא איז דאָ עפּעס אַ טעם דערביי.

מערקווירדיק איז אויך דאָס, וואָס חז״ל האָבן דעם פורים געשטעלט זייער הויך; פורים איז אַ האַלבער יום־טוב און חז״ל האָבן אים געשטעלט העכער פון אונדזערע גרויסע גאַנצע ימים־טובים; זיי האָבן זיך אויסגעדריקט, אַז אַפילו ווען אַלע ימים־טובים זאָלן בטל ווערן, וועט אַלץ פורים בלייבן.

בסך הכל איז דאָך אין פורים, פּאַקטיש קיין גרויסע, שלא כדרך' — הטבע'דיקע, נסים ניט געשען. המן האָט קיינעם חלילה קיין שלעכטס נישט געטאָן; ער האָט בלויז געוואָלט טאָן; ער האָט געוואָלט אויפהענגען מרדכין; ער האָט געוואָלט אומברענגען אַלע יידן. נו? אַז אַ רשע וויל עפּעס, וואָס זשע איז? ווייניק רשעים ווילן טאָן שלעכטס, און עס געלינגט זיי נישט? ווען איז דאָס נישט געווען אין אונדזער לאַנגן גלות קיין שלעכטע מענטשן, וואָס האָבן נאָר געוואָלט אומברענגען יידן?

ווען, אָבער, מען לייענט אויפמערקזאַם די מגילה פאַר־שטייט מען, אַז פורים האָט באמת אַ גאָר גרויסע באַדיי־טונג פאַר אונדז יידן; פורים קלערט אונדז אויף אַ סך וויכטיקע זאַכן, וואָס מיר, דער עם חכם ונבון, הייבן נישט אָן צו באַגרייפן און צו פאַרשטיין.

פורים לערנט אונדז הויפטזעכלעך, אז ביי אלע פריהייר־טן, וואס מיר קענען האבן אין די גלות לענדער, קענען מיר קיין מאל נישט זיין פארזיכערט פאר שנאה און רדיפות.

מיר קענען גאנץ גוט די טענות פון די משכילים פון אמאל, און פון די אסימילאטארן פון היינט. זיי האבן געטענהט און טענהן נאך היינט, אז נאר אין די לענדער, ווי די אלגעמיינע געזעצן טיילן אפ יידן פון נישט יידן, נאר דארט זיינען יידן ווייניק געזיכערט און זיינען גע־האסט. אבער אין די לענדער, ווי יידן זיינען גלייכגעשטעלט מיט אנדערע בירגער פון לאנד, דארט דארפן זיי פאר קיין זאך נישט מורא האבן. יידן דארפן דערפאר פאר־מאסקירן זייער אנגעהעריקייט צום יידנטום; דארפן לעבן גלייך ווי די גויים; דארפן לעבן מיט די גויים; דארפן אוועקגעבן זייערע זין צו די גויאישע טעכטער און נעמען גויאישע זין פאר די יידישע טעכטער און שלום על יש־ראל; דאמאלט וועלן יידן זיין געזיכערט פון אלע יידישע צרות און וועלן מער נישט דארפן מורא האבן.

פורים לערנט אונדז, אז די מיינונג איז דורך און דורך פאלש.

די מגילה דערציילט אונדז דייטלעך, אז אין פרס האבן יידן געהאט אלע רעכט. אויף דער גרויסער סעודה, וואס אחשורוש האט געמאכט פאר די איינוווינער פון שושן, האבן יידן געשפילט די ערשטע פידל. קיין כשר פלייש האט עס דארט נישט געגעבן; יידן האבן דארט געגעסן בשר קוויטש, גלייך מיט די גויים; כאטש עס האט גע־

שטיקט אין האלדז ממש צום ברעכן, אָבער זיי זיינען געווען פונקט ווי די גויים. אחשורוש איז געווען אַ ליבע־ראַלער ביז גאָר, האָט חלילה קיינעם נישט געצווינגען צו גאָרנישט. „אין אונס” איז געווען די פּאַראָלע פון דעם געזעץ.

אחינו בני ישראל, אַז זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַזאַ ליבעראַלער מדינה, פאַרשטייט מען דאָך אַליין, אַז זיי זיינען געוואָרן פּערסיער מיט אַלע רמ״ח איברים; זיי האָבן גערעדט בלויז פּערסיש (דאָס וואָרט פּורים איז פּערסיש). אפילו מרדכי אַליין האָט שוין נישט געהייסן קיין ריין יידישן נאָמען; זיין פאָטער האָט נאָך געהייסן „יאיר”, דער זיידע: שמעי, דאָס זיינען ריינע יידישע נעמען, אָבער מרדכי איז שוין נאָכגעמאַכט פון דעם פּערסישן מרדך. זיין שוועסטערס קינד, דאָס יתומהלע האָט ביי איר טאַטן נאָך געהאַט אַ יידישן נאָמען; זי האָט געהייסן הדסה; נאָר אַזוי ווי זי איז אַריבער צום פעטער, — איז פון הדסה געוואָרן אסתר, וואָס שטאַמט פון פּערסיש. קיין פּאַספּאָרטן, אָדער מעטריקעס זיינען דאַמאָלט נישט געווען און אַז מען האָט אסתר׳ן גענומען אין קעניגלעכן הויף, האָט טאַקע קיינעם אפילו נישט געחלום׳ט, אַז זי איז אַ יידישע. מרדכי אַליין האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל נישט אויסזאָגן, אַז זי איז אַ יידישע טאָכטער, ווייל טאָמער... ווער ווייסט, אפשר וועט איר דאָס שאַטן צום שידוך. מרדכי אַליין זיצט בשער המלך. ער וווינט, הייסט עס, אויף דער קעניגלעכער גאַס; קיינער ווייסט נישט, אַז

ער איז א ייד. אפילו בגתן ותרש היטן זיך נישט פאר אים מיט זייערע קאנספיראציעס. עס פאלט זיי נישט איין, אז מרדכי איז א ייד און וועט אויסזאגן פון חדר...

דאכט זיך, אז אזא מצב איז דער אידעאלסטער פאר א ייד. א קלייניקייט: מען לעבט זיכער און רואיק; מען איז גלייך מיט אלע אומות פון די 127 מדינות מען וווינט אין שער המלך; מען איז א כל ולך אין די הויכע פענס־טער און מען איז א מחותן מיט דעם מלך איבער די מל כים, מיט אחשורו׳שן אליין. עפעס בעסערס, דאכט זיך, קען זיך קיינעם נישט חלומ׳ן אפילו.

אבער דער סוף פון דער אידיליע איז טראגיש. די טראגעדיע איז גאר געקומען פון עפעס א נארישער קליי־ניקייט. דער קעניג האט באפוילן, אז אלע עבדי המלך זאלן זיך בוקן פאר המנען. האבן זיך אלע באאמטע פון דעם קעניג טאקע געבוקט; נאר מרדכי נישט. ווייל מרדכי האט מיט רעכט געטענה׳ט, אז ער איז נישט קיין באאמ־טער און באלאנגט נישט צו די עבדי המלך. מרדכי האט אויפגעוויזן, אז על פי געזעץ דארף ער דאס נישט טאן; ער האט מעשה יוד מיט אלע פירזשים און בעיקר מיט דעם גראבן פינגער, באמערקנדיק דערביי, אזוי כלאחר יד, אז ער איז א ייד. פארוואס נישט? האט ער דען חלילה מורא דאס אויסצוזאגן? ער לעבט דאך אין דער ליכטיקער פער־סישער מדינה. מער האט מען נישט געדארפט. דאס איז געווען גענוג; המן איז געווארן, אנגעצונדן ווי א פייער. א העזה אביסעלע, א ייד וויל באווייזן זיין רעכט; המן

האָט זיך גענומען די אַמביציע צו באַווייזן, אַז ביי אַלע זיינע רעכטן, קען מען ביים ייד אָוועקנעמען דאָס רעכט אַפילו פון צו לעבן. וואָס פאַר אַ רעכט האָט אַ ייד צום נאָמען רעכט, אָדער אויפצווווייזן רעכטע? המן האָט באַוויזן, אַז נישט בלויז פון דעם יידן צו וועלכן מען האָט טענות, קען מען אָוועקנעמען די רעכטע, נאָר מיט אים, פון אַלע יידן, אויך אַפילו פון פרויען און קליינע קינדער. אמת, אַז דאָס שטימט עפּעס ניט מיט די געזעצן פון דער ליבעראַלער רעגירונג, אָבער צו דעם איז דאָ אַן עצה; מען דאַרף בלויז אויפקלערן, אַז „ודתיהם שונות מכל עם" זיי האָבן זיך זייערע אייגענע פירונגען, זיי שיידן זיך אָפּ פון אַלעמען, זיי זיינען אתה בחרתנו׳קעס. ואת דתי המלך אינם עושים, זיי פאָלגן נישט די געזעצטע פון דעם שטאַט; דערפאַר, ולמלך אין שוה להניחם. וואָס פאַר אַ נוצן ברענגען זיי? זיי דענקען אין זיך און דער שטאַט האָט פון זיי גאָר נישט. אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע וועט זיין לטובת דעם שטאַט.

ווי הויבט מען אָבער אויף דאָס פּראָסטע פאָלק, אַז אויך זיי זאָלן אָנפאַלן אויף זייערע ביז איצטיקער רואיקע שכנים, מיט וועלכע זיי האָבן ביז היינט געלעבט בשלום? אויף דעם איז דאָ אַן איינפאַך מיטל: דעם המון פון די אומות העולם דערלאַנגט מען אַ לעקעכל פון ושללם לבוז: ווען דאָס פּראָסטע פאָלק וועט דערהערן, אַז יידישע פאַרמעגנס זיינען הפקר, וועט עס טאָן אַלעס כדי עס צוצונעמען.

המן טראַכט נישט לאַנג, נאָר געטראַכט און געטאָן; ער מאַכט אָפּ מיט אחשורוש, וואָס ער וויל. און דער „דעקרעט" פון „להשמיד להרוג ולאבד" ווערט באַלד אונ־טערשריבן.

ערשט דאַמאָלט איבערצייגט זיך מרדכי אין זיין טעות; ער איבערצייגט זיך, אַז אַלע יידישע רעכט אין גלות זיינען גאָר נישט ווערט און אפילו זיין שוועסטערס קינד, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט דעם מלך המלכים, מיט אחשורוש'ן אַליין, איז אויך גאָר קיין פאַרזיכערונג נישט; פונקט פאַרקערט, זי אַליין איז אין דער אייגענער סכנה, וואָס דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. ער באַפעלט איר „מיין נישט אַז אין קעניגס הויף וועסטו זיין זיכער מער פון אַלע יידן".

ביים לייענען די מגילה, דאַרפן מיר קודם כל לערנען, אַז יידן, וואָס לעבן אין די פרייע לענדער, זאָלן זיך נישט איינרעדן אַז זיי זיינען זיכער. יידן, וואָס האָבן רעכט, זאָלן נישט מיינען, אַז מיט דעם, וואָס זיי וועלן פאַרמאַס־קירן זייער יידישקייט, מיט דעם וואָס זיי וועלן לעבן ווי גויים, וועט דאָס זיי העלפן אין דער יידישער נויט. פון דער מגילה זיינען אַלע קליינע איינצעלהייטן וויכטיק; עס איז אויך וויכטיק צו געדענקען, אַז עסן חזיר מיט נבילות אויף דער סעודה פון אחשורוש האָט גאָר נישט געהאָלפן. די, וואָס דענקען אַז חזיר מיט נבילה איז אַ רפואה פאַר אנטיסעמיטיזם; אַז מיט דעם וועט מען זיך צולעקן צו די

גויים און מען וועט זיין גלייך מיט זיי, מאַכן דעם גרעסטן טעות.

אַסימילאַציע איז גאָר קיין רפואה נישט פאַר יידן; נישט די איבערגעדרייטע פערסישע נעמען; נישט דאָס באַהאַלטן זיך מיט דעם, וואָס מען איז מזרע היהודים: נישט די גלייכע רעכט און אַפילו נישט די מחותנ׳שאַפט מיט דער גויאישער אַריסטאָקראַטיע, האָבן באַוואָרנט יידן, אַז מען זאָל אויף זיי נישט אַרויסגעבן די בלוטיקסטע גזירות פון: להשמיד להרוג ולאבד.

די מגילה גיט אונדז אויך די בעסטע רפואה, דאָס זיכערסטע מיטל קעגן אונדזערע שונאים און דאָס איז דער: לך כנוס את כל היהודים. נעמט אייך צונויף, לעבט נישט צושטיקלט, צעברעקלט אין איינצעלנע קליינע פאַר־טייעלעך, וואָס באַקעמפן זיך אין נאַרישע קלייניקייטן, אין מינדערווערטיקע פרינציפּן, וואָס זאָגן גאָרנישט, נאָר ברענגען מחלוקת. דער „מפוזר ומפרד" איז געווען דער הויפּט אַרגומענט פאַר המן און איז ביז אויף דעם היינ־טיקן טאָג די געפערלעכסטע וואָפן אין די הענט פון אונד־זערע שונאים.

מיר לעבן היינט אין דער ציוויליזירטער וועלט, אָבער די המן׳ס זיינען נאָך נישט אויסגעשטאָרבן; עס שטאַרבט איין המן און עס קומען גאַנצע עשרת בני המן אפילו די ויזתא׳ס האָבן אַ דיעה, ווען עס האַנדלט זיך אין שלעכט׳ס טאָן יידן. היינט איז נישטאָ קיין אחשורוש׳עס, וואָס זאָלן איינמאָל זאָגן שוואַרץ און אַ צווייט מאָל ווייס;

היינט; אז געזאגט איז טאקע געטאָן; מיר לעבן אין א צייט, ווען א המן האָט פארניכטעט גאנצע זעקס מיליאָן יידן און מיר קענען זיך נישט דערלויבן אויף זיין מפוזר ומפורד. אין דער היינטיקער צייט בלייבט אונדז בלויז דאָס איינציקע אויסגעפרוווטע מיטל פון: לך כנוס את כל היהודים.

לעבן מיט יידישע אידעאַלן, מיט יידישן לעבנס שטייגער, דאָס איז דער איינציקער תרים בפני הפורעניות.

לאָמיר דערפאַר לייענען אויפמערקזאַם די מגילה, און האָט א לוסטיקן פורים.

חודש ניסן

גלות און גאולה

(לכבוד חודש ניסן)

דעם גרעסטן חלק פון דער יידישער געשיכטע פאַרנעמט דער גלות. דאָס יידישע גלות-לעבן איז קוואַנטיטאַטיוו און קוואַליטאַטיוו זייער לאַנג. זייער לאַנג דויערט ער, און זייער אינהאַלטרייך איז ער, דער יידישער גלות. כמעט דער רוב מנין און רוב בנין פון דער יידישער קולטור איז געשאַפן געוואָרן אין גלות. אָבער אין אונדזער תורה שבכתב, אין אונדזער חומשל פאַרנעמט די גלות-פרשה אַ גאָר קליין אָרט. בלויז אין איין סדרה רעדט זיך פון דעם ערשטן יידישן גלות, וועלכער האָט געגנוג לאַנג גידויערט. דערפאַר אָבער איז די איינציקע סדרה שמות אַ מועט המחזיק את המרובה. קליין אין כמות און גרויס אין איכות. די קליינע סדרא לערנט אונדז זייער אַ סך. מיר דאַרפן זיך נאָר אַ ביסל מער פאַרטיפן אין דער קליינער סדרה און מיר וועלן פאַרשטיין פיל פון די פּראָבלעמען פון די שפּעטערדיקע גלותן.

איבער איין פונקט וואָלט איך זיך וועלן היינט דאָ אָפּשטעלן, אַ פונקט, וועלכער איז זייער אַקטועל אין אונדזערע היינטיקע צייטן.

נישט איינער פון אונדז וואונדערט זיך: ווי אזוי האָט דאָס יידישע פאָלק איבערלעבט אלע היסטאָרישע גרויסע וועלט-נאַציעס? ווי אזוי האָבן יידן געקענט איבערטראָגן אלע גלותן, און נישט אונטערגיין צווישן די אלע פעלקער?

אַ טיפער בליק אין אונדזער גלות סדרה, ברענגט אונדז דעם ריכטיקן ענטפער, ברענגט אונדז אַ קלאָרע תשובה.

ווען יידן האָבן איינגעוואַנדערט קיין מצרים, איז דעמאָלט אין אלע לענדער אַרום מצרים געווען אַ גרויסער הונגער נאָר אין מצרים אליין איז געווען ברויט. פאַרשטייט זיך, — איבערינגם שטייט טאַקע אזוי אין מדרש — אַז נישט בלויז יעקב׳ס קינדער, נאָר אויך אַ סך אַנדערע פעלקערלעך, שטאַמען און מענטשן-גרופּן, האָבן זיך דאַמאָלט אַ לאָז געטאָן קיין מצרים, כדי זיך צו ראַטן פונם גרויזאַמען הונגער.

אָבער יענע אלע פעלקערלעך און מענטשן גרופּן, וועלכע זיינען דעמאָלט אַריין קיין מצרים, זיינען בלויז אַריין, און זיינען טאַקע מער פון דאָרט נישט אַרויס. זיי זיינען שוין דאָרט פאַרבליבן אויף אייביק. זיי זיינען גאַנץ פאַרשוואונדן און פאַרשמאָלצן געוואָרן, אינם גרויסן מצרישן פעלקער טאָפּ. דאָס איינציקע פאָלק, וואָס האָט באַוויזן אויך אַרויסצוקומען פון מצרים, דאָס איז געווען דאָס יידישע פאָלק. יציאת מצרים איז דעריבער דער יסוד, דער פונדאַמענט פון דער יידישער געשיכטע. יציאת-מצרים ווערט דערפאַר כסדר דערמאַנט אין דער יידישער

תורה, אין דעם דאַווגען, אין די עשרת הדברות און אין קריאת שמע, ווייל יציאת מצרים איז אַ באַגריף, וואָס קיין אומה ולשון פאַרמאָגט אים נישט. יציאה איז אַ וואָרט וואָס קיין שפּראַך האָט דאָס נישט.

פאַרוואָס טאַקע איז עס אַזוי? פאַרוואָס האָבן יידן יאָ געקענט אַרוים פון מצרים, און אַן אַנדער פאָלק האָט דאָס נישט געקענט באַוויזן?

דאַרויף ענטפערן אונדז די פסוקים אין דער קורצער גלות סדרה קלאָר און דייטלעך. יידן זייענדיק אויך אין מצרים, האָבן זיך געהאַלטן אין זייער טראַדיציע, אין דער טראַדיציע פון זייערע אבות. זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשאָקלט פון זייער פאַרגאַנגענהייט, און פעסט געגלויבט אין דעם אָנזאָג, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו זייערע עלטערן, אַז זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות.

און צווישן די גרויסע זאַכן, צוליב וועלכע יידן האָבן געהאַט די זכי' אויסגעלייזט צו ווערן פון מצרים, רעכנט דער מדרש, „שלא שינו את שמם ולא שינו את לשונם". זיי האָבן נישט געענדערט זייערע יידישע נעמען אויף גוייִשע, און זיי האָבן נישט פאַרביטן זייער שפּראַך אויף אַ גוייִשן לשון.

יידישע נעמען און יידישע שפּראַך, האָבן די יידן אין מצרים אָפּגעהיט פון אַסימילאַציע, און צוגלייך אָנגעהאַלטן דאָס פייערל פון האָפנונג פאַר גאולה.

די יידן, וועלכע האָבן קיין יידישע נעמען מער נישט געהאַט, און קיין יידיש נים גערעדט, די זיינען פון מצרים

מער ניט ארויס. זיי זיינען טאקע שוין דארט פארבליבן און נישט אויסגעלייזט געווארן.

אינטערעסאנט איז א באמערקונג פון א גרויסן רבי'ן, דעם מחבר פון ספר „בני יששכר". די תורה דערציילט, אז פרעה האט געשיקט רופן צוויי יידישע הייבאמעס, און זיי באפוילן צו טויטן די נײ געבוירענע יידישע קינדער.

צו וואס דארף די תורה דערציילן, אז די הייבאמעס האבן געהייסן איינע שפרה און די צווייטע פועה? ווי די נעמען וואלטן געהאט עפעס א שייכות מיט זייערע באַאויפטראגטע טעטיקייטן?

דער פסוק וויל אונדז לערנען — האט דער רבי באַהויפטעט — אז דער נאמען פון א מענטש כאראקטעריזירט דעם אינערלעכן מהות זיינעם און אן איבערבייט פון א נאמען ווירקט אפט אויך, אז דער זעלבער מענטש ווערט אנדערש אין זיין גייסט און אין זיין כאראקטער. דעריבער איז די תורה אזוי מאריך ווייל דא איז דא נאך א כוונה. חז"ל זאגן, אז די אמתע נעמען פון יענע הייבאמעס זיינען געווען, יוכבד און מרים. פרעה אבער האט געוווסט, אז אזוי לאנג זיי האבן זייערע יידישע נעמען איז א שאד זיין מי, זיי וועלן אים נישט פאלגן צו הרגנען יידישע קינדער, דערפאר דערציילט די תורה: ויאמר מלך מצרים למילדות העבריות, — פרעה האט קודם כל געזאגט צו די יידישע הייבאמעס אשר שם האחת שפרה ושם השנית פועה. קודם כל זאלן זיי וויסן אז פון היינט אן האבן זיי אנדערע נעמען זיי הייסן נישט מער יוכבד, נישט מער

מרים, נאָר מצריש, איינע שפרה און די אַנדערע פועה. דאַן ויאמר בילדכן את העבריות וכ׳. אם בן הוא והמתן אותו דאַן האָט ער זיי באַפוילן, זיי זאָלן טויטן די ניי געבוירענע יידישע מענלעכע קינדער, ווייל נאָכדעם ווי זיי וועלן זיך רופן מיט מצרישע נעמען, וועט דאָס ווירקן אויף זייער גאַנצן כאַראַקטער און פסיכיק. זיי וועלן דאַן אָנהויבן דענקן און פילן ווי אמתע מצרישע פּרויען, און וועלן קענען אויספירן זיין גרייזאַמען באַפעל אויסצוהר־געגען קליינע יידישע קינדער.

און ווי אַזוי איז דער מצב היינט?

עס איז באַקאַנט אַן עפּיזאָד, וואָס עס דערציילט אַן אַמעריקאַנער רב איבער דעם מצב פון יידישע נעמען און יידישער שפּראַך אין אַמעריקע.

אַ יונג פּאָר־פאָלק קומט צו אַן אַמעריקאַנער רב באַ־שטעלן אַ חופּה. דער רב — פאַרשטייט זיך — פרעגט זייביידן אויף זייערע און זייערע עלטערנס יידישע נע־מען. ליידער ביידע ווייסן בשום אופן נישט וואָס צו ענט־פערן. נאָך אַ ווײַלע רופט זיך אָפּ דער חתן: ניט געזאָרגט רבי. ביז צו דער חתונה וועל איך געגוי וויסן מיין נאָמען און מיין פאָטערס נאָמען. דער רב ווערט נייגעריק צו וויסן, ווי אַזוי וועט דער יונגער מאַן געגוי וויסן די יידישע נעמען. און דער יונגער מאַן ענטפערט: גאָר פשוט. פאַר דער חתונה וועט ער גיין אויף דעם בית עולם איינלאַדן זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער צו דער חתונה און אויף דער מצבה וועט ער זען זיין פאָטערס נאָמען און אַזוי

ווי ער אליין הייסט נאָך זיין זיידן, וועט ער דאָרט אויף דער מצבה אָפּשרייבן דעם נאָמען פון זיידן אויך, ווייל אויף דער מצבה שטייט אויסגעקריצט אויך דער נאָמען פון זיין טאַטנס טאַטע.

אזוי איז ליידער דער מצב. ביים לעבן גייען די יידישע נעמען פאַרלוירן. לעבעדיקערהייט רופט מען זיך מיט פרעמדע נעמען. מען שעמט זיך מיט דעם יידישן נאָמען. דער יידישער נאָמען — מישטיינסגעזאָגט — אימפּאָנירט נישט געווענג. ערשט ווען מען האַלט פאַר דעם שטאַרבן, ווען מען ווערט קראַנק, מען וויל, מען זאָל מתפלל זיין, מען זאָל מאַכן א מלא, א יזכור, דאַמאָלט דערמאָנט מען זיך אין דעם יידישן נאָמען.

אויסבייטן א יידישן נאָמען אויף א גויישן הייסט אַנטלויפן פון יידישן לאַגער. שעמען זיך מיט יידישער שפּראַך און וועלן דווקא רעדן גוייש און אָפטמאָל זיך מאַכן מכלומרשט ווי מען פאַרשטייט נישט קיין יידיש, דאָס איז אַסימילאַציע.

די פּרשה פון יידישן ערשטן גלות לערנט אונדז דאָס קלאָר און דייטלעך.

קידוש החמה

תשי"ג

היי יאָר, מיטוואָך כ"ג ניסן, דעם 8טן אַפּריל, אסרו חג פון פסח, וועלן יידן אין דער גאַנצער וועלט, אָפּהאַלטן אַ רעליגיעזע פייער, וועלכע רופט זיך קידוש החמה. מיר יידן זיינען מקדש די לבנה יעדן חודש, און די זון זיינען מיר מקדש, איינמאָל אין 28 יאָר.

זעלטן, זייער זעלטן געפינען זיך אַזעלכע יידן, וועלכע האָבן אַ זכי', מיצומאַכן אָט די צערעמאָניע פון קידוש החמה, 3 מאָל אין זייער לעבן.

און ווייל קידוש החמה קומט פאָר בלויז איינמאָל אין 28 יאָר, דענקט מען דעריבער זייער ווינציק וועגן דעם, און עס זיינען פאַראַן אַ סך יידן, וועלכע ווייסן אפילו נישט, וואָס דאָס הייסט און וואָס דאָס באַדייט.

„פּראַקטישע" מענטשן, אָדער אין אַנדערע ווערטער, מענטשן וועלכע דענקען ווייניק, מאַנכע, ווייל זיי זיינען אומפעאיק צו דענקען, און אַנדערע, ווייל זיי זיינען צו פויל צו דענקען וועגן אַבסטראַקטע ענינים, אַזעלכע מענטשן, וועלן אוודאי אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, ווי

איינער רעדט: וואָס קימערט מיך דאָס? און בכלל וועגן וואָס איז דאָ פאַראַן צו דענקען? עס איז דאָ אַן ערד־קוגל, אַ זון, און אַ לבנה, און זיי דרייען זיך איינער אַרום דעם צווייטן. ווען די ערד וואָלט זיך נישט געדרייט אַרום דער זון, און ווען די לבנה וואָלט זיך נישט באַוועגט אַרום דער ערד, און ווען די שטערן אין הימל וואָלטן געשטאַנען אומבאַוועגלעך, וואָלטן מיר נישט געהאַט קיין יאָרן, קיין סעזאָנען, קיין קאַלענדאַרן, און אויך נישט קיין זייגערס.

די אַלע פשוט'ע מענטשן, פאַרגעסן אָבער אין איין זאַך. זיי פאַרגעסן, אַז מיט דעם אויסדרוק „באַוועגונג" איז נישט געמיינט, בלויז דער זייגער, דער קאַלענדאַר, דער סעזאָן, און דאָס יאָר. באַוועגונג מיינט פיל מער, ווייל באַוועגונג איז לעבן, באַוועגונג איז ליכט. אָן קיין באַוועגונג, איז בכלל קיין לעבן נישטאָ. טויט איז אומבאַוועגלעך, פאַר דעם טויט עקזיסטירט נישט קיין צייט, פונקט ווי עס עקזיסטירט נישט קיין צייט, און קיין באַוועגונג, פאַר אַ הארץ, וואָס הערט אויף צו קלאַפּן.

און דאָס דאַרף — דאַכט זיך — שוין יאָ אינטערעסירן יעדן מענטשן, ווייל יעדער וויל לעבן, און אויב מיר אַלע ווילן לעבן, מוזן מיר זיך רעכענען מיט צייט, און מיט באַוועגונג. יעדער זאַך וואָס איז דאָ אויף דער וועלט, באַוועגט זיך, און האָט איר באַשטימטע צייט, וועלכע ענדיקט זיך. יעדע זאַך אויף דער וועלט, קומט און פאַרגייט, און מוז דערפאַר אַקצעפּטירן די באַוועגונג.

עס איז דעריבער כדאי אַ ביסל זיך צו פאַרטראַכטן אין דעם ענין.

אַזוי אַלט ווי עס איז דער מענטשלעכער מוח, אַזוי אַלט איז די פראַגע: וואָס הייסט „צייט"? נאָך אין גרויען אַלטער, האָבן מענטשן זיך געגריבלט צו דערגיין די צייט־מיסטעריע. קאַנט מיט זיין אַ פּריאָרישער טעאָריע איבער רוים און צייט, האָט די מיסטעריע אַבסאָלוט נישט אויפגעקלערט.

בערגסאָן און אַלעקסאַנדער האָבן רעוואָלוציאָנירט דעם באַגריף צייט, און האָבן פאַרבונדן צייט מיט געשיכטע, אָבער אויך זיי גיבן נישט קיין קלאָרן באַגריף, איבער דעם מהות און וועזן פון צייט.

אין אונדזער נייער צייט, האָבן מינקאָווסקי און איינשטיין (ביידע ייִדן) זיך אַרויסגעזאָגט מיט אַ שפּאָגל נייער טעאָריע וועגן צייט. לויט זיי איז צייט אַ ווייטערע פאָרם פון רוים. איינשטיין דריקט זיך אויס, אַז צייט איז די פערטע דימענסיע (אויסמעסטונג׳ פון רוים).

עס איז זייער אַ קאָמפּליצירטער ענין און עס איז נישט מעגלעך דאָ אין אים אַריינצוגיין.

אויך דער ייִדישער געדאַנק האָט זיך שטאַרק באַשעפטיקט מיט דעם עצם ענין פון צייט־פּראָבלעם, און ווי תמיד, האָט דער ייִד געגעבן די בכורה דעם רוחני. דעם גייסטיקן עלעמענט, און האָט אָרגאַניש פאַרקניפּט דעם גאַנצן ענין פון צייט, מיט אַ עטיש־מאָראַלישן לעבנס־קוק און וועלט־באַנעם.

לויט דעם יידישן געדאנקען-גאנג, זיינען רוים און צייט, נישט קיין צוויי באזונדערע עלעמענטן, נאר ביידע זיינען ווי א גוף מיט א נשמה. רוים איז דער גוף פון דער וועלט, צייט איז די נשמה פון דער וועלט.

מיר קענען טיפער באגרייפן דעם מענטש, ווען מיר פארשטייען די וועלט, און מיר קענען בעסער פארשטיין די וועלט, ווען מיר באגרייפן דעם מענטש...

דאס איז דער סוד פון: עולם, שנה, און נפש מיט וועלכע אונדזערע חוקרים אפערירן אזוי שטארק.

די ערד, די וועלט לעבט אזוי לאנג, ווי לאנג זי האט איר נשמה, דאס איז די צייט.

פארטראכטן זיך אין דער צייט פון דער וועלט, הייסט פארטראכטן זיך אין דער נשמה פון דער וועלט...

* * *

וואס הייסט קידוש החמה?

די צייט באשטייט פון יארן. א יאר באשטייט פון פיר סעזאנען, פרילינג, זומער, הערבסט, און ווינטער.

די איינטיילונג פונם יאר אין פיר סעזאנען, איז נישט קיין צופעליקע, און אויך נישט קיין קינסטלעכע, נאר א נאטירלעכע, א רעאלע. אין די פיר סעזאנען, ענדערט זיך די נאטור פאקטיש, און מיר קענען ממש און פאקטיש אונטערשיידן די סעזאנען, איינעם פון דעם צווייטן.

יעדער סעזאן דויערט א פערטל יאר, וואס מאכט אויס א קיימא לן, פון 91 טעג מיט 7 מיט א האלבער שעה. פיר מאל 91 מיט זיבן א האלבע שעה זיינען 365 טעג מיט

6 שעה, וואָס מאַכט אויס אַ יאָר, לויט זון־רעכענונג. (עירובין נ"ז).

און טראָצדעם וואָס מיר יידן רעכענען נאָך דער לבנה, איז דאָס נאָר בנוגע צום חודש, אָבער דאָס יאָר, און די תקופות, ציילן מיר לויט די זון. (ר"ה ח', י"ב).

די ערשטע תקופה, דער ערשטער סעזאָן פון יאָר, איז די תקופה פון ניסן. דאָס איז די שעה, ווען די פּאָזיציע פון דער ערד אַקעגן דער זון איז אַזעלכע, אַז עס קומט דער כח פון בליען, פון שפּראָצן, פון וואַקסן, און עס קומט דער אָנהויב פון דער יערלעכער אויפלעבונג אין דער נאַטור.

ווי געזאָגט, דויערט יעדער סעזאָן 91 טעג מיט 7 אַ האַלבע שעה. די צאָל 91 לעזט זיך איינגאַנצן אויף, מיט דער צאָל זיבן, ווייל 13 מאָל זיבן זיינען 91. דערפאַר קומט אויס, אַז אויב למשל: תקופת ניסן פאַלט אויס אין אַ זונ־טיק, מוז דאַן די תקופה וואָס קומט נאָך ניסן (תקופה תמוז) אויך אויספאַלן אין דעם זעלבן טאָג אין זונטיק, ווייל זי קומט פּונקט 13 וואָכן אָדער 91 טעג שפּעטער. די צווייטע תקופה איז דאַן געררוקט בלויז מיט 7 אַ האַלבע שעה. דאָס זעלבע געשעט אויך מיט תקופת תשרי, וואָס קומט נאָך תקופת תמוז, אויך זי מוז אויספאַלן אין דעם זעלבן טאָג אין דער וואָך, נאָך 13 וואָכן, נאָר געררוקט מיט 7 אַ האַלבע שעה.

אַ גאַנץ יאָר, — גאַנצע פיר תקופות — איז אָפּגערוקט מיט 4 מאָל 7 אַ האַלבע שטונדע. למשל די תקופה פון

ניסן פון היי יאָר, איז אָפּגערוקט פון דער תקופה פון ניסן פון פאַר־אַ־יאָרן מיט 4 מאָל 7 אַ האַלבע שעה, דאָס הייסט מיט 30 שעה, וואָס מאַכט אויס אַ קיימאַ־לן פון אַ מעת לעת מיט 6 שעה.

פון דעם איז צו זען, אַז ווען מען ווייסט, ווען די תקופה איז אויסגעפאַלן פאַר־אַ־יאָרן, איז גענוג, בלויז צוגעגעבן אַ מעת לעת מיט 6 שעה, און מען ווייסט דאַן גענוי ווען די זעלבע תקופה געפאַלט דאָס יאָר.

לויט אונדזער תורה, הייסט עס, אַז „ברביעי נתלו המאורות״. די זון, און די לבנה, זיינען באַשאַפן געוואָרן מיטוואָך.

די ערשטע תקופה פון ערשטן ניסן פון וועלט באַ־שאַף, איז לויט דעם, אויסגעפאַלן אין מיטוואָך אין דער ערשטער שעה פון מעת לעת.

די תקופה פון ניסן אין צווייטן יאָר פון וועלט־באַשאַף, איז אויסגעפאַלן מיט 30 שעה שפּעטער, דאָס איז אין אַ דאָנערשטיק 6 שעה אין דעם מעת לעת. די תקופה פון ניסן אין דריטן יאָר פון וועלט־באַשאַף, איז, ווייטער דאָס זעלבע, אויסגעפאַלן מיט 30 שעה שפּעטער, דאָס איז אין אַ פרייטיק 12 שעה פונם מעת לעת. און אַזוי ווייטער.

איצט איז זיך זייער לייכט צו איבערצייגן, אַז צוגעבנ־דיק יעדעס יאָר צו דער תקופה פון ניסן פון פאָריקן יאָר, 30 שעה, וועט עס נעמען גאַנצע 28 יאָר, אַז די תקופה פון ניסן זאָל צוריקקומען צו איר ערשטן פונקט, און זאָל ווידער אויספאַלן אין אַ מיטוואָך, אין דער ערשטער שעה,

פון מעת לעת, ווי דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ביים וועלט-באַשאַף.

יעדע 28 יאָר איז דערפאַר אַ ציקלוס. עס קומט פאָר אַ ווידערהאָלונג. דער אָנהויב פון תקופת ניסן געפאַלט ווידער אין דער זעלבער סעקונדע פון דער צייט, און דאָס הייסט אַ מחזור. דעם דאָזיקן מאָמענט לאָזן מיר יידן ניט אַדורך גלייכגילטיק און אומבאַמערקט.

צייט, ביי אונדז יידן, איז נישט קיין גרויער, ענדלאָזער, אָן תכלית׳דיקער שטראָם, וואָס גייט זיין אייביקן גאַנג, אָן אַ פונוואַנען און אָן אַ וואוהין. ניין, די צייט האָט איר באַנייאונג, האָט איר אויפפרישונג, האָט איר ווידערגעבורט, און ווידער הויבט זי זיך אָן מיט יוגנט-שווונג.

און נישט נאָר גלייכגילטיק, לאָזן מיר נישט אַדורך אָט דעם מאָמענט, נאָר מיר היילקן אים. צייט איז נישט בלויז אַן אינדערוואָכן, נישט בלויז קיין גרויע אינהאַלטלאָזע טעג, וואָס יאָגן איינער דעם אַנדערן אין אייביקער פאַרהאַרעוועטקייט. ניין, יידן קענען אפילו אין וואָכעדיקע טעג אַריינברענגען יום-טוב׳דיקייט און הייליקייט, און אוודאי אין אַזעלכע אויסנאַמס מאָמענטן.

ותעשה בו חדשה, לבראת ארץ חדשה, לחנתן דעה חדשה, להבראות בריה חדשה (פיוט חדש ניסן) און עס וועט געשען אין דעם חודש אַ נייעס, צו באַשאַפן אַ ניי לאַנד, אַריינצוגעבן אַ נייעם גייסט, צו געשטאַלטן אַ נייע באַשאַפונג.

הרב ד״ר אביגדור

זאָל די דערנייאונג אין דער צייט ברענגען פאַר אונדז
אַ דערנייאונג אין אונדזער גייסט, אין אונדזער געדאַנק,
און אין אונדזער געפיל.

פסח

די הגדה

היי יאָר וועט ערב פסח זיין אי"ה מאָנטיק. עס וועט דערפאַר קיין ערב־פּסחדיקער נומער פון דער „שטימע" נישט דערשיינען, נאָר אַ שבת הגדול'דיקער נומער. איך האָב דערפאַר באַשלאָסן, אַנשטאָט אַן אַרטיקל פאַר פסח, צו שרייבן אַן אַרטיקל פאַר שבת הגדול.

אייך איז אוודאי קשה: אויב נישט קיין פסחדיקער אַרטיקל, פאַרוואָס הייסט דאָס קעפּל: „די הגדה"? האָט איר במחילה פאַרגעסן, אַז די הגדה זאָגט מען נישט בלויז פסח ביי נאַכט צום סדר, נאָר מען זאָגט זי אויך אין שבת הגדול פאַר מנחה.

און באמת זאָגט זיך די הגדה שבת הגדול נאָר אַנ־דערש, ווי פסח ביי נאַכט ביים סדר. ביים סדר, ווען מען זאָגט די הגדה, מיינט מען די קניידלעך. שבת הגדול אָבער גיט מען נישט קיין קניידלעך, איז באין ברירה, מוז מען טאַקע אין זין האָבן בלויז די הגדה אַליין.

מיין פאָטער זכרונו לברכה, וועלכער איז געווען פון די נאָנטסטע אייניקלעך פון דעם גרויסן ראָפּשיצער רבי'ן ז"ל, פלעגט דערציילן, אַז קיין ראָפּשיץ איז אַמאָל פאַר פסח אין בית המדרש אַריין געקומען אַ ייד, אַ פּאָ־

קן־טרעגער, אַ מוכר ספרים, הייסט עס, און האָט אוים־געפּאַקט אַ גאַנצן זאַק מיט נייע הגדה׳לעך. אַן אויסגע־פלאַגטער און אַן אויסגעמוטשעטער פונ׳ם וועג און פון דער משא, האָט ער זיך געווענדעט צו יעדן ייד אין בית המדרש און אָנגעבאָטן צו קויפן אַ נייע הגדה אויף פּסח. דער גרויסער רבי האָט זיך אויסגעדרייט צום עולם און געזאָגט: קויפט יידן! קויפט אייך נייע הגדה׳־לעך! פאַרשטייט איר? אַלע אַנדערע ספרים׳לעך מעגן זיך זיין פון פאַראיאָר און אפילו גאַנץ אַלטע. עס קען זיין אַן אַלט סידור׳ל, אַן אַלט מחזור׳ל, אַן אַלט תהלים׳ל, אָבער נישט קיין אַלט הגדה׳לע. אַן הגדה טויג נישט קיין אַלטע און אפילו נישט פון פאַראיאָר, ווייל די ארבעה בנים פון דער הגדה זיינען קיינמאָל נישט די זעלביקע. זיי טוישן זיך אפילו פון איין יאָר צום צווייטן. דער רשע פון אַמאָל איז היינט כלל קיין רשע נישט. דער חכם פון פאַראיאָר איז היינט גאָר אַ שאינו יודע לשאול. און דער היינטיקער שאינו יודע לשאול, וועט מסתמא איבעראיאָר זיין דער חכם.

זאָגנדיק שבת הגדול די הגדה און פאַרטראַכטנדיק זיך אין איר, דענקט מען: באמת מקנא צו זיין דעם בעל הגדה. ער האָט געלעבט אין אַ גאַנץ אַנדערער וועלט און אין גאַנץ אַנדערע צייטן. ער האָט געלעבט אין אַ וועלט, אין וועלכער אַלעס איז געווען פּשוט און קלאָר. אויך די ארבעה בנים זיינע, זיינען דערפאַר: פּשוט׳ע, קלאָרע און איינפאַכע כאַראַקטערן.

אָט נעמט למשל דעם חכם פון דעם בעל הגדה. דאָס איז אַ חכם, אַ פשוטער, אָן קינצן, נישט פאַרדרייט און נישט פאַרשטעלט. ער איז אַ ייד, וואָס פילט זיך אַלס אַ טייל פון דעם כלל ישראל. די גאַנצע חכמה זיינע באַשטייט אין דעם, וואָס עס ווילט זיך אים אַ ביסל מער וויסן. ער וויל אַ ביסל בעסער פאַרשטיין און אַ ביסל טיפער אַריינדרינגען אין תוך אַריין. פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַזאַ חכם איז קיין גרויסע זאָרג ניטאָ. אף אתה אמור לו כהלכות הפסח; מיט אַזאַ חכם לערנט מען טאַקע אַ ביסל מער און אַ ביסל טיפער די דינים און הלכות פון פסח. אפילו די פאַרוויקלטע ענינים בנוגע צום אפיקומן און ער גייט אַוועק אַ צופרידענער.

דער רשע פון דעם בעל הגדה, איז אויך אַן אָפּגעשטעלטער, פשוט'ער. נישט קיין כוליגאַן און נישט צעבריקעוועט, ווי די היינטיקע רשעים. ער פרעגט בלויז: מה העבודה הזאת לכם? צו וואָס די גאַנצע עבודה? צו וואָס דער טאַראַראַם? דאָס קראַצן, רייבן, וואַשן, שייערן, שטויסן און ליאַרמען. אפשר איז נאָך אין בעל הגדהס צייטן, אויך געווען אַ מין קוראַנאַוואַקאַ, ווהין מען האָט געקענט אַריינפאָרן צו אַ פאַרטיקן סדר און זיך איינשפאָרן די גאַנצע פסח'דיקע עבודה. דאָס הייסט אַיבערלאָזן דעם גאַנצן חמץ, סאַק און פאַק, אין דערהיים און די גאַנצע אַכט טאָג זיך גאָר אויסרוען. האָט ער

טאקע געפרעגט אַ פשוטע, נאַאיווע פראַגע: מה העבודה הזאת לכם?

און נישט בלויז די פראַגע פון דעם בעל הגדהס רשע איז אַ פשוטע, נאָר דער תירוץ איז גאָר פשוט, בתכלית הפשטות. הלוואי וואלטן מיר היינט געקענט געבן אַזעל־כע פשוט׳ע תשובות: הקהה את שיניו; אַ קלאַפּ אין די ציין פטור אַן עסק.

דער תם און דער שאינו יודע לשאול פון דער הגדה זיינען באמת גאָר פשוטע כאַראַקטערן, איינפאַכע בשר ודם׳ניקעס. נישט זיי ווייסן און נישט זיי פאַרשטיין, אין וואָס עס האַנדלט זיך. פרעגט זיי בחרם, וואָס מען מיינט חכמה און וואָס עס הייסט רשעות. דעם תם אינטערע־סירט גלאַט אַזוי דער גאַנצער קערמיש; די גאַנצע מעשה פון 4 כוסות, מיט מרור און חרוסת און ער פרעגט נעבעך בתמימות; מה זאת? וואָס איז דאָס? דער שאינו יודע לשאול ווידער, דער שטעלט אַרויס אַ פּאָר קעלבערנע אויגן און רעדט נישט אַרויס קיין איין וואָרט אפילו. זאָגט אַליין? זיינען דאָס נישט קיין טייערע טיפּן אַלעביידע? פאַר זיי איז טאַקע דאָ אַ טייערע רפואה. מען גיט זיי צו פאַרשטיין, ווי ווייט מען קען. מען קלערט זיי אויף און מיט דער צייט ווערן זיי מיט לייטן גלייך.

דאָס אַלעס איז אָבער געווען בלויז אַמאָל, אין די אַלטע גוטע צייטן פון דעם בעל הגדה. דאָס לעבן איז דאַמאָלס נישט געווען אַזוי משונה׳דיק פאַרפּלאָנטערט און פאַרדרייט, ווי היינט. אַלעס האָט דאַמאָלס געהאַט

אַ באַשטימטע פאָרם, אַ געוויסע צורה און אַ ריכטיקן נאָמען. די מענטשלעך, די געווײַנלעכע, צווייפיסיקע בר־ואים׳לעך, זייַנען דאַמאָלס נאָך נישט געווען אַזוי אי־בערגעקערט, רחמנא לצלן, מיט דער לינקער זייט פון דרויסן, ווי הייַנט; און מען האָט זיי יעדן געקענט דער־קענען, לויט געוויסע סימנים און לויט זייערע האַנדלונ־גען הייַנט אָבער, זאָל דער פון אויבן שומר ומציל זייַן, איז אַלעס אַזוי אויסגעמישט, אַלעס אַזוי מיש־מאַש׳דיק, אַז די מענטשלעך האָבן פאַרלוירן זייער ריכטיקן גע־שטאַלט. עס איז ניטאָ קיין איין סימן, פון די אַלטע סימנים. איר קענט הייַנט אָפּשטיין אַ לאַנגע צייַט, מיט אַ מענטש און דאָך בשום אופן נישט וויסן, מיט וואָס פאַר אַ מין נפש, איר האָט צו טאָן און פון וועלכן שטיקל הגדה, ער האָט זיך אָפּגעריסן...

— דאָס גרעסטע אומגליק מיט די הייַנטיקע מענטשלעך איז דאָס, וואָס זיי וואַרטן גאָר נישט אויף דעם, אַז עס זאָלן קומען מבינים און זיי געבן זייערע געהעריקע טיט־לען. זיי קרוינען זיך אַליין, זיי דערקלערן זיך, במעט אַלע, פאַר חכמים און פאַר גרויסע לייט און גיי טו זיי עפּעס. עס העלפט נישט קיין טענות. איר מעגט רעדן ביז מאָרגן און שרייַען: חי וקים! סטייטש ברודער! לויט אַלע סימ־נים, דאַכט זיך, אַז דו ביסט גאָר אַ שאינו יודע לשאול. אַן אומגליק פשוט! יענער שאינו לשאול פון דער הגדה, האָט זייַן מויל נישט געעפנט און די הייַנטיקע, זיי האַלטן

דווקא אין איין פרעגן און נאך א מין פרעגן, ממש קלאץ קשיות. גיי ענטפער אזא שאינו יודע לשאולדיקן חכם. עס וועט דען העלפן תירוצים אדער אויפקלערונגען, ער האקט א טשייניק מיט פרעמדע אויפגעכאפטע פראזן. ער וועט גאר אייך באטיטלען מיט נאמען רעאקציאנער און כדומה מאדערנע אויסדרוקן, גלייך ווי ער וואלט ערשט ארוים פון עפעס אן אוניווערסיטעט; און טוט אים עפעס.

דער היינטיקער תם פרעגט גאר נישט קיין שאלות, ווייל וואס זאל ער פרעגן, אז ער ווייסט אלעס. אלעס איז פאר אים פארשטענדלעך. דער היינטיקער תם איז א למדן, א בעל דרשה׳ער און ער גייט יענעם באלערנען און אויפקלערן. בכלל איז נישטא היינט קיין טיפ מענטש ביי אונדז, וואס זאל זיך אוועקשטעלן פרעגן: מה זאת? וואס הייסט מה זאת, אז אלעס איז פאר אים קלאר און העל, ווי חשך מצרים, און די גאנצע תורה ליגט ביי אים, אויף דעם שפיץ פינגער.

קיין „חכם" האבן מיר נישט, נאר חכמים. וויפל בעלי בתים עס זיינען דא, אזוי פיל חכמים האבן מיר; אזוי פיל עצות מוזן מיר אויסהערן. פון רשעים איז גאר אפ־גערעדט, פון זיי שיטן זיך הויכע ווערטער, וואס קלינ־גען, ווי די גלעקער. עס שפראצן און בליען ראדיקאלן און פראגרעסיוון מכל המינים. עס וואקסן די פארגע־שריטענע ווי שוואמען נאך א רעגן; א נעכטיקער תם,

ווערט עפעס מיט א מאל מגולגל אין א באוואסטזיניקן אידעאליסט און עס שיטן זיך פון אים דרשות, ווי פון בלעם׳ס אייזל. היינט גיי און קלויב זיך פונאנדער און גיב יעדן זיין טיטול, זיין כשר׳ן נאמען, נאך די סימנים פון דעם בעל הגדה?

גערעכט איז דערפאר געווען דער גרויסער רבי, וואס האט געזאגט, אז אן אלטע הגדה טויג נישט. די היינטי־קע ארבעה בנים, ווען איר דערמאנט זיי די הגדה, ווערן זיי אין כעס, אז נישט צו דערקענען. די הגדה איז רע־אקציע, איז פאנאטיש, איז נישט לויט דער מאדע. זיי זיינען, זאגן זיי, שטאלצע יידן און די הגדה איז צופיל בטלניש, צופיל נעבעכדיק, צופיל נאכגעגעבנדיק און איז נישט מאדערן. בסך הכל שלינגען זיי אראפ גלייכגיל־טיק פיל זאכן, וואס אן אנשטענדיקן מענטש וואלט עס פשוט געדארפט עקלען. זיי קריכן אויף אלע פיר פאר יעדן שמוציקן גוי. זיי קוליען זיך און מאכן קינצן כדי נושא חן צו זיין ביי עשו׳ס אייניקלעך זיי זיינען מפקיר זייערע עלטערן און זייער פאלק, אבי באקרוינט צו ווערן אלס פראגרעסיסט. די הגדה איז ביי זיי טריפה, ווייל זי איז אלט און אפגעלעבט; זיי פארגעסן, אז אין דער הגדה זיינען דא מעשהלעך, וועלכע באווייזן באשיינפערלעך, אז אלעמען אויף צו להכעים, איז פארט דא א יידיש פאלק, א פאלק איבער פיר טויזנט יאר אלט, א פאלק וואס לעבט אין א באזונדערער וועלט, מיט א״גענע

שטרעבונגען און האָפענונגען, מיט אייגענע דערינערונ־
גען און זכרונות. אין דער הגדה געפינען זיך פאקטן אל־
טע, אָבער זיי באַנייען די יידישע נשמה, זיי דערמונ־
טערן דעם יידישן גייסט, זיי דערפרישן דעם מוט, זיי
דערוואַכן די געפילן און ווייזן אָן דעם ריכטיקן וועג,
וווהין צו גיין.

פאַר אונדזערע חכמים איז די הגדה צו ענג. זיי גע־
פינען אין איר נישט קיין אָרט, ווי זייערע פליגלען אויס־
צושפּרייטן, ווי זייער ברייטן גייסט פונאַנדער צו לאָזן.
דאָס יידישע פאָלק פון צוועלף מיליאָן מענטשן, וואָס פאַר
אַ ווערט האָט עס ביי זיי, לגבי אַזויפיל מיליאָנען אינדיאַ־
נער, ציגיינער, קירגיזן און דער גאַנצער מענטשהייט בכלל.
שטייען זיי, אונדזערע היינטיקע חכמים, און העלפן גרע־
סער מאַכן דעם קבר פאַר דעם אָפּגעלעבטן עם ישראל;
זיי שיטן כסדר צו, פרישע לאַפּאַטעס ערד, כדי צוצוקוועט־
שן און צו צעדריקן יידישקייט, אַז עס זאָל אפילו קיין
תחיית המתים קיינמאָל נישט קענען אויפשטיין. דער־
מיט, הייסט עס, העלפן זיי דעם אַלגעמיינעם פּראָגרעס,
דערמיט פאַרשפּרייטן זיי ליכט, קולטור און פרייהייט.

ליידער אַ נייע וועלט, מיט נייע ארבעה בנים, בלויזע
חכמים. אין אמתן אָבער, בענגט זיך זייער שטאַרק נאָך
יענעם חכם, נאָך יענעם רשע, נאָך יענעם תם און אפילו
נאָך יענעם שאינו יודע לשאול פון דעם אַלטן בעל הגדה.

אסור! צו איר מעגט זיי פאַרביטן אויף די היינטיקע פקחים, מיט זייער גאַנצער חכמה.

איך בעם אייך טייערע, האַרציקע יידן פון מעקסיקע. פאַרגעסט נישט צו זאָגן די הגדה אין שבת הגדול און האָט אַ פריילעכן כשרן יום טוב.

פסח מצרים — פסח לדורות...

דאָס וואָס האָט פּאַסירט מיט די יידן אין מצרים, וועט אויך פּאַסירן מיט די יידן אין אַלע זייערע שפּעטער־דיקע דורות.

ביי אונדז יידן איז אָנגענומען, אַז מעשי אבות סימן לבנים. פון דעם וואָס האָט פּאַסירט מיט אונדזערע על־טערן, קאָנען מיר אָפּלערנען אויף דעם וואָס פּאַסירט מיט אונדז, און וועגן דעם וואָס וועט פּאַסירן מיט אונדז. אין אַנדערע ווערטער מיינט דאָס, אַז יידישע געשיכטע זוי־דערהאָלט זיך. פון אונדזער באַפרייאונג אין מצרים, קע־נען מיר אַרויסדרינגען זייער אַ סך בנוגע אונדזער איי־ביקער באַפרייאונג.

עס איז דערפאַר אַ גרויסער טעות צו דענקען, אַז יציאת מצרים איז בלויז אַן אַלטע היסטאָרישע געשעע־עניש, וואָס האָט היינט נישט קיין באַדייטונג. אין דער גמרא איז פאַראַן אַ גרוים מחלוקת צווישן אונדזערע תנאים, צי אין צייטן פון משיח וועט יציאת מצרים נאָך שפּילן אַ הויפּטראָלע, אָדער וועט דעמאָלט יציאת מצרים זיין בלויז אַ טפל, וועט האָבן נאָר אַ צווייטראַנגיקע באַ־דייטונג. חז״ל זענען זיך נישט געווען איייניק בנוגע צו

דער הויפּט־ראָלע פון יציאת מצרים, אין די צייטן פון דער לעצטער גאולה. דער אויספיר אָבער פון דער גמרא איז, אַז יציאת מצרים איז אַן ענין פון לדורות, פאַר אייביקייט. בשעת יידן זענען אַרויס פון מצרים, איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פון אמתער באַפרייאונג. יעדער פרייהייט, וואָס האָט איר יניקה פון חרות מצרים, וואָס איז פאַרבונדן מיט יידישער טראַדיציע, וועט אָנהאַלטן און די פרייהייט וואָס זויגט נישט פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, וועט נישט עקזיסטירן. די הגדה וואָס מיר זאָגן פסח ביינאַכט ביים סדר, רעדט צו אונדז נישט בלויז מיט טערמינען פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט — נאָר מיט די שטאַרקסטע סימבאָלן פון קעגנוואַרט און צוקונפט. די הגדה, וואָס איז איינע פון די וואונדערלעכסטע שאַפונגען פון היסטאָרישן יידנטום, שפּיגלט פאַר אונדז אָפּ, די הערלעכסטע וויזיעס פון דעם יידישן פאָלק פאַר אַלע זיינע דורות, — **פאַר די וואָס זענען געווען, וואָס זענען איצט, און פאַר די וואָס וועלן קומען.**

איינער פון אונדזערע דענקער באַמערקט, אַז דער שטאַרקסטער און קרעפטיקסטער „זאָג", וואָס געפינט זיך אין דער הגדה, איז דער מאמר וואָס לויטעט:

„אין יעדן דור, מוז אַ מענטש זיך זען ווי ער אַליין וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, ווייל נישט בלויז אונדזערע עלטערן האָט ג־ט אויסגעלייזט, נאָר אויך אונדז האָט ער אויסגעלייזט מיט זיי".

אינטערעסאַנט איז, אַז אין אַלטע כתב יד'ן, איז פאַ־

ראַן אַן אַנדערע גירסא פון אַט דעם „זאָג״. נישט „חייב אדם לראות את עצמו״. נישט אַז יעדער ייד איז מחויב צו זען, ווי ער אַליין וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, נאָר, חייב אדם להראות את עצמו; יעדער ייד איז מחוייב צו ווייזן, ווי ער אַליין וואָלט געווען אַרויסגעגאַנ־גען פון מצרים.

עס איז נישט גענוג וואָס אַ ייד זעט זיך ווי איינער פון די אויסגעלייזטע. עס איז נישט גענוג וואָס ער אַליין באַטראַכט זיך פאַר אַ „גוטן ייד אין האַרצן״, ער מוז אויך ווייזן פאַר דער גאַנצער אַרומיקער וועלט זיינער, ווי ער לעבט זיך אויס אין דער יידישער באַפרייאונגס־אידעע, ער לעבט זיך אויס אין יענע געבאָטן און פאַר־באָטן, וועלכע זענען דירעקט פאַרבונדן מיט דעם יציאת מצרים.

נישט בלויז געוויסע מצוות פון רעליגיעזן אָדער נאַ־ציאָנאַלן כאַראַקטער, זענען פאַרבונדן מיט יציאת מצ־רים, נאָר זייער אַ סך מצוות, וואָס האָבן צו טאָן מיט דעם פאַרקער צווישן מענטש און מענטשן, זענען באַזירט אויף דעם עיקר, פון געדענקען דעם גלות און די שקלאַ־פעריי אין מצרים. כמעט אַלע געבאָטן און פאַרבאָטן, וואָס רעגולירן דעם יידס פאַרהעלטניש צו זיין ברודער און צו מענטשן בכלל, ענדיקן זיך אין אונדזער תורה מיט די ווערטער: „זאָלסט געדענקען אַז ביסט אַליין געווען אַ קנעכט אין מצרים, און ג־ט האָט דיך פון דאָרט אויסגע־

לייזט, על כן אנכי מצוך לעשות את הדבר הזה. דעריבער באַפעל איך דיר צו טאָן אָט די דאָזיקע זאַך.

בכל דור ודור. אין יעדן דור, איז יעדער ייד, מחויב צו זען ,אָדער צו ווייזן, ווי ער אַליין וואָלט אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים. יציאת מצרים איז דער יסוד היסודות, דער עיקר העיקרים פון דער יידישער אמונה, פון דעם יידישן גלויבן.

לאָרד ביקאָנספילד (דיזראעלי), האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דער אונטערשייד צווישן יידן און די אומות העולם, בנוגע צו היסטאָריע, איז אין דעם: פעלקער פון דער וועלט שרייבן געשיכטע, און די יידן מאַכן געשיכטע.

די גוישע וועלט פאַרצייכנט בלויז די היסטאָרישע געשעענישן לויט דעם וואָס זיי זעען מיט זייערע אויגן, לויט דעם וואָס שפּילט זיך אָפּ פאַר זיי, און זייער היסטאָריע איז בלויז אַ כראָניק, אַ טרוקענע שילדערונג פון פּאַסירונגען. אַנדערש אָבער איז עס ביי יידן. יידן שרייבן נישט קיין געשיכטע, יידן שאַפן געשיכטע, קירעווען זייער היסטאָריע אין אַ געוויסע אידעע, אין אַ געוויסע ריכטונג. יידישע געשיכטע איז נישט קיין „דרך הטבע", איז נישט קיין כראָניק פון נאַטירלעכע פּאַסירונגען, נאָר תמיד אַ סך־הכל פון נסים ונפלאות, פון ג־טלעכער השגחה און נסים שלא כדרך הטבע. דער נאַטירלעכער גאַנג אַפילו פון גרויסע פּאַסירונגען, איז פאַר דער צוקונפט נישט אַזוי דעצידירנדיק. עס האָט דעמאָלט פּאַ

סירט, און קען היינט נישט מער פּאַרקומען. אַנדערש איז דער יידישער צוגאַנג צו זיין היסטאָריע.

קודם כל ווערט ממש אַריינגעהאַמערט אין יעדן יידישן יחיד, ער זאָל וויסן, אַז דאָס יידישע פאָלק איז ווי אַ „לעמעלע" צווישן וועלף. און בדרך הטבע וואָלטן מיר שוין לאַנג-לאַנג געדאַרפט זיין פאַרציקט, פון די בייזע וועלף. דערפאַר איז עס קיינמאָל נישט אונדזערע אייגענע פיזישע גבורה, וואָס מיר עקזיסטירן ביז היינט. אונדזער צוגאַנג צו גרויסע געשעענישן אין אונדזער היסטאָריע לייקנט קאַטעגאָריש אָפּ יעדן פיזישן אויסטייטש פון יידישן קיום. ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל בן בוזי. דאָס איז דאָס שלאַגוואָרט פאַר יציאת מצרים. אַפילו אַ שפחה האָט געזען גאָט-לעכקייט, נסים מיט די אויגן. מען האָט נישט געדאַרפט זיין קיין נביא, קיין פּאָעט, צו זען די אומנאַטירלעכקייט, אַלע האָבן עס געזען. דאָס זעלבע ווידערהאָלט זיך היינט. אפילו די פריי-עסטע עלעמענטן אין ישראל קענען מיט קיין ראַציאָנאַליסטישע דייטונגען נישט דערקלערן, ווי אַזוי אַ קליין הייפעלע יידישע גבורים, פון אַן אָרימער יידישער מאַסע, האָט געקענט, און קען כסדר אויך היינט, באַזיגן זיבן לענדער און פעלקער, וועלכע האָבן די שטילע שטיצע פון אַלע שונאי-ישראל אין דער גאַנצער וועלט.

זייער אינטערעסאַנט באַמערקט אַ ליטעראַט פון אונדזער צייט וועגן יידישער שילדערונג פון יציאת מצרים.

עס וואָלט געווען זייער שווער פאַרצושטעלן זיך די היסטאָריע פון יציאת מצרים ביי אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. ווען למשל אַ פאָלק פון די אומות העולם וואָלט אַדורכגעמאַכט אַן ענלעך שטיקל געשיכטע, ווי יציאת מצרים, וואָלט דעמאָלט ביי אים דאָס געשעעניש אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער, און אַ גאַנץ אַנדערע פאָרם. זיין געשיכטע וואָלט דערציילט: ווי אַזוי זיינע שקלאַפן זענען פאַרשקלאַפטערהייט מיטאַמאָל געוואָרן רעוואָלוציאָנערן, העלדן און סטראַטעגיקער. און אויב זיי וואָלטן געהאַט אַ פירער, וואָס וואָלט זיי געהאָלפן צו דער באַפרייאונג, וואָלטן זיי אים געקרוינט אַלס גרעסטן דיפּלאָמאַט און שטאַטסמאַן וואָס וואָלט געהאַט מיט זיין חכמה איבערגעקליגלט פרעהן מיט זיינע חכמים און חרטומים. פון דער סצענע ביים ים-סוף וואָלט אַרויסגעקומען אַ גרויסע מיליטערישע שלאַכט, אין וועלכער דאָס העלדישע פאָלק האָט געקעמפט ווי די לייבן, און אונטער דעם פירער׳ס קאָמאַנדע האָבן זיי באַזיגט פרעהן מיט זיינע חיילות, און זיי אַלע אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין.

נישט אַזוי לויטעט די יידישע געשיכטע. נישט קיין העלדישע ווירקלעכקייט איז געווען דער יציאת מצרים. נישט קיין העלדיש פאָלק זענען יידן דעמאָלט געווען, נאָר אַ מאַסע פון שקלאַפן, פיזישע און מאָראַלישע קנעכט, משוקע אין מ״ט שערי טומאה, דעמאָראַליזירט פון ליידן און פיין. פון אַ פאַרזוך זיך אַליין צו באַפרייען,

האָט דאָ קיין רייד נישט געקאָנט זיין. דער איינציקער זכות וואָס די פאַרשקלאַפּטע מאַסע האָט געהאַט איז געווען דאָס וואָס זיי האָבן גערעדט מיט זייער אייגענער שפּראַך... זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי זענען נישט קיין מצריים.

נישט קיין סטראַטעגיקער, דיפּלאָמאַט אָדער שטאַטס-מאַן האָט זיי אויסגעלייזט; דער גרויסער ווילנער גאון באַמערקט, אַז אין דער גאַנצער הגדה איז נישט דער מאָנט דער נאָמען משה רבינו, כדי צו אונטערשטרייכן אַז דער גאַנצער ענין פון דער באַפרייאונג האָט נישט געהאַט קיין שום מענטשלעכע הילף, נאָר איז געווען בלויז נס, אַ ג-טלעכע השגחה. ערשט ווען יידן האָבן געמאַכט אַן עגל און געזינדיקט, דעמאָלט האָבן זיי גע-זאָגט: כי זה משה האיש אשר העלנו מארץ מצרים, אָט דער מענטש משה, וואָס האָט אונדז אַרויסגעבראַכט פון לאַנד מצרים.

קיין אַנדערער זין איז צו דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע קיינמאָל נישט צוגעלאָזט געוואָרן. יציאת מצ-רים דערמאָנט אונדז, אַז נישט מיט פיזישער מאַכט און מענטשלעכער אויסרעכענונג, קענען מיר פאַרזיכערן אונדזער עקזיסטענץ. אין פיזישער מאַכט זענען כמעט אַלע פעלקער שטאַרקער פון יידן. און אַז אויב נישט מיט כוח פון גייסט, וואָלט פון אונדז שוין לאַנג חלילה קיין שריד ופליט נישט געבליבן.

אליהו הנביא

(אַ פאַנטאַזיע וועגן די סדר־נעכט אין דער פרייער מעקסיקע...)

אַ מעכטיקע, ג־טלעכע שטימע האָט זיך געלאָזט הערן אין אַלע טיפע, פאַרבאָרגענע הימלען. זי האָט גע־רופן אליהו הנביא פאַר דעם כסא הכבוד.

און פון אונטער איינעם פון די גרויסע זיילן, אויף וועלכע עס האַלטן זיך וויַיטע, אומבאַקאַנטע וועלטן, האָט זיך שטיל און געלאַסן אַרויסגערוקט דער אַלטער, בנעי־מותדיקער אליהו הנביא, מיט זיין לאַנגער באָרד און מיט זיינע טיפע פאַרקלערטע אויגן.

ער האָט זיך געשטעלט פאַר דעם כסא הכבוד און כביכול האָט צו אים געזאָגט:

אליהו! דו, מיין טרייער אַלטער דינער, דו, וואָס לעבסט אין די לעגענדעס און אין די טרוימען פון דעם אָרעמען פאָלק ישראל, דו, אין וועמענס נשמה ס'איז איינגעקנוילט דער צער פון אַ פאַרטריקנט, הונגעריק לאַנד, דער צער פון אַן עלנדער אלמנה, מיט אַ קראַנק קינד; דער צער פון אָרעמע עלנדע מאַרטירער, אונטער

דער הערשאַפט פון אַן איזבל, דו, גוטער און ליכטיקער אליהו, פאַר דיר האָב איך אַ שליחות...

איך וויל אַז יאָר־יערלעך זאָלסטו איינמאָל מאַכן אַ באַזוך ביי די קינדער פון ישראל דאָרט אונטן. ביי דיין לעבן, דאָרט צווישן זיי, האָסטו תמיד זיי געזען הונגעריקע, פינסטערע, אָן פאַרשטאַנד און אָן אַ ליכטיקן שיין אין זייערע אויגן, טאָ זאָלסטו זיי כאָטש איינמאָל אין יאָר זען זאַטע, צופרידענע, ליכטיקע אמת׳ע בני מלכים, ביי בעכערס וויין און מיט געזאַנג־לידער אין זייערע מיילער...

דאָס וועט זיין דיין באַלוינונג אליהו, פאַר דיין אומעטיק פאַרברענגען דאָרט אונטן אין די אַמאָליקע צייטן. דו וועסט זען יידישע קינדער אין זייער פרייער מינוט...

ווייט, ווייט האָט זיך געטראָגן דער עכאָ פון דעם ג־טלעכן וואָרט.

און דער פייערדיקער וואָגן, מיט וועלכן אליהו איז אַמאָל אַרויף אויבן, איז איצט פאַרפאָרן און געבליבן שטיין פאַר אים. אַן אויגנבליק האָט געדויערט, און דער אַלטער אליהו הנביא, אונטערגעגאַרטלט מיט זיין אַמאָליקן לעדערנעם פאַס, האָט ווידער אַמאָל געשפּרייזט אויף דער ערד...

1) אין צייטן פון אינקוויזיציעס

און עס איז געווען אַ זעלטענע לבנה־נאַכט אין די מערב־דרום לענדער פון אייראָפּע. שטילע גאַסן, הויכע

טורעמס פון קלויסטערס, אַ טיפער הימל מיט גרויסע, זייער גרויסע שטערן, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין פינס־טערע שויבן פון פענצטער מיט גראַטעס.

ווו זייענען זיי, די אַדעליקע יידישע קינדער, וועלכע פייערן איצט זייער פרייהייט, ביי פולע בעכערס מיט שוימענדן וויין?

און צו אליהוס אויערן דערגרייכט אַ גערויש פון אונטער דער ערד. פון דער טיפעניש טראָגט עס זיך, ווי אַ באַהאַלטענער קוואַל צווישן אַנגעוואָרפענע שטיינער.

פון אונטער דער ערד? איז עס מעגלעך?

יאָ! זיינען אויערן, וואָס האָבן געהערט אין דער שטילקייט פון מדבר, די לייכטסטע טריט פון דער שכינה, זיי זענען שאַרף און פינקטלעך. ער גייט נאָך נאָכן קול, און אָט, אָט זעט ער אַ ליכטיקייט, וואָס שטראַלט אַרויס פון אונטן, פון אַ קעלער. יאָ, דאָרט טיף אין דער ערד, טיף אין די קעלערס זיצן זיי, די קינדער פון ישראל, און דאָרט פייערן זיי, זייער פרייע מינוט...

אליהו גייט אַראָפּ צו זיי. די קעלער־טירן עפענען זיך ברייט אויף. פון אינעווייניק שטראַלט עס מיט ליכ־טיקייט. קינדער פון ישראל פּראָקלאַמירן, אַז ס'איז די פרייע מינוט. זיי לאָזן אָפן טיר און טויער. עס זעען זיך געדעקטע טישן, ברענענדיקע ליכט און בעכערס פול מיט וויין. אַדעליקע געזיכטער, לייכטנדיקע אויגן און יום־טובדיקע בליקן. עס הערט זיך אַ שטיל מורמלען,

פון באַגייסטערטע לידער. א באמת פייערלעכע שטימונג.
אין די אָפענע טירן באַווייזט זיך אליהו הנביא...

אָבער פּלוצים, אין דעמזעלבן אויגנבליק, א שרעק־לעכער שפּרונג אויף פון די ערטער, די בעכערס ווערן איבערגעקערט, די לייכטער אומגעוואָרפן, א שרעק אויף אַלע פּנימער. עס הערן זיך אָפּקלאַנגען פון טריט. עס באַווייזן זיך געשטאַלטן אין די טירן. מיט שווערדן און שפּיזן קומען זיי.

„אין נאָמען פון געזעץ!"

און אין נאָמען פון געזעץ, ווערט אַלץ פאַרשוואונדן, אונטער א גערויש פון שווערע טריט און קלאַנגען פון קייטן. עס ווערן פאַרלאָשן די ליכט און אויסגעגאָסן דער וויין; און עס בלייבט שטיין דער אַלטער איינזאַמער נביא אַליין אין קעלער מיט דעם לעדערנעם גאַרטל אויף זיינע לענדן. אַליין אין קעלער, ווי אַמאָל אַליין אין דער מדבר...

2) אין צייטן פון עלילות־דם

יאָרן גייען אַוועק. דורות גייען פאַריבער. און נאָכ־אַמאָל גייט דער אַלטער נביא אין דער סדר־נאַכט זען די פרייע מינוט פון די יידישע קינדער.

ווידער א לבנה־נאַכט, אין די מער מזרח־צפונדיקע לענדער פון איירָאָפּע. א לבנה, א בלאַסע, וואָס טונקט זיך אַלע מאָל צווישן שטיקער ווייסע וואָלקנס.

און אַט איז אַ שטאָט, פאַרזונקען אין שלאָף. ער ווייסט שוין אליהו הנביא, ווו ער דאַרף זוכן די קינדער פון ישראל. נישט דאָ אין שטאָט, נאָר דאָרט אין עק, ווו עס לויפן אַראָפּ אַלע שמוציקע וואַסערן. דאָרט איז פאַראַן אַן אָפּגעזונדערט, אָפּגעשלאָסן קוואַרטאַל, מיט שמאָלע פינסטערע געסלעך און הויכע נאַסע ווענט. די לבנה קוקט אַריין צווישן די ווענט, אָבער אירע שטראַלן קענען נישט דערגרייכן ביז אונטן.

אין די שמאָלע פענצטער איז ליכטיק. עס הילכן ני־גונים, האַרציקע יידישע ניגונים. אַזוי בענקען פאַרמוי־ערטע יידישע נשמות... אָט קומט די פרייע מינוט. עס עפענען זיך די טירן. פאַסן פון ליכט ציען זיך אין דער פינצטערער נאַכט. אין די אָפענע ליכטיקע טירן באַ־ווייזט זיך אליהו הנביא.

אָבער אין דעם מאָמענט, וואָס איז געשען? וואָס איז דאָרט? אַן אַמפּעריי, אַ געשריי, טירן ווערן פאַרהאַקט, ליכטער ווערן פאַרלאָשן, פענצטער ווערן פאַרשטעלט.

„איר פאַרפלוכטע!" בלוט טרינקט איר! בלוט אין אייערע מצות, בלוט אין אייער וויין. נישט קיין וויין, נאָר מענטשלעך בלוט.

מענטשלעך בלוט? אין יידישע מצות? אָט דאָ אין די פינצטערע טרויעריקע מויערן?...

ווידער בלייבט דער אַלטער איינזאַמער נביא מיט דעם לעדערנעם גאַרטל אויף זיינע לענדן אַליין. אַליין אין דעם פינצטערן געטאָ, ווי אַמאָל אַליין אין מדבר...

3) אין דער פרייער מעקסיקע

שווייגנדיקע גאסן, אן א שארך, אן א מורמל, אן א ליד.

פרעכטיקע פאלאצן. אין א טייל פון די פאלאצן, וווינען זיי, די קינדער פון ישראל. שווער פשוט צו דער־קענען און צו אונטערשיידן, ווו זיי וווינען. אבער ליכ־טיקע פענצטער זאגן עדות. טירן אפענע. בלויז די טויערן פון די אייזערנע פארקנס, ארום די פאלאצן זענען פאר־מאכט, פארמאכט בלויז פאר גנבים.

אין די אפענע טירן באווייזט זיך אליהו הנביא.

א מאדנער בילד. טישן געדעקטע. פון זילבער, נישט בלויז די בעכערס, נאר אויך די בעקנס און די קווארטן. א לאנד פון זילבער.

ליכט ברענען. נישט נאר אויף דעם טיש, נאר אויך אין די קרישטאלענע הענגלאמפן, אבער שטיל איז אין די פאלאצן, קיין שארך, קיין ליד, שטום איז אלץ.

די קינדער פון ישראל? זיי זענען דא! זיי שלאפן...

אין דער פרייער מינוט זענען זיי איינגעשלאפן. די טירן קענען זיי ברייט, גאר ברייט עפענען. זיי האבן קיין מורא פאר קיינעם. נישט פאר דעם געזועץ פון קעלער־געשטאלטן נישט פאר די דערלייזער פון מענטשלעך בלוט. זיי קענען פייערן פריי די פרייע מינוט, אבער גאנץ געמיטלעך נעמען זיי אויף די פרייע מינוט, און ווערן אנטשלאפן...

אפנים די שרעק און מידקייט פון די לאנגע יארן,

וואָס זיי געדענקען האָט זיך איצט אַראָפּגעלאָזט אויף זייערע קעפּ, זיי שלאָפן...

אין די אָפענע טירן שטייט אליהו הנביא, דער פאַר־נעמער פון יידישע צרות, דער אויסהערער פון יידישע קרעכצן; ער שטייט און ווישט די טרערן פון זיינע ליכ־טיקע אויגן... די טרערן לויפן און פליסן, ווי די רעגן־טראָפּנס אויף דעם באַרג כרמל, אַמאָל, ווען ער האָט אַ גאַנץ פאָלק געדאַרפט מאַכן זעענדיק...

און אין דער שטילער נאַכט פרעגט אליהו:

רבונו של עולם! אַלמעכטיקער! האָסטו געוואָלט פון מיר מאַכן אַ שפּאָט? ווו זענען זיי, די פרייע מינוטן פון די קינדער פון ישראל? צי זענען עס אָט די? זיי האָבן אָפענע טירן, אָבער פאַרמאַכטע אויגן...

ווידער בלייבט דער אַלטער נביא אַליין; אַליין ווי אַמאָל אין דער מדבר. שטיל קוקט די לבנה אַראָפּ, טרוי־עריק און פאַרבענקט.

אין הימלישע בלויקייטן צעקייקלט זיך אַן עכאָ פון אַ יידיש קול:

השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל: השתא עבדי לשנה הבאה בני חורין...

גוטע יאָרטאָג
יום העצמאות
ל״ג בעומר

געטאָ-יאָרטאָג

ביז היינט איז נאָך אָפיציעל נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער יידישער אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ. א טייל באַהויפּטן, אַז דאָס איז געווען ערב פּסח תש"ג. (דעם 19טן אַפּריל) אַנדערע דערציילן, אַז דאָס איז געשען אין חול המועד פּסח. פאַקטיש איז דער ריכטיקער טאָג ביז היינט נישט באַשטימט געוואָרן.

און מערקווירדיק, שוין צען יאָר זענען אַוועק, זייט יענעם געוואַלדיקן, פּשוט איבערמענטשלעכן דעראייגניש, און די יידישע וועלט, האָט ביז היינט זיך נאָך נישט געקענט צונויפרעדן, ווענן און ווי אַזוי, אונדזער פאָלק זאָל ווי א פאָלק, פּראַוון א יאָר-טאָג, לזכר פון אָט דער גרויסער געשעעניש.

און זיכער איז, אַז דער יידישער אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ, איז פאַר אַלע יידן גלייך הייליק. דער אויסדרוק „הייליק", קען דאָ, אָן שום ספיקות, אַנגעווענדעט ווערן אַזוי פאַר פרומע רעליגיעזע יידן, ווי פאַר נישט פרומע און אפילו אנטי רעליגיעזע.

ביי היטלער ימ״ש, האָט נישט עקזיסטירט קיין שום חילוק, פון פרום ביז נישט פרום, רעליגיעזע אָדער פרייע, ביי אים, זענען אַלע געווען יידן.

אין דער פראַגע קענען אויך נישט אַנגעווענדעט ווערן קיין שום פּאָליטישע אָדער פּאַרטייאישע מיינונגס פאַר־שידנהייטן, ווייל ביים געטאָ־קאַמף, האָבן זיי כלל נישט עקזיסטירט.

וואָס זשע איז דאָך די סיבה, וואָס מיר קענען זיך אַלץ נאָך נישט צונויפרעדן? וואָס איז די סיבה, וואָס יעדעס יאָר חזרן זיך אויפסניי איבער די זעלבע אומנוי־טיקע און אומאַנגענעמע דיסקוסיעס, ווען צו פאַראַנ־שטאַלטן דעם געדענק־טאָג?

קען דען מעגלעך זיין, אַז די הויפּט סיבה פון דער אומאייניקייט זאָל זיין בלויז דאָס, וואָס עס געפינען זיך אַ טייל יידן, וועלכע ווילן דווקא עקשנותדיק זיך האַלטן אין דער גויישער דאַטע, פון 19טן אַפּריל?

דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אָדער ערב פּסח אָדער חול המועד פּסח, דאָס איז זיכער. צו וואָס דווקא ווען באַשטימען אַ גויישע דאַטע, וועלכע איז סיי ווי נישט אָנגעמבאַר פאַר אַלע יידן אין דער גאַנצער וועלט? אַ גרויסער טייל יידן אין דער גאָרער וועלט, קען גאָר נישט די גויישע דאַטע, און רעכנט כלל נישט לויט דעם קאַלענדאַר.

און בכלל, צו וואָס דווקא דער 19־טער אַפּריל? צו

וואָס דווקא אַוועקרייסן דאָס געשעעניש פון יידישן ציי־
כן, און פון יידישן חותם?

ניין! זאָגט וואָס איר ווילט. דאָס איז נישט די אמתע סיבה פון אונדזער אומאייניקייט.

* * *

איך גלויב, אַז די אמתע סיבה ליגט פיל טיפער, אַז אין אַ גרויסער מאָס אין אַ סך שולדיק דער גאַנצער צוגאַנג צו דעם ענין.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, האָט י. עפּרויקין, אין זיין באַרימטער עסיי „גבורה און קדושה ביי יידן", אויפגע־וויזן, אַז דער צוגאַנג פון געוויסע יידישע קרייזן, צום ענין געטאָ־אויפשטאַנד, איז נישט קיין הונדערט פּראָ־צענט עכט יידישער. ער פּליסט נישט אַרויס פון אמתן לעבנס אידעאַל פונם יידישן פאָלק, און דערפאַר קען ער נישט דערגרייכן קיין געהעריקע רעזולטאַטן.

די קולטור־געשיכטע לערנט אונדז, אַז יעדעס פאָלק האָט זיך זיינע אידעאַלן, און אויב מען וויל דערקענען די אידעאַלן פון אַ פאָלק, דאַרף מען שטודירן זיינע העלדן לעגענדעס. וואָס הייסט אַ פאָלקס העלד? אַ פאָלקס־העלד, דאָס איז, דער מאָדעל, וואָס דאָס פאָלק שאַפט פון זיך, אַלס אַ משל פאַר אַלעמען, אַלע זאָלן זיך פון אים אָפּלער־נען.

און די זעלבע קולטור געשיכטע דערציילט אונדז, אַז דער דאָמינירנדיקער העלדן טיפּ, וועלכער אימפּאָ־נירט אַממייסטן דער פאַנטאַזיע פון אַלע אייראָפּעאישע

פעלקער, איז דער ריז, דער גבור, דער שטארקער, וועל־כער ווערט גלאריפיצירט פון כמעט אלע שיכטן און פאלקס־קלאסן פון יעדן פאלק.

אזוי איז עס טאקע פאקטיש. כמעט ביי אלע פעלקער פון דער וועלט הערשט היינט א קולט פאר העלדישקייט, וואס ווערט ארויסגעוויזן, אדער דורך פיזישן כוח, אדער דורך פסיכישער ענערגיע און מוט. דער פיזישער אדער מוטיקער העלד, רופט ארויס באגייסטערונג ביי אלע, און באוואונדערונג פון אלע. מען טראכט ניט אריין, און מען אונטערזוכט נישט, צי איז דער צוועק, אדער דער „צוליב וואס", פאר וועלכן די העלדישקייט איז באוויזן געווארן, טאקע באמת א וויכטיקער, א הויכער, אדער נישט. עס טרעפט, אז מייסטנטיילס ווערן די העלדיש־קייטן באוויזן, צוליב יאגעניש נאך הערשאפט, נאך מא־טעריעלן ווילזיין, אדער צוליב פוסטער נאציאנאלער גאווה וכדומה; אבער דאס אלעס שפילט א קליינע רא־לע. די וועלט פרעגט ביי העלדישקייט נישט אויף קיין מאראלישע טיטילן. איבער דעם, וואלט געווען א סך צו רעדן, נאר דא איז נישט דער פלאץ.

מיר יידן זענען אנדערש פון די אומות העולם, און מיר האבן דערפאר אויך גאנץ אנדערע אידעאלן. און דערפאר איז דער אידעאל פון העלדישקייט, אויך ביי אונדז, א גאנץ אנדערער.

חז״ל זאגן: איזהו גבור? הכובש את יצרו. ווער איז א העלד? פרעגן אונדזערע חכמים, און זיי ענטפערן, א

העלד איז נישט דער, וועלכער קען אָוועקלייגן זיין חבר, אויך נישט דער וועלכער קען איינגעמען שטעט, אויך נישט דער, וועלכער קען איינגעמען מדינות. אַ גבור איז דער, וועלכער קען איינגעמען זיך אַליין, זיינע תאוות און זיינע געפילן.

אַט דער אויסדרוק פון חז״ל, איז נישט בלויז קיין עטישע זיטן לערע, און אויך נישט בלויז קיין טעאָרע־טיש מאָראַלישער זאַץ, נאָר פיל מער, אַן אמתער כאַ־ראַקטער שטריך פונם יידישן פאָלק.

מיר יידן האָבן פון תמיד, אַ גאַנץ אַנדערן באַגריף פון גבורה. אונדזער גבורה, איז נישט באַשטאַנען, אין גובר זיין יענעם אין פיזישן קאַמף. טראָצדעם וואָס מיר האָבן דאָס געקענט באַווייזן, און מיר האָבן עס אויך פון צייט צו צייט באַוויזן, דאָך איז דער נצחון איבער יענעם, ביי אונדז קיינמאָל נישט געווען אונדזער פאָלקס אי־דעאַל. יידישע גבורה איז: קענען מנצח זיין זיך אַליין, קענען באַהערשן, קענען באַצווינגען, קודם כל זיך.

נאָך מיט קרוב צו דריי און אַ האַלב טויזנט יאָר צוריק, זענען מיר אין אונדזער תורה באַצייכנט געוואָרן, אַלס אַן עם קשה עורף, אַלס אַן עקשנותדיק פאָלק, אַלס אַ פאָלק מיט אַ אייזערנער האַרטנעקיקייט, אַלס אַ פאָלק, וואָס זיין הויפּט אידעאַל, איז צו קענען וועז נויטיק, גובר זיין זיך אַליין, צו קענען דערשטיקן אין זיך זיינע אַמביציעס, זיינע פאַרלאַנגען, און זיינע אינסטינקטן.

באלד נאך מיין באפרייאונג, האב איך געשריבן אין מיין ספר „חלק יעקב״, (ראש דבר), אז דער אינעוויי־ניקסטער ווידערשטאנד פון די, וועלכע האבן זיך נישט געווערט פיזיש, איז א סך מאל געווען פיל העראאישער, ווי דער באוואפנטער קאמף.

לײדער איז אט דאס קאפיטל פונם יידישן געטא־לעבן, ביז היינט נאך נישט געשריבן געווארן.

און אמת! דער געטא אויפשטאנד אין ווארשע, איז דער שטארקסטער אויסדרוק פון העראאיזם און העל־דישקייט, און איז א טריאומף פאר דעם גייסט און געמיט פון דעם יידישן פאלק. די הייליק־העראאישע גבורה פון די אויפשטענדלער קרעפטיקט אונדז אלעמען. דאך אבער טאר אונדזער צוגאנג צו א געטא־טאג, קיינמאל נישט זיין אזעלכער, וועלכער זאל קענען חלילה אויף א האר, ארויסרופן א חשד, פון וועלן מינימיזירן די הייליקייט און קידוש השם דערהויבונג, פון יענע טויזנטער און מיליאנען קדושים, הילפלאזע און ניט באוואפנטע. זייער הייליקער אומקום טאר נישט באטראכט ווערן ווי אן אומקום פון א קלענערער מדרגה.

„מנשרים קלו ומאריות גברו לעשות רצון קונם וחפץ צורם״. — לייכטער פון די אדלער, און שטארקער פון די לייבן זענען געווען די, וועלכע האבן עקשנותדיק און הארטנעקיק באקעמפט זיך אליין, און נישט ארויסגע־וויזן קיין פיזישן ווידערשטאנד קענען דעם שונא.

וויפל כוח, וויפל איבערמענטשלעכע ענערגיע האט

עס אונדז געקאָסט, צו קענען באַאיינפלוסן אונדזער יר־גנט, זיך נישט צו לאָזן פּראָוואָצירן פונם שונא, נאָר געדולדיק אַלעס צו איבערטראָגן כדי אַזוי אַרום צו פאַר־לאַנגזאַמען דעם פּראָצעס און די אַקציע פון דער אויס־ראָטונג.

דער דייטש, האָט מעשה „קולטור מענטש", געוואָלט דורכפירן זיינע רציחות אויף יידן, אויף אַ לעגאַלן אופן. ווען ער איז אַריינגעקומען אין אַ יידישער שטאָט אין פוילן, האָט ער נישט תיכף זיך גענומען צו הרגענען יידן. וואָס פאַר אַ טענות האָט ער געהאַט, צו פרעמדע יידן, צו יידן פון אַ פרעמדער מדינה? ער האָט דערפאַר גע־זוכט עפּעס אַ טענה, עפּעס אַן אויסרייד, כדי זיך צו קענען טשעפּען, און כדי מכלומרשט לעגאַל אָנצוהויבן מיט דער שחיטה.

אין דראָהאָביטש האָבן די דייטשן געוואָלט אָנהויבן די הריגות אין אייר תש"ב, מיט אַ בלבול, אַז אַ יידישער יונגערמאַן האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט אַ דייטש, און ער האָט אים געוואָלט שיסן. גליקלעכערווייזע איז דע־מאָלט דעם „יודנראַט" געלונגען ציימלעך צו באַווייזן, די פאַלשקייט פון דעם בלבול און די הריגות זענען טאַקע אָפּגעלייגט געוואָרן.

אַ דייטשער געסטאַפּאָ־פירער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ער קען זיך נישט העלפן מיט די יידן. ער וואָלט וועלן, אַז עס זאָל זיך טרעפן כאָטש אַ פּאָר יידן, וועלכע זאָלן רעאַגירן קענען דעם יודענפערטל, קעגן דעם געטאָ און

קעגן די באהאנדלונג זייערע, און דאס וואלט זיי געגעבן די לעגאליטעט אנצוהויבן מיט דער אויסראטונג. ליידער — האט ער געזאגט — יידן זענען אן אויסערגעוויינלעך פאלק, אלץ נעמען זיי אן, אלץ דערפילן זיי. דאס איז געווען די גרעסטע גבורה, וואס יידן האבן באוויזן. די עקשנותדיקע צוריקגעהאלטענקייט האט ארויסגערופן באוואונדערונג אפילו ביים שונא,, וועלכער האט ממש געשטוינט איבער דעם מסירת נפשדיקן איבערוויינדן פון אלע יסורים. טראצדעם וואס מיר זענען געווען געפייניקט, דורך אומגעהייערער מענטשלעכער און אוממענטשלעכער רשעות, זענען מיר אפילו אין דעם דייטשם אויגן, פארבליבן פרינצן לגבי זיי אליין, וועלכע זענען געווען קנעכט פון רשעותדיקער הערשאפט. א סך דייטשן האבן דאס געפילט.

און די עקשנותדיקע צוריקגעהאלטענקייט, האט אויך געבראכט צו דעם, אז א סך טויזנטער יידן, זענען געבליבן, כאטש צו קענען דערציילן, וואס מיט אונדז איז פארגעקומען.

דער געטא יארטאג דארף אונדז דערפאר דערמאנען אין אלע, וועלכע האבן זייער לעבן מקריב געווען פארן יידישן פאלק. אזוי די, וועלכע האבן זיך פארטיידיקט און אזוי די וועלכע האבן דאס נישט געקענט טאן. אלע זענען זיי פאר אונדז גלייכע קדושים, ווייל דער גייסט

וואָס האָט געפירט מיט זייער פיזישן יאָ טאָן, און דער גייסט, וואָס האָט געפירט מיט זייער פיזישן נישט טאָן, איז געווען דערזעלבער. דער אייגענער יידישער גייסט פון קידוש השם.

אין יאָרטאָג פון אתחלתא דגאולה

אין דעם יאָרטאָג פון דער אַנטשטייאונג פון מדינת־ישראל, איז עס אַ חוב פון יעדן פון אונדז צו מאַכן אַ שטיקל חשבון מיט זיך אַליין.

די פאָן פון מדינת־ישראל פלאַטערט מיט שטאָלץ פונם גליל ביז צום נגב. הענט פון אַ פאָלק, וואָס האָט דאָ אויף דער וועלט מיטגעמאַכט דעם שרעקלעכסטן גיהנום, בויען מיט זייערע מעכטיק אויסגעשמידטע מוס־קולן, דאָס חרובדיקע, אָבער זיך ווידער אויפלעבנדע לאַנד. קיין שטורם איז נישט מער מעכטיק גענוג אויס־צורייסן די יידישע פאָן, סיידן די וועלט־אימפעריעס וועלן משוגע ווערן און פאַרברענען די גאַנצע וועלט אין פלאַ־מען, און ברענגען אַ תוהו ובוהו פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

און ווי באַנעמען מיר יידן אין די תפוצות, אָט דאָס גרויסע וווּנדער, אָט דעם גרויסן נס? אין דעם ערשטן מאָמענט מיט זיבן יאָר צוריק, איז ביי אונדז מקוים געוואָרן דער אויסדרוק פון דעם נביא: „היינו כחולמים". ווי פאַרחלומטע זענען מיר געשטאַנען און זיך געריבן די אויגן. יידן פון פאַרשידענע שיכטן, גרופּן און וועלט־אַנ־

שוויאונגען, יידן פון ממש פאַרשידענע וועלטן, האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין פאָלק, וואָס האָט דערזען דעם איבערגאַנג פון אַ חלום אין אַ רעאַליטעט. אָבער די מאָמענטן פון באַגייסטערונג און התלהבות, די מאָמענטן פון חלום און עקסטאַז, זענען פאַריבער, און יידן קוקן היינט מיט ניכטערע אויגן אויף אַלעם וואָס עס טוט זיך אין מדינת-ישראל, און עס זענען אפילו דאָ שוין היינט, ליידער, אַ סך פון אונדז, וואָס דערלויבן זיך צו קריטיקירן, צו האָבן טענות וכדומה.

און דערפאַר איז נויטיק אין איצטיקן מאָמענט צו וואָרענען פאַר אַ געפאַר וואָס קען חלילה קומען פון אונדז אַליין, פון אינעווייניק. אונדזער תורה דערציילט אונדז: אַז דער דור, וואָס איז אַרויס פון מצרים, און האָט געהאַט די זכיה נאָך הונדערטער יאָרן פון פאַרשקלאַפונג זיך צו באַפרייען, איז ליידער אָבער אַליין נישט געווען פעאיק אָפצושאַצן און צו פאַרשטיין דאָס וואָס עס איז מיט אים געשען. וואונדער איבער וואונדער זענען מיט אים געשען. די וואונדער האָבן אים טאַקע אויך איבערראַשט. אָבער די איבערראַשונג האָט געדויערט בלויז אַ קורצע ווײַלע. זי האָט זיך שנעל אויסגעוועפּט, און אויף שריט און טריט האָט מען דעם ייד געמוזט דערמאָנען אין אַלעם וואָס ער האָט מיט זיינע אויגן אַליין געזען. אין מצרים איז דער ייד געווען פאַרקנעכטעט, אָבער די קנעכטשאַפט האָט ער באַלד פאַרגעסן, און געדענקט האָט ער די פיש, די ציבעלע און דעם קנאָבל וואָס ער האָט

דאָרט געהאַט. ביי יעדער קלייניקייט האָט דער ייד באַלד געוואָלט אומקערן זיך צוריק קיין מצרים, צוריק צו שקלאַפעריי. דער ייד האָט פאַרגעסן די בייטשן פון די שוטרים און נוגשים, וואָס זענען איבער אים געשטאַנען, ער האָט אויך פאַרגעסן דעם טעם פון דער פאַראַכטונג און דעם האַס פון די מצרים צו יידן, ער האָט אפילו פאַרגעסן די געשרייען צום הימל און די הייסע תפילות וואָס ער פלעגט בעטן פאַר באַפרייאונג און אויסלייזונג. דאַקעגן האָט ער שטענדיק געדענקט דעם טעם פון די מאכלים, וואָס ער האָט אין מצרים געגעסן, דעם טעם פון פלייש און פיש, מיט וועלכע ער האָט זיך דאָרט געפּאַשעט.

צי זעען מיר נישט אַן ענלעך בילד היינט ביי אונדז? צי מוזן מיר נישט מודה זיין, אַז מיר היינט האָבן אויך אַ סך געירשנט פון דעם דור המדבר? אויך מיר קענען נישט לייכט פאַרגעסן אין דעם פריער און אין דעם אַמאָל, אין דעם פוילן, אונגאַרן, ליטע און רוסלאַנד. סיף אין הארצן טראָגן פיל פון אונדז אַ בענקעניש נאָך דעם גלות-לעבן, און זיי קענען זיך פון דעם נישט באַפרייען.

יעדער ייד וואָס גלויבט אין ארץ-ישראל און אין דער גאולה פון דעם יידישן פאָלק, מוז אויך גלויבן אַז די אַלע מאָמענטאַלע פיינלעכע קריזיסן אין מדינת ישראל זענען נאָך אַלץ געבורטס-ווייען פון דער געבורט פון דער נייער מדינה. מיר מוזן נישט גלויבן, אַז דאָס וואָס געשעט אין מדינת-ישראל בנוגע צו יידיש לעבן, איז

אַ סימן אויף דעם וואָס חז״ל האָבן אָנגעצייכנט אויף משיח׳ס צייטן. מיר מוזן נישט זאָגן, אַז דאָס וואָס עס טוט זיך אין מדינת־ישראל איז די פאַרויסזאָגונג פון דער משנה, אַז חוצפא יסגא ומלכות תתהפך למינות ויראי חטא ימסאו והאמת תהא נעדרת. איינמאָל: אפשר וועלן מיר זוכה זיין צו דער אמתער גאולה אָן די אומגליקלעכע סימנים. מיר זענען גענוג צרות אַדורכגעגאַנגען ביז מיר האָבן דערלעבט צו זען די אַזוי אויסגעבענקטע מדינת־ישראל, און מיר דאַרפן נישט וואַרטן אויף ווייטערע סימנים פון חבלי משיח. צווייטנס: ווען אפילו עס זאָל זיין דאָס וואָס חז״ל האָבן פאַרויסגעזען, וועט עס אויך נישט לאַנג דויערן און סוף סוף וועט דאָס אייביקע ליכט פון דעם אייביקן יידישן פאָלק שיינען אין מדינת־ישראל.

דאָס הויפּט־געבאָט פון דער איצטיקער שעה איז, אַז די עקזיסטענץ און די זיכערקייט פון מדינת־ישראל זאָל זיין דער עיקר פון אַלע עקרים, דער ציל פון אַלע צילן פון יעדן ייד. יידן זענען אַ הויך אַנטוויקלט פאָלק און קענען נישט זיין אַלע ביי איין פּאָליטישער מיינונג. ביי יידן מוזן זיין פּאַרטייען און גרופּן. עס איז ממש נאַריש צו פאַרלאַנגען אַז אַלע זאָלן אָוועקלאָזן זייערע אידעען און פרינציפּן און זיך פאַראייניקן אין איין פּאַרטיי. עס איז נישט מעגלעך עס זאָל אַזוי זיין, און עס איז גאָר נישט געוווּנטשן עס זאָל אַזוי זיין. אָבער איין זאַך איז נויטיק עס זאָל געשען: יעדע פּאַרטיי און יעדע גרופּע מוז זיך זאָגן, אַז די אויפגאַבע פאַר דער זיכערקייט פון

וועלן געווינען די אויבערהאנט איבער אנדערע פארטייען אדער גרופן. זאלן די וואס זיצן מיט דעם סצעפטער אין דער האנט נישט אין זין האבן זייערע פארטיי־צוועקן און זייערע פארטיי־אידעאלן, נאר די זיכערקייט פון דער מדינה אלס גאנצע. דאס: וועלן אויסניצן די געלעגנהייט ארייננצוכאפן די מדינה אין די הענט פון א געוויסער גרופע אדער פארטיי, מוז פירן צו א ברודער־קריג וואס ברענגט חורבן און צעשטערונג.

מסירת־נפש פאר עם ישראל און מדינת־ישראל דארף זיין די אויפשריפט פון אונדזער פאן. מיר האבן זייער א סך שונאים, שונאים ארום דער מדינה און שונאים ווייט פון דער מדינה. וואס פאר א אידעען מיר זאלן נישט האבן בנוגע צו דער אויספארמירונג פון דעם יידישן לעבן אין מדינת ישראל, טארן מיר אויף א מינוט נישט פארגעסן אז קודם כל מוזן מיר זיין זעלנער און שטיין אויף דער וואך פאר דער זיכערקייט פון דער מדינה. דאס איז וואס מיר מוזן געדענקען היינט, אין יארטאג פון אתחלתא דגאולה.

דער מדינה, שטייט העכער און שטייגט איבער אין באדייטונג אלע אנדערע אויפגאבן פון דער פארטיי אדער גרופע. קיינער טאר נישט אויסניצן איצט די צייט פון

יום העצמאות

יעדער היסטאָרישער דאַטום, ווערט ליכטיקער, און ווערט פּרעכטיקער, מיט דעם לויף פון יאָר. אַ היסטאָרי־שער דאַטום, איז, ווי אַ פּלאַנעט, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין אַ ליכטיקן שטערן, ווען ער איז געוואַלדיק הויך, און ווייט פון אונדז. אַזוי וועט זיכערלעך אויך געשען, מיט דעם פינפטן טאָג אין אייר, מיט דעם טאָג, ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, די אומאָפּהענגיקייט פון מדינת ישראל. מיט וואָס אַ יאָר שפּעטער, וועט דער טאָג ווערן, אַלץ מער שיינענדיקער, אַלץ מער ליכטיקער. איצט איז ער נאָך צו נאָענט, און מיר האָבן נישט דעם ריכטיקן פּערספּעקטיוו, כדי צו קענען אָפּשאַצן זיין פולע באַדיי־טונג.

אַ קליינעם חשבון, אָבער, קענען מיר זיך שוין איצט מאַכן. אמת! די צאָל יאָרן, וואָס זענען פאַראיבער, זייט יענעם היסטאָרישן טאָג, איז אַ קליינע. בלויז 5 יאָר. דאָך איז זייער וואָגיקייט אַ שווערע. מדינת ישראל האָט אין די געציילטע 5 יאָר באַוויזן, נישט בלויז זיך צו דערהאַלטן קעגן אירע שונאים, נאָר אויך אויסצובויען, אַ גאַנצן מלוכהשן אַפּאַראַט, און אַן אָנגעזעענע מיליטערישע

קראפט, און דער עיקר האט זי באוויזן, אן אומגלויבלעך וואונדער, וואס קיין שום פאלק אין דער וועלט האט עס נים באוויזן, אין דער יונגער, ערשט זיך בויענדיקער מדינה, איז היינט פאראן כמעט 2 מאל אזויפיל יידן, וויפיל עס איז געווען דארט מיט 5 יאר צוריק. קיין מדינה אין דער גארער וועלט, אפילו די רייכסטע און די שטארקסטע, האט ביז אהער נאך נישט באוויזן, צו קענען מאכן אזא עקספערימענט.

שטיים טאקע די גאנצע וועלט און באוואונדערט און שטוינט. ווי איז דאס נאך געהערט געווארן, אז א פאלק, וואס איז געלעגן כמעט גאנצע 2 טויזנט יאר אין קבר, זאל פלוצלינג לעבעדיק ווערן, און ארויסקריכנדיק פון קבר, באווייזן אזעלכע גבורות, וואס יונגע, קיינמאל נים געשטארבענע פעלקער, וואלטן זיך אפילו נישט אונטערגענומען.

שטייט די וועלט מיט אטעם פארכאפונג און באוואונדערט דעם נס. און מיר אליין? מיר, רייבן זיך די אויגן, און פרעגן: איז דאס טאקע געשען? איז דאס ווירקלעכקייט? אויב יא, דאן איז דאך טאקע אמת, אלץ, וואס שטייט אין אונדזער תורה, און מיר הויבן ביסלעכווייז אן צו זען, די פארווירקלעכונג פון די נביאישע ווערטער, פון אונדזער תנ"ך. מיר הויבן אן פילן, אז דאס גאנצע יידנטום איז באשטעטיקט געווארן. עס איז אלץ געשען, ווי עס שטייט אין פסוק, ווי עס זאגט די גמרא, ווי עס

דרשנט דער מדרש און ווי עס האָט געלערנט אַמאָל דער
רבי אין חדר, און משה אמת ותורתו אמת.

און ווען מיר האַלטן, ביי דער גמרא און ביים מדרש,
זאָל אונדז טאַקע דערלויבט זיין, אין ליכט פון חז״ל, אָפּ־
צושאַצן, וואָס מיר האָבן געווינען, און וואָס עס פעלט
אונדז נאָך.

מיט דעם מאָמענט פון חורבן, מיט דעם מאָמענט, ווען
עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גלות פאַר דעם יידישן פאָלק,
זאָגן חז״ל, האָבן מיר פאַרלוירן 3 קרוינען: די קרוין פון
עם־ישראל, די קרוין פון תורת ישראל און די קרוין פון
ארץ ישראל. ווען עס וועט קומען די ריכטיקע גאולה,
וועלן אַלע 3 קרוינען אומגעקערט ווערן צו אַלע 3 און
אַזוי לאַנג, אַלע דריי, דאָס יידישע פאָלק די יידישע תורה
און דאָס יידישע לאַנד, האָבן נישט זייערע קרוינען, איז
נאָך קיין גאַנצע גאולה נישט דאָ.

מיר טאָרן פאַר איין מאָמענט נישט פאַרגעסן, אַז
פונקט ווי פעלקער פון דער וועלט, האָבן זייט טויזנטער
יאָר נישט געוואָלט און מיט אַלע מעגלעכקייטן געשטערט,
דאָס אויפשטיין פון דער יידישער נאַציע, אַזוי אויך און
אפשר נאָך אין אַ שטאַרקערער מאָס, האָבן וועלטס קול־
טורן נישט געוואָלט, און נישט דערלאָזט, דאָס אויפשטיין
פון דער יידישער תורה און פון דעם יידישן גייסט, אויף
אַן אייגענעם יידישן באָדן. יידישע קולטור האָט געדאַרפט,
לויט דער מיינונג פון אירע קאָנקורענט־קולטורן פאַר־
שווינדן, פונקט ווי די יידן אַלס נאַציע האָבן געדאַרפט,

לויט דער מיינונג פון די וועלט-נאציעס, פארשווינדן. נישטא קיין ארט אויף דער וועלט, נישט פאר עם ישראל און נישט פאר תורת ישראל. אמווייניקסטנס זאלן זיי ביידע נישט האבן קיין תקומה, אויף אן אייגן שטיקל ערד. גלות זאל זיין זייער שיקזאל. אלע פעלקער פון דער וועלט זאלן האבן זייערע היימער, אבער נישט יידן. אלע קולטורן פון דער וועלט, זאלן האבן ערטער, ווי זיי זע־נען עטאבלירט געווארן. די יידישע קולטור, די יידישע תורה, טאר דאס נישט האבן. היינט איז שוין באקאנט דער פאקט, אז פון געוויסע קולטורעלע קרייזן פון די גויים, איז געווען א שטארקע אפאזיציע צו א יידישער מדינה, כדי יידיש וויסן, יידיש דענקען, זאל חלילה זיך נישט אנטוויקלען. אין רוים, אין פויפסטלעכן פאלאץ, איז פאראן א גרויס בילד, וואס שטעלט פאר א קירכע, שטארק געבויט, הויך, שטאלץ און פעסט, און נעבן איר שטייט א יידישע שוהל, איינגעבויגן, נידעריק, צעבראכן, און האלט ביים איינפאלן. אין דעם בילד, ווערט גראפיש פאר־געשטעלט, דער ווילן פון דער וועלט צו רואינירן דעם יידישן גייסט און אויף זיינע חורבות צו פארברייטן מכלומרשטע וועלט-קולטור.

די אנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה, דארף דער פאר זיין א נצחון, נישט בלויז פאר דעם יידישן פאלק, נאר אויך פאר דער יידישער תורה. אויך זי, אויך אונד־זער קולטור, מוז און וועט צוריק באקומען איר קרוין. מיר האבן דערלעבט א צייט, אין וועלכער מיר האבן מיט

אונדזערע אייגענע אויגן געזען, און מיר קענען אַלע אָן אויסנאַם זיין לעבעדיקע עדות, פון דעם אמתן סך־הכל, פון דעם אמתן סאַלדאָ, וואָס איז געמאַכט געוואָרן, אין דעם גרויסן קאַמף פון דער וועלטס קולטור קעגן אונדזער תורה. אין דער לעצטער וועלט־מלחמה איז דער וויכוח, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן אונדז און דער וועלט, ענד־גילטיק אַנטשידן געוואָרן.

נישט דאָ איז דער פּלאַץ אַריינצוגיין אין פּרטים, פון דעם גרויסן קאַמף, וואָס יידישקייט פירט זייט דעם מעמד הר סיני, מיט אַלע וועלט־קולטורן. אין קורצע ווערטער אָבער, קען מען דעם קאַמף דעפינירן, אַלס אַ שטרייט „וואָס עס דאַרף זיין דער יסוד פון מענטשלעכן דענקען און פילן". די גוישע וועלט, זייט דעם העלעניזם, באַ־הויפּטעט, אַז דער עיקר איז: וויסן. מיר יידן אָבער האַלטן אין איין שרייען, זייט מיר האָבן מקבל געווען אונדזער תורה, אַז דער עיקר איז: מדות, עטיק און מאָראַל. אונד־זער אמונה אין ג־ט, באַשטייט אין: „הדבק במדותיו מה הוא רחום אף אתה רחום וכו'".

און, צי מוז דען די גאַנצע וועלט נישט מודה זיין, אַז אין אונדזער דור איז דער וויכוח גאַנץ אַנטשידן גע־וואָרן? צי האָט דען דעם דייטשן פאָלק געפעלט וויסן? עס האָט זיך קלאָר און בולט אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס העכסטע וויסן אָן אמונה אין ג־ט, אָן מדות און אָן מאָ־ראַל, האָט קיין שום ווערט און קיין שום נוצן נישט.

די וועלטס קולטור האָט אין דעם לעצטן קריג זיך אַרויסגעשטעלט, ווי אַ קאַרטן־שטיבל, וואָס איז זיך צע־פאַלן, ביי אַ לייכטן ווינט. עס איז איינגעפאַלן, און אַ מיסט־הויפן איז געבליבן פון אים. אונדזער תורה, דאַ־קעגן, שטייט פעסט און שטאַרק, כיום נתינתה בסיני.

עס איז דערפאַר אונדזער הייליקער חוב, צו מאַכן אַלע געהעריקע הכנות, אַז ווען מיר האָבן דערלעבט צו־ריק צו באַקומען די קרוין פאַר עם־ישראל און פאַר ארץ־ישראל, זאָל אויך אינגיכן אומגעקערט ווערן די קרוין צו תורת ישראל.

ווען איך זאָג, אַז עס דאַרף צוריקגעקערט ווערן דער יידישער תורה איר קרוין, מיין איך נישט בלויז, אַז יידן זאָלן אין מדינת־ישראל אָפּהיטן די דינים פון דער תורה. דאָס איז דאָך געוויס פאַרשטענדלעך פאַר יעדן ייד. שוין דאָס באַוווּסטזיין, אַז דאָס אָפּהיטן פון די דינים פון דער תורה, האָט ערהאַלטן דאָס יידישע פאָלק און האָט די יידן אַדורכגעפירט דורך אַלע בלוט־ימען און זיי געבראַכט ביז צו דער ווידערגעבורט פון דער יידישער מדינה, וועגן וועלכער די גויאישע וועלט איז געווען איבערצייגט, אַז זי איז שוין לאַנג אויף אייביק פאַרשוואונדן, שוין דאָס באַוווּסטזיין אַליין, לייגט אַרויף אַ חוב אויף יעדן יידן, אין מדינת־ישראל, אין די תפוצות, אָפּצוהיטן די דינים פון דער תורה.

ווען מיר רעדן אָבער פון אַ קרוין פאַר אונדזער תורה, מיינען מיר דערמיט פיל מער, אַז דאָס ליכט פון אונדזער

תורה זאָל דערלייכטן און זאָל היילִיקן אַלע ווינקעלעך פון אונדזער לעבן, אַזוי, אַז מיר זאָלן זיין אַ מוסטער, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, אין איר היינטיקער, פינצ־טערער עפּאָכע. אין אונדזער תורה געפינען זיך די בעס־טע צוזאָגן, אַזוי פאַר דער צוקונפט פון דעם יידישן פאָלק, ווי אויך פאַר דער צוקונפט פון דער גאַנצער מענטשהייט. מיר מוזן אַלע דערפילן די גרויסקייט און דערהאָבנקייט, אַזוי פון איצטיקן מאָמענט ווי אויך פון אונדזער איצטי־קער אויפגאַבע, וואָס מיר האָבן, נישט בלויז אין אונדזער געשיכטע, נאָר אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט.

די מענטשהייט האָט אפשר קיינמאָל אין איר גאַנ־צער היסטאָריע, זיך נישט אַזוי גענויטיקט אין יידישן גייסט און אין יידישער קולטור, ווי היינט אין אונדזער צייט. עס איז אונדזער חוב צו בלייבן פּיאָנערן פאַר דער וועלט, ווי אונדזערע אָבות זענען עס געווען מיט טויזנ־טער יאָרן צוריק.

אין יאָרטאָג פון דער אַנטשטייאונג פון מדינת־ישראל, דאַרפן מיר אַלע זיין באַהערשט פון איין שטרעבונג, צו טאָן דאָס בעסטע, וואָס מיר קענען, פאַר דעם יידישן פאָלק, פאַר דעם יידישן לאַנד און פאַר דער יידישער תורה, און מיר וועלן זוכה זיין בקרוב צו זען די פאַרווירקלעכונג פון דער נבואה, אַז „כי מציון תצא תורה ודבר ד׳ מירו־שלים״.

6 יאָר מדינת ישראל.

בשעת ווען מיר, מזרחים פייערן דעם יום העצמאות; דעם יאָר טאָג פון דער ענטשטייאונג פון מדינת ישראל, זאָל מיר דערלויבט זיין צו באַמערקן, אַז מיר, מזרחים פאַרגעסן נישט אויף איין מינוט אפילו, אַז מדינת ישראל איז, פּאָליטיש בלויז, נישט אַלט מער, ווי זעקס יאָר, אי־דעאיש אָבער, דאָס הייסט: אין דעם באַוווסטזיין פון אונדז, טרייע יידן, עקסיסטירט זי זייט טויזנטער יאָר און איז אַזוי אַלט, ווי אַלט עם איז, דער עם ישראל; זי איז אַזוי אייביק, ווי אייביק עם איז, דער עם ישראל. די אי־דעע פון מדינת ישראל, האָט אונדז באַגלייט אין אַלע אונדזערע גלותן. אין איר, האָבן מיר זיך גייסטיק אוים־געלעבט, פון וויעגעל ביז צום קבר. מיר זענען געווען היימלאָז, בלויז כלפי חוץ. אָבער קיינמאָל נישט, אין אונד־זער אייגענע אמות. אין אונדז און מיט אונדז, ווען מיר זענען געווען, בלויז מיט זיך אַליין, האָט מדינת ישראל, קיינמאָל נישט אויפגעהערט לייכטן, פאַר אונדזערע אויגן. יעדן פּסח, ווען מיר האָבן דערמאָנט דעם יציאת מצרים, האָבן מיר צוגלייך גייסטיק אַדורכגעלעבט, דעם אריינ־קום קיין ישראל און עמאָציאָנעל געבראַכט דעם עומר־

גארב, אין בית המקדש אריין. זינגענדיק דעם שיר השי־
רים, דאָס ליבעס ליד פון כנסת ישראל צום רבונו של
עולם, האָבן מיר, אַלע קינדער נאָך, ממש געזען די הער־
לעכע לאַנדשאַפטן און דעם בלויען הימעל פון ישראל.
שבועות, האָבן מיר, אין באַצירטע קארבן געברענגט, די
ערשטע צייטיקע פרוכטן קיין ירושלים; פאַר אונדזערע
גייסטיקע אויגן, זענען געשטאַנען בועז און רות, שניי־
דענדיק די פרוכטבאַרע זאַנגען פון ישראל. זיצנדיק אין
די סוכות, האָבן מיר איינגעאָטעמט, די ישראל לופט און
עמפּאַנגען די אושפיזין, די טייערע ישראל געסט, אונד־
זערע אבות מיט דוד המלך. אין ראש השנה, האָבן מיר
זיך געוואַרעמט אין די טרייסטנדיקע ווערטער פון אונד־
זער נביאים און גאולה הבטחות; און אין יום הכיפורים
האָבן מיר איבערלעבט, די עבודה פון כהן גדול אין בית
המקדש.

דער הימל פון ישראל האָט זיך געצויגן, איבער די
קעפּ פון אַלע גלות געמיינדעס. אין בבל, אין ביזאַנץ, אין
שפּאַניע און אין פוילין. פונעם ארץ ישראלדיקן הימל
און זיינע שטערן, האָבן געשעפּט גייסטיקע התעוררות,
אַלע דורות פון די גלותן. די גאולה חלומות, וואָס אונד־
זערע חכמים האָבן אַמאָל געחלומט אין טבריה, ציפורי
און אושא; דאָן אין סורא, נהרדעא און פומבדיתא, זע־
נען דערנאָך ווייטער געשפּינען געוואָרן, אין קאָרדאָווא
און באַרצעלאָנאַ, אין פראַנקפורט און אין קראָקא, אין
ליטא, אין גאַליציען, אין רומעניען, און אין אוקראַינע.

די חצות אבּרעכטערס, די פאַרבענקטע נאָך ציון, האָבּן דור נאָך דור, געהאָפט און געוואַרט; זיי זענען נישט מיד געוואָרן, וואַרטנדיק און כסדר געחלומט, פון דער יידי־שער גאולה.

אונדזער גרויסער, צוויטוויזנט יעריקער חלום, האָט זיך אָבער קיינמאָל נישט באַגרעניצט, בלויז צו קיבוץ גליות און אפילו נישט בלויז צו ישוב ארץ ישראל, נור האָט אַרום גענומען דעם גאַנצן אופן פון לעבן פון דעם ייד, אין זיין לאַנד; שפּינענדיק די חלומות, איבער דעם ישוב ארץ ישראל האָבּן מיר, צוגלייך געטרוימט, פון דער תורהדיקער, הייליקער שטאַטס אָרדענונג, וואָס מיר וועלן דאָרט האָבּן. דער פאַר איז דער מזרחי אידעאַל געבליבּן אַזוי אַקטועל, אויך היינט, נאָכדעם, ווי קיבוץ גליות איז נישט מער קיין אידעע און שיבת ציון נישט מער קיין פאַנטאַזיע, נאָר אַ ממשות און אַ פאַקט. מזרחי איז היינט, נאָך דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, איבּערגעגאַנגען פון דעם פּראָגראַם: ארץ ישראל לעם ישראל, צום: על פּי תורת ישראל.

מזרחי גלויבּט און איז איבּערצייגט, אַז מדינת ישראל איז אַ געוואַלטיק גרויסער זיג, אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. זי איז אָבער צוגלייך אויך, דער טריאומף פונעם אויסדויער פון אַ פאָלק, וואָס האָט געטראָגן דאָס פייער פון די נביאים, אין זיין הארץ און איז דעריבּער צוגלייך, דער טריאומף פון די נביאים, וועמענס

ווערטער, האָבן זיך אַרויסגעשטעלט: מעכטיק, אַלוועלט־לעך און אייביק.

מזרחי גלויבט און איז איבערצייגט, אַז יענע שאַפונג אין מדינת ישראל, וואָס נויגט אַב, אָדער גייט אַוועק, פון דעם נביאישן קוואַל; אַלץ איינס, אויף וואָס פאַר אַ געביט, עס זאָל נישט זיין, צו פאָליטיש, צו פילאָזאָפיש, צו קינסטלעריש, קען נאָר אָפּשוואַכן די אייביקייט פון ישראל און זיין שטאַרקייט, אַזוי כלפי פנים, ווי אויך כלפי חוץ.

אַ וואַכנדיקע ארץ ישראל, געבויט ניט אויף די הייליקייטן פון אונדזער דריי טויזנט יעריקער ירושה, וועט זיין, ווי אַ גוף אָן אַ נשמה. זיכער איז דאָס לאַנד אַליין, אַ גרויסער כוח, פאַר יידישער עקסיסטענץ און אַנטוויקלונג. זיכער איז דאָס יידישע פאָלק אַליין, דערהייבן און טראָגט אין זיך וואָרצלען פון אייביקייט. זיכער איז די העברעאישע שפּראַך, אַן אומגעהייערע קראַפט און פון גרויסער באַדייטונג. אָבער אַלע צוזאַמען, זענען נאָר דאַמאָלס פול באַדייטנדיק, ווען זיי שטייען אויף דעם יסוד פון תורת ישראל.

מזרחי ווייסט גאַנץ גוט, אַז עס פעלן היינט צו טאָג נים קיין יידן, וועלכע זענען גרייט צו האַלטן פאַר בטלנים, אָט אַלע די, וואָס באַטאָנען אַזוי שטאַרק דעם יסוד פון תורה, פאַר דעם יידישן פאָלק. אַ סך פון אונדז האַלטן בכלל נישט פון דער באַטאָנונג פון גייסט און גייסטיקייט, אין מדינת ישראל. זיי וואָלטן וועלן זען אין מדינת

ישראל בלויז, וואָס מער קיבוצים, וואָס מער פאַבריקן און וואָס מער אינדוסטריען. מזרחי ווייסט אָבער, אַז אפילו אָט די אַלע גייסט-פאַרניינער, מוזן מודה זיין, אַז די גאַנצע יידישע היסטאָריע, איז איין גרויסער עדות אויף דעם פאַקט, אַז נישט קיין יידישע עשירות און ניט קיין אינדוסטריען, נאָר די מענטשן, פון אונדזער פאָלק, וואָס האָבן געשטעלט דעם טראָפּ אויף תורה און גייסט, נאָר זיי, האָבן געפאַרעמט, דיריגירט און געקערעוועט מיט אונדזער געשיכטע און דערהאַלטן דאָס פאָלק און באַפעסטיקט זיין קיום. דערפאַר אויך די זיכערקייט, אַז אויב דאָס לעבן אין מדינת ישראל, וועט געשטעלט ווערן אויף תורה און גייסט, וועט עס זיין שטאַרק און געזיכערט מיט זיין צוקונפט.

מיר מזרחים פייערן דערפאַר דעם היינטיקן גאולה טאָג, מיט דער זיכערקייט, אַז דער רוח התורה והמסורה, וועלכער האָט מעגלעך געמאַכט און געפירט צו די וווּנדערלעכער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, וועט ערשט איצט זיך אַנטוויקלען און לייכטן, אַלס אַ גרויס ליכט, נישט בלויז, פאַר דעם יידישן פאָלק אַליין, נאָר פאַר די גאַנצע מענטשהייט אין דער וועלט. און עס וועט מקויים ווערן די נבואה: כי מציון תצא תורה ודבר ד׳מירושלים.

די באַדייטונג פון ל״ג בעומר

וועגן דער באַדייטונג פון ל״ג בעומר, זענען פאַראַן פאַרשידענע טעאָריעס, פאַרשידענע ווערסיעס, און פאַרשידענע מקורות. אין דער גמרא איז די דאָטע נישט דאָ. אויך די ערשטע פוסקים און גאונים ברענגען נישט דעם ל״ג בעומר. צום ערשטן מאָל ווערט ער דערמאָנט אין די ראשונים פון 12־טן יאָרהונדערט.

די טעג צווישן דעם יום טוב פון פסח און דעם יום טוב פון שבועות, זענען אין די צייטן פון בית המקדש געווען גאָר פריילעכע און דערהויבענע. זיי זענען געווען די טעג פון שניט. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן דעם צווייטן טאָג פון פסח, מיט דעם ברענגען דעם עומר — אַ בינטל נייע תבואה אַלס אַ קרבן פון דאַנקבאַרקייט צו ג־ט, וואָס איז מקיים זיין צוזאָג פון „ברוך פרי אדמתך" געבענטשט וועט זיין די פרוכט פון דיין פעלד". דער קולמינאַציע טאָג פון די ימי הספירה, איז געווען דער „חג הביכורים, דער גרויסער און פריידיקער אַגריקולטורעלער יום טוב, וועלכער איז אויך צוגלייך געווען, דער „זמן מתן תורתנו", דער טאָג, ווען דאָס יידישע

פאָלק האָט באַקומען זיין תורה און איז געהייליקט געוואָרן, אַלס ממלכת כהנים וגוי קדוש.

נאָך דעם חורבן, ווען יידיש לעבן איז געווען טרויעריק, זענען אויך די ספירה טעג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טרויער טעג. עס זענען פאַרגעסן געוואָרן די גליקלעכע טעג, ווען יידן זענען געזעסן בשלום אויף זייער לאַנד, און געפונען גליק אין דעם לעבן אויף דער ערד נאַטור. דאָס לעבן איז געוואָרן אַנגעפילט מיט ליידן, פון די אכזריותדיקע רוימישע פייניקער. די ספירה טעג האָבן באַזונדערס דערמאָנט, אָן דעם גרויסן נאַציאָנאַלן חורבן, און זיי זענען געוואָרן טעג פון אבילות, פון שבירת הלב, און פון תקנות, אויף צו געדענקען דעם טרויער.

נישט אַלע יידן האָבן געקענט אויסהאַלטן די שווערע נסיונות פון דער רוימישער אונטערדריקונג, און אַ טייל פון זיי, האָט אין די ספירה טעג אויפגעהויבן אַ קאַמף קעגן זיינע באַדריקער.

געשען איז דאָס אין דעם יאָר 132 פון דער היינטיקער צייטרעכענונג. דער אַנפירער פון דעם אויפשטאַנד איז געווען בר כוכבא. צו אים איז דאַמאָלט צוגעשטאַנען רבי עקיבא, מיט זיינע 24 טויזנט תלמידים. דער קאַמף איז געווען אַ העראָאישער, און האָט געדויערט גאַנצע דריי יאָר ביז צום יאָר 135. במשך פון די 3 יאָר האָבן די יידישע אויפשטענדלער כסדר באַקעמפט זייערע פיינט. טויזנטער תלמידים פון דעם גרויסן רבי עקיבא,

יונגע קנאים העלדן, האָבן זיך באַהאַלטן אין היילן און אין גריבער און פון זייערע באַהעלטענישן האָבן זיי העלדיש געקעמפט און באַקעמפט די רוימישע חיילות, אונטער דעם רוימישן פירער טורנוס רופוס, אָדער טי־ראנוס רופוס. בר־כוכבא האָט אָפּגענומען אַ סך פעס־טונגען און פאַרטריבן די רוימער.

פאַראַן אַ היסטאָרישע ווערסיע, אַז אין אַ געוויסן טאָג האָט בר־כוכבא מיט זיינע חיילות געהאַט פאַרנו־מען ירושלים. דער געוויסער טאָג, איז געווען ל״ג בעומר. עס פאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע יידישע געשיכטע, וואָלט זיך געווען נאָר אַנדערש געפאָרעמט, און יידן וואָלטן היינט גאָר אַנדערש אויסגעזען, ווען דער זיג וואָלט דאַמאָלט געווען געבליבן אויף דער זייט פון בר־כוכבא. ליידער אָבער האָט די בר כוכבא עפּאָפּייע זיך זייער טראַגיש געענדערט. די אויפשטענדלער זענען ענדלעך באַזיגט געוואָרן פון די רוימער. בר כוכבא אַליין איז געפאַלן. די שטאָט ביתר, די לעצטע פעסטונג פון יהודה איז געפאַלן. העכער אַ האַלבער מיליאָן יידן פון דער פעסטונג ביתר זענען מערדערלעך אויסגעקוילעט געוואָרן. טייכן בלוט האָבן זיך געגאָסן אין די גאַסן, און אַדריאַנוס האָט אין זיין נקמה אַקט קעגן די רע־וואָלטירער, זיך גענומען צום איבערבלייב פון די יידן, מיט שרעקלעכע גזירות, אַזוי, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז געקומען די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון דעם יידישן פאָלק.

אינטערעסאַנט איז, די באַהויפּטונג פון חז״ל אין דער גמרא, אַז די קאַטאַסטראָפע איז געקומען, ניט דורך דעם, וואָס די רוימישע חיילות האָבן געהאַט די איבערהאַנט. ניין! דער דרויסנדיקער שונא האָט נישט באַוויזן צו באַזיגן די יידישע העלדן. אַן אינעווייניקסטער שונא איז עס געווען, וועלכער האָט געברענגט די מפלה. אינערלעכע רייבונגען און דיסציפּלינלאָזיקייט, נישט רעספּעקטירן איינער דעם צווייטן, זענען געווען די הויפּט סיבות פון דער דאָמאָלסדיקער טראַגעדיע.

אין דעם קאַמף, זענען טויזנטער תלמידים פון רבי עקיבא געפאַלן. די גמרא דערציילט, אַז „כולם מתו מפסח ועד עצרת מיתה רעה, מה היא, אסכרה". (יבמות ס״ב ע״ב) אַלע תלמידים פון רבי עקיבא — הייסט עס — זענען געפאַלן אין די טעג פון פּסח ביז שבועות, און געפאַלן זענען זיי, מיט אַ שלעכטן טויט, פון אַ קרענק, וואָס רופט זיך „אסכרה". די ווערטלעכע איבערזעצונג פון דעם דאָזיקן אויסדרוק איז דיפטעריטיס, אין אַ צווייטע שטעלע (שבת ל״ג ע״ב) דערציילט די גמרא, אַז ווען אונדזערע גרויסע תנאים האָבן זיך פאַרזאַמלט אין „כרם ביבנה", אין דעם גאָרטן פון דער גרויסער תלמודישער אַקאַדעמיע אין יבנה, האָבן די תנאים זיך געשטעלט די פראַגע: אָט דער קלאַפּ, פאַר וואָס איז ער געקומען? רבי יהודה האָט געזאָגט, דורך לשון הרע. רבי אלעזר האָט געזאָגט, ווייל זיי האָבן ניט געגעבן קיין מעשר. און רבי שמעון זאָגט דורך ביטול תורה.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אונדזערע תנאים, אַלס די פירער פֿון פֿאָלק, האָבן אויס מורא פֿאַר דעם שונא, זיך געמוזט באַדינען מיט אַ פֿאַרשטעטלטער שפּראַך, און האָבן דערפֿאַר גערעדט מיט מיסטישע רמזים, אין גע־היימע אויסדרוקן. יאָרן לאַנג האָט מען זיך טאַקע גע־מאַטערט צו פֿאַרשטיין, וואָס די באַדייטונג פֿון די ווער־טער זענען. היינט לעבן מיר אין אַ צייט ווען יעדעס וואָרט איז פֿאַר אונדז קלאָר און דייטלעך.

אין כרם ביבנה האָבן די תנאים פעסטגעשטעלט, אַז די אמתע סיבה פֿון דעם גרויסן קלאַפּ איז געווען, „אס־כרה", דיפטעריטיס. דאָס איז אַ קרענק, וואָס קומט פֿון מויל, און גרייפֿט אָן דעם האַלדז. רבי יהודה דערלויבט זיך שוין גאַנץ אָפֿן צו זאָגן, אַז די קראַנקהייט איז געקו־מען פֿון „לשון הרע". טראָץ אַלע גרויזאַמע צרות פֿון נאָך דעם חורבן, האָבן אפילו די תלמידים פֿון רבי עקיבא, זיך נישט געהאַט אויסגעהיילט פֿון דער ביטע־רער קרענק, פֿון לשון הרע, פֿון דער קרענק, וואָס קומט פֿון דעם מויל, פֿון דעם האַלז, פֿון דער צונג. שנאת חינם, מחלוקת, דאָס רעדן און דאָס באַרעדן, אָט דאָס, האָט געבערענגט דעם אומגליק.

רבי אלעזר זאָגט, אַז דער קלאַפּ איז געקומען, ווייל יידן האָבן נישט געגעבן דעם מעשר, וואָס זיי האָבן גע־דאַרפֿט געבן. לויט דעם יידישן געזעץ, האָט יעדער ייד געדאַרפֿט געבן אַ צענטל פֿון זיין איינקונפֿט פֿאַר נאַ־ציאָנאַלע און געזעלשאַפֿטלעכע צוועקן. עס פֿאַרשטייט

זיך, אַז דער אויפשטאַנד איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע אויסגאַבן. וואָלטן יידן געווען אָפּגעפּירט זייערע מעשרות, וואָלט דער אויפשטאַנד געווען געקענט אָנ־האַלטן. אָבער אַ גרויסער טייל פון יידן, האָט זיך גלייכ־גילטיק פאַרהאַלטן צו דער גאַנצער זאַך, און זיך פינאַנ־ציעל נישט באַטייליקט אין די גרויסע הוצאות. אויסער דעם האָבן זיי מסתמא מיט זייערע מיילער פאַר אַנדע־רע, אויך צונישט געמאַכט דעם גרויסן ענין, און דער־פאַר איז די קאַטאַסטראָפע געקומען.

עס קומט דאַן די דריטע מיינונג פון רבי שמעון, אַז די הויפט סיבה פון דעם קלאַפּ איז געווען דער „ביטול תורה". די מיינונג איז שוין אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז אַ סך פון די גרויסע תנאים זענען נישט געווען צופרידן מיט בר־כוכבא׳ס קאַלטער באַציאונג צו דת און תורה.

זיכערלעך איז אונדז היינט זייער שווער צו פאַר־שטיין, וואָס די תנאים האָבן געמיינט מיט זייערע גע־היימניספולע אַנדייטונגען. איין זאַך אָבער איז פאַר אונדז קלאָר און זיכער, אַז אין כרם ביבנה, האָבן אונדזערע גרויסע חכמים פעסטגעשטעלט, אַז די סיבות פון בר כוכבאס דורכפאַל זענען נישט געווען קיין אויסערלעכע נאָר אינערלעכע. אין דעם ערשטן מאָמענט, ווען בר כוכבא האָט אויפגעהויבן די לאַזונג פון קאַמף, האָט אַ ווייע געטאָן אין דער יידישער מחנה אַ גייסט פון ענטוזיאַזם און פאַראייניקונג. אָבער דער גייסט האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. עס זענען דאַן געקומען לש״ן

הרע'ס מיט גלייכגילטיקייטן, מיט נישט וועלן זיך באַ־טייליקן אין די גרויסע הוצאות, דיסציפּלינלאָזיקייט, און נישט וועלן רעספּעקטירן איינער דעם צווייטן, און די אַלע אינערלעכע סיבות, האָבן געבראַכט דעם גרויסן אומגליק.

לאָמיר דערפאַר זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון: ווי זעט עס אויס היינט?

אין אונדזערע צייטן איז דאָס געשען. דאָס, אויף פאַרשידענע שפּראַכן און פאַרשידענע קולטורן, צעריסע־נע יידישע פאָלק, דאָס צעשפּליטערטע אויף פאַרשידענע פּאַרטייען, און גרופּן, האָט זיך מיט קוים 6 יאָר צוריק, אויפגעשטעלט ווי איין מענטש, אין קאַמף פאַר אַ יידי־שער מלוכה אין ארץ ישראל. נעכטיקע פרעדיקער פון אַסימילאַציע, און פּאַקטיש שוין טאָטאַל אַסימילירטע, האָבן מיט גרויס מוט און גרויסער איבערגעבנקייט, גע־האָלפן צום אויפקום פון דער ייד. מלוכה. מענטשן פון פאַרשידענע שיכטן און גרופּן, יידן פון פאַרשידענע וועל־טן און פאַרשידענע וועלט אַנשויאונגען, וועלכע זענען געווען ווייט איינער פון צווייטן, האָבן זיך צונויפגעפּו־נען, און זיך צונויפגעגאָסן אין איין נאַציע, וואָס האָט דערגרייכט איר חלום.

היינט אָבער נאָך קורצע 6 יאָר, זענען מיר עדות פון אַ מוראדיקן פאַקט, צוקוקנדיק ווי אַ שרעקלעכער פּירוד האָט זיך אַריינגעריסן ביי יידן, אין דער גאַנצער וועלט. די איינקייט פון יידן אין דעם מאָמענט, ווען די

יידישע מלוכה איז אַנטשטאַנען, איז צעריסן און צע־ברעקלט.

דאָס גרעסטע אומגליק פון היינט איז, וואָס מיר נע־מען עס זייער לייכט און מען זאָגט: עס איז אַ געזונטע דערשיינונג. יעדער דאַרף אַרויסברענגען זיין מיינונג. מען פאַרגעסט אָבער, דעם פאַקטישן צושטאַנד פון מדינת ישראל, און די פאַרהעלטענישן אַרום דער יידישער מדי־נה. מיט די אַראַבער איז נאָך קיין שלום נישטאָ. דאָס פּראָבלעם פון פערמאַנענטע גרענעצן פון ישראל. די פראַ־גע פון ירושלים. דאָס פּראָבלעם פון אַראַבישע פליטים. דאָס אַלעם פאָדערט קאָנצענטרירונג פון אַלע יידישע כוחות, מאַטעריעלע און גייסטיקע, סיי אין מדינת יש־ראל, סיי אין די תפוצות. איז איצט אַ צייט פאַר פירוד און מחלוקת?

אפשר זאָלן יידן דאָך זיך פאַראייניקן, מיט איין גע־שריי, וואָס זאָל געהערט ווערן אין גאַנצן יידישן לאַגער: אַ סוף זאָל נעמען צום שנאת־חינם! אחדות מוז הערשן ביי יידן! קיינער טאָר נישט זיך אָנטזאָגן פון באַטיילי־קונג און פון געבן זיינע ביישטייערונגען לטובת מדינת ישראל, און אַביסל מער דרך ארץ, פאַר יידישע הייל־קייטן, פאַר תורה און מצווה! עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז אַזאַ געשריי זאָל אויפגעהויבן ווערן. אדרבא! אפשר מאַכט ווער דעם אָנהויב? אפשר...

רמב״ם
אַ קורצע ביבליאָגראַפישע נאָטיץ

רבינו משה בן מיימון.

צו דער 750-סטער יאָרצייט פון זיין פטירה.

כ׳ טבת תשט״ו, (1955) האָבן זיך אין דער גאַנצער יידישער וועלט אָנגעהויבן די פייערונגען פון דעם 750-טן יאָרצייט נאָך דער פטירה פון דעם רמב״ם ז״ל.

די פייערונגען זענען פּראָקלאַמירט געוואָרן פון דעם רעליגיע-מיניסטעריום אין מדינת ישראל, (משרד הדתות בירושלים) אויף אַ גאַנץ יאָר, דאָס הייסט ביז כ׳ טבת תשט״ז (1956).

אין משך פון דעם יאָר, זענען אָנגעשריבן געוואָרן זייער אַ סך אָפּהאַנדלונגען און עסייען איבער דעם רמב״ם; וועגן זיין לעבן, זיין שאַפן, זיינע שיטות און זיינע פאַרשידענע ספרים. איך אַליין האָב דאָ אין מעקסיקע אָפּגעדרוקט אַ בוך אין שפּאַניש, וועגן דעם רמב״ם און זיין שאַפן. איך האָב אויך אַ גאַנץ יאָר, כסדר יעדן זונטיק, רעפערירט איבער פאַרשידענע פּראָבלעמען פון היינטיקער מאָדערנער פילאָזאָפיע און היינטיקער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע, אין ליכט פון רמב״ם. אַזוי האָב איך געהאַלטן עטלעכע סעריעס פון לעקציעס אויף די

פאָלגנדע טעמאַטן: דער פּראַגמאַטיזם און דער רמב״ם. מאָדערנעם פּסיכאָאַנאַליטיק און דער רמב״ם. ראַציע און אינטואיציע לויט דעם רמב״ם. מענטש און וועלט לויט דעם רמב״ם. די טעלעאָלאָגיע און דער רמב״ם.

מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט די יידישע וועלט אין אייראָפּע, געפייערט דעם 800־סטן געבורטסטאָג פון דעם רמב״ם. דאַמאָלס (1935) האָב איך אין פּוילן, (דראָהאָ־ביטש־באָריסלאַוו) אָפּגעדרוקט אין דער פּוילישער שפּראַך, א גרעסערע ארבעט וועגן רמב״ם, אונטער דעם טיטול: „מאַימאָנידעס״. דאָס בוך געפינט זיך אין די בי־בליאָטעקן פון אַמעריקע און ישראל.

טראָץ אַלעם — דאַכט זיך — האָבן סתם יידן נאָך אַלץ א גאָר שוואַכן באַגריף וועגן דעם, וואָס דער רמב״ם איז געווען און וואָס ער האָט געשאַפן פאַר אַלע דורות אין אַלע צייטן.

דער למדן און דער תלמיד חכם ווייסט און פילט, אַז דער רמב״ם איז דער, וואָס: ממשה ועד משה לא קם כמשה; פון משה רבינו ביז צו רבינו משה בן מיימון איז ניט געווען נאָך איינער אַזוי גרויס ווי ער. דאָס מיינט, אַז דער רמב״ם שטייט דירעקט ביי דער זייט פון משה רבינו. די לומדישע וועלט לערנט און שטודירט כסדר די ספרים פון רמב״ם און מאַטערט זיך צו פאַרענטפערן יעדער פאַרוויקלטע הלכה אין זיינע ספרים. נישטאָ קיין מחבר פון קיין תלמודיש ספר, וואָס זאָל אין זיין ווערק נישט ברענגען דעם רמב״ם. די ספרים פון דעם רמב״ם,

זענען פארבליבן דער פונדאמענט, אויף וועלכן דאס יידי־שע פאלק לעבט און עקזיסטירט. אבער דעם סתם ייד, דער ווייסט בלויז, אז עס איז געווען א רמב"ם. וואס דער רמב"ם האט געשריבן? וואס האט ער געשאפן און וואס האט ער געלייסטעט? פון דעם, ווייסט דער המון גאר ווייניק. עס איז פאראן נאך א סיבה דערצו. כמעט אלע ספרים און אפהאנדלונגען וועגן דעם רמב"ם, זענען הויפטזעכלעך געשריבן געווארן אין פארשידענע לשונות פון דער וועלט. דאקעגן אין יידיש מאמע־לשון, איז זייער ווייניק דא וועגן דעם רמב"ם. אונדזערע יידי־שע אינטעלעקטואלן שרייען טאג איין טאג אוים: יידיש! יידיש! עס איז אבער דאך נישט מער, ווי א קליינער אינטערעס אריינצוברענגען אין יידישער שפראך, אמת־דיק, קערנדיק יידיש וויסן. מען באטראכט פאר וויכטי־קער צו איבערזעצן אין יידיש פארשידענע ביכער פון פרעמדע גויאישע גדולים. פאקטיש איז פיל וויכטיקער צו געבן אין יידיש, די שאפונגען פון אונדזערע אייגע־נע, גרויסע דענקער אין אלע צייטן, עס איז זייער וויכ־טיק צו איבערגעבן דעם גאנצן יידישן פאלק, אין זיין שפראך, זיינע אייגענע, היסטארישע קולטור־ווערטן. דערפאר האלט איך, אז צו שרייבן וועגן רמב"ם אין יידיש, איז פיל וויכטיקער, ווי דאס איבערזעצן פון פרעמ־דע, מכלומר'שט קולטור וואגיקע, ביכער, אדער אפילו פון די פארשידענע ביכער מיט לידער, מעשות און דער־ציילונגען, וואס דרוקן זיך כסדר ביי אונדז אין יידיש.

דאָס, האָט מיך באַוויגן אָנצושרייבן אַ קליינע בי־בליאָגראַפישע ארבעט, וועגן דעם, וואָס דער רמב״ם האָט געשאַפן אין דער, פאַרהעלטנישמעסיק קורצער, צייט פון זיין לעבן. אַלע ווייסן דערפון, אַז דער רמב״ם איז געווען אַ טיפער, געניאַלער דענקער. מען ווייסט אויך, אַז אַלעס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן איז סולת נקיה; דאָס הייסט, אַז אַלע זיינע ספרים זענען מייסטער ווערק פון אינהאַלט און פאָרם. מען ווייסט אָבער זייער ווייניק פון דעם, אַז דער רמב״ם איז געווען צוגלייך אַ יחיד במינו אין דער צאָל פון ספרים, וואָס ער האָט אָנגע־שריבן. אין די זיבעציק יאָר פון זיין לעבן, האָט ער אָנ־געשריבן אַזוי פיל ספרים, אַז עס איז ממש נישט מעגלעך צו באַגרייפן, פון וואַנען ער האָט גענומען אַזוי פיל צייט פאַר זיי.

ווי באַקאַנט האָט דער רמב״ם געטראָגן אויף זיין קאָפּ דריי קרוינען פון דריי וויסנשאַפטלעכע צווייגן: די קרוין פון תורה, די קרוין פון חכמה און די קרוין פון מעדיצינישע קענטניסע. אויף די אַלע דריי געביטן האָט ער באַלאַנגט צו די גרעסטע פון אַלע דורות. ער איז געווען דער גרעסטער גאון און פוסק פון אַלע צייטן; ער איז געווען דער גרעסטער פילאָזאָפישער דענקער און מעדיצינער אין זיין צייט. ווען מען באַטראַכט דעם רי־זיקן אוצר פון ספרים, וואָס ער האָט נאָך זיך געלאָזן אויף אַלע די דריי וויסנשאַפטלעכע געביטן, מוז מען בלייבן שטיין דערשטוינט און פאַרוואונדערט; מען מוז

זיך פרעגן: ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז איין מענטש זאָל, אין אַזאַ קורצער צייט, האָבן געקענט אַזוי פיל אָנשרייבן? פון וואַנען האָט ער גענומען, פשוט די פיזי־שע כוחות דערצו?

מען מוז דערביי געדענקען, אַז דאָס לעבן פונם רמב״ם איז געווען פול מיט שווערע פרופונגען, מיט שטורמען און וואַנדערונגען. ער האָט געלעבט אין אָרעמ־קייט, אין עלנט און פיין. אַ סך יאָר האָט ער געמוזט זייער שווער אַרבעטן, כדי אויפצוהאַלטן זיין אייגענע משפחה און אויך די משפחה פון זיין, טראַגיש אומגע־קומענעם ברודער דוד.

ווען מען גיט זיך נאָך אָפּ אַ רעכענונג, אַז דער רמב״ם האָט געלעבט אין אַ צייט, ווען קיין געדרוקטע ביכער האָבן נאָך נישט עקזיסטירט; קיין ביבליאָטעקן ווי היינט זענען נישט געווען. פון קיין ענציקלאָפּעדיעס האָט מען בכלל נאָך נישט געוווסט. דאָס גאַנצע וויסן האָט מען דאַמאָלס געמוזט שעפּן פון האַנטשריפטלעכע מקורות, וואָס האָט פאַרלאַנגט אומגעהויער פיל צייט, מוז מען פשוט בלייבן, ווי פאַרגאַפּט צו קענען פאַרשטיין, ווי אַזוי איז עס געווען מעגלעך אַזוי פיל צו לייענען, אַזוי פיל צו שטודירן און אַזוי פיל צו שרייבן און דאָס, אויף אַזוי פיל פאַרשידענע שווערע געביטן פון וויסן.

דערפאַר איז עס זייער וויכטיק צו וויסן, וואָס דער רמב״ם האָט אין זיין לעבן געשאַפן.

— 2 —

1) צוערשט האט דער רמב״ם אנגעשריבן דאס גרויסע בוך „פירוש המשניות״. אין דעם בוך האט ער זיך געשטעלט די אויפגאבע:

א) אויסצוטייטשן די משניות און מאכן פארשטענדלעך דעם טעקסט פון דעם ריזיקן ספר ששה סדרי משנה.

ב) ארויסברענגען שוין אין דער משנה אליין דעם דין, כדי צו וויסן די הלכה. ג) אז דער פירוש זאל פארהעלפן צו פארשטיין די גמרא, אזוי אז אן אנפאנגער זאל נאך דעם לערנען די משנה מיט דעם פירוש, זיך בעסער אריענטירן אין דער שקלא וטריא פון דער גמרא. ד) אז דער וואס האט געלערנט די גמרא און קען זי, זאל דורך דעם פירוש האבן דעם תמצית און אינהאלט פון דער גמרא פאר זיינע אויגן און קענען לייכטער געדענקען דאס גאנצע.

דער רמב״ם שרייבט אין דער הקדמה צו דעם פירוש: „פרעגט דעם גרעסטן גאון, ער זאל אייך זאגן דעם דין פון דער משנה, וועט ער עס נישט באוויזן, סיידן ער געדענקט די גאנצע גמרא פון אויסענווייניק. און אפילו ווען ער געדענקט די גמרא, וויים ער בלויז די קשיות מיט די תירוצים; די דיסקוסיעס און דערקלערונגען, אבער ריין דעם דין, ווייסט ער נישט. דער פירוש, גיט אים באלד קלאר יעדע הלכה״.

שוין אין דעם ספר זעט זיך די גרויסע גאונות פון רמב״ם ז״ל; זיין זיכערקייט אין דעם גרויסן תלמודישן

לאַבירינט און דאָס ריינע, קלאָרע אַרויסברענגען פון ידיעת ההלכה.

דער ספר איז געשריבן געוואָרן אין אַראַביש, דער־פאַר, אַז אפילו דער פּראָסטער עולם, וועלכער האָט דאַמאָלסט גערעדט אַראַביש, זאָל אויך קענען פאַרשטיין און וויסן די דינים און די הלכות פון דער משנה. דער רמב״ם האָט שפּעטער שטאַרק חרטה געהאַט, וואָס ער האָט דעם ספר נישט געשריבן אין לשון הקודש.

דער ספר איז איבערזעצט געוואָרן אין העברעאיש אין פאַרשידענע צייטן פון פאַרשידענע מחברים. אזוי איז דער סדר זרעים איבערזעצט געוואָרן פון רבי יהודה אלחריזי, דער סדר מועד פון רבי יוסף בן אלופלי. דער סדר נשים פון רבינו יעקב בן עכסאי, דער סדר נזיקין פון רבינו שלמה בן יוסף (ה׳ אלפים ס״ג) דער סדר קדשים פון רבינו נתנאל הרופא (ה״א ס״) און דער סדר טהרות איז פון זיין זון רבינו אברהם איבערזעצט געוואָרן. מאַנוסקריפּטן אין אַראַביש און אין העברעאיש, געפונען זיך אין פאַרשידענע ביבליאָטעקן. היינט צו טאָג איז דער פירוש צוגעדרוקט צו יעדער גמרא אין ש״ס.

2) משנה תורה

פיל וויכטיקער און פון אַ סך גרעסערער באַדייטונג איז דאָס גרעסטע ווערק, וואָס דער רמב״ם ז״ל האָט אָנגעשריבן אונטער דעם נאָמען: משנה תורה. דעם ספר האָט ער געשריבן, ווען ער איז שוין געווען אין די מיטע־

לע יאָרן און איז שוין דאַמאָלס געווען באַרימט אַלס גע־לערנטער און פילאָזאָף. צען יאָר האָט געדויערט דאָס אָנ־שרייבן פון דעם בוך, אָבער פאַר דעם, וואָס איז באַ־קאַנט מיט דעם ווערק, איז עס אַ רעטעניש, ווי אַזוי איין מענטש האָט געקענט אָנשרייבן, אין אַזאַ קורצער צייט, אַזאַ ריזן אַרבעט וואָס פאַרלאַנגט ווייניקסטנס אַ פּאָר צענדליק געלערנטע, וואָס זאָלן אַרבעטן אַ פּאָר צענדליק יאָר.

משנה תורה איז געטיילט אין 14 טיילן, דערפאַר האָט עס שפּעטער באַקומען דעם נאָמען: י״ד החזקה; „די שטאַרקע האַנט״. די תורה האָט געזאָגט, אַז משה רבינו האָט געהאַט אַ יד החזקה; אַ שטאַרקע האַנט. אַזוי ווי דער ספר האָט י״ד (14) חלקים און אַזוי ווי דער רמב״ם האָט געהייסן משה, האָט מען דעם ספר אַ נאָמען גע־געבן יד החזקה, כדי צו אַקצענטירן די ענלעכקייט צו משה רבינו.

די לומדישע וועלט רופט דעם ספר, נישט יד החזקה און אויך נישט, משנה תורה, נאָר סתם רמב״ם. מען האָט דאָך, נישט געוואָלט זיך באַדינען, אפילו לגבי דעם רמב״ם, מיט אַן אויסדרוק, וואָס איז צוגעשריבן צו משה רבינו. סוף סוף גלייבן מיר, אַז צו משה רבינו איז קיין גלייכן נישט געווען און עס וועט נישט זיין. דערפאַר איז קיינער נישט באַרעכטיקט, זיך צו באַדינען מיט מיטלען פון משה רבינו.

דעם ספר האָט דער רמב"ם געשריבן אין העברעאיש. די שפּראַך איז מייסטערהאַפט, קורץ און שאַרף, אָן איבעריקע ווערטער. דער סטיל איז פון אַ שטרענגען געזעצבוך, וואָס לאָזט נישט איבער קיין שום מיספאַר־שטענדעניש, אָדער צווייִדייטיקייט.

דאָ זעט זיך אַרויס די געוואַלדיקע קראַפט פון דעם רמב"ם אויף דעם געביט פון סיסטעמאַטיק און אָרדע־נונג. דער ספר איז געניאַל, לויט זיין געבוי, מיט זיין סדר, זיין פּלאַן, זיין אינהאַלט און זיין שפּראַך. ער איז וואונדערלעך אין זיין אויסגעהאַלטנקייט, אין זיין גאַנצ־קייט, אין זיין איינהייטלעכקייט און אין זיין פאַלשטענדי־קייט. מען זעט פאַר זיך אַ מייסטער אַרכיטעקט, וועל־כער האָט אַלעס פון פריער אויסגערעכנט און אויסגע־פּלאַנעוועט; מען זעט, אַז ער האָט פאַר זיינע גייסטיקע אויגן געהאַט דעם גאַנצן בילד פון דער געביידע, נאָך איידער ער האָט זי אָנגעהויבן בויען. ער האָט אין זיין פענאָמענאַלן זכרון אַרום גענומען דעם גאַנצן תלמוד בבלי און ירושלמי, דאָן ספרא, ספרי, תורה כהנים, מכילתא, מדרשים און די ספרים פון די גאונים, מיט אלפסי און ר"י בן מיגש. דעם גאַנצן מאַטעריאַל האָט ער דורכגענומען, סאָרטירט און אַרויסגעגעבן אַ ווערק, וואָס וועט אייביק שיינען אין דער תלמודישער ליטעראַטור.

דער ספר האָט טאַקע באַלד געמאַכט אַ געוואַלדיקן רעש און איז שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן אין דער יידיש לומדישער וועלט. עס איז איבערשריבן געוואָרן אין אַ סך

עקזעמפלארן און איז צענדליקער מאל שפעטער איבער־דרוקט געווארן: אין ווענעדיק (1542) אין אמסטערדאם (1062) און דאן, אין כמעט אלע לענדער פון אייראפע. דער ספר, וואס האט געהאט די אויפגאבע, צו דערלייכטערן און צוגענגלעך צו מאכן די דינים פון תלמוד, אין א קורץ געפאסטן בוך, איז פון יאר צו יאר געווארן דיקער און שטארקער, אזוי אז היינט צו טאג פארנעמט ער פיל הונדערטער פון בלעטער. ס׳זענען געוואקסן די קאמענטארן צום ספר און דער קלארער טעקסט איז פארוואנדלט געווארן אין א מקור פון פארשידענע, נייע פארוויקלונגען און פראגן, וועלכע זענען ביז היינט נאך נישט גרינטלעך דערקלערט געווארן. אין 17טן יארהונדערט זענען פארשידענע טיילן פון דעם ספר, אויך איבערגעזעצט געווארן אין אנדערע שפראכן, אין לאטייניש, שפאניש, דייטש און ענגליש.

3) מורה נבוכים

זיין הויפט ווערק אין פילאזאפיע, וואס ער האט פארענדיקט אין דעם עלטער פון 56 יאר. דער ספר איז נישט געשריבן פאר דעם פשוטן פאלק, אויך נישט פאר די, וועלכע זענען אוועק פון אמונה, נאר פאר יענע, וואס זענען פילאזאפן און צוגלייך בעלי אמונה, אבער זיי געפינען זיך אין א פאלעגנהייט; זיי קענען נישט פאראייניקן די פילאזאפיע מיט דער אמונה. דער ספר איז איינגעטיילט אין 3 טיילן.

דער ערשטער טייל דערקלערט די האמאנימעשע באדייטונגען פון פארשידענע העברעאישע ווערטער. דער רמב״ם ווייזט אויף, אז העברעאישע ווערטער קע־נען האבן פארשידענע טייטן. ער באקעמפט אויף דעם שארפסטן אופן אלע פרובן צו פארמענטשלעכן די ג־ט־הייט. אלע אנטראפאמארפיסטישע און אנטראפאפאטי־שע אויסדרוקן אין דער תורה, דייטעט דער רמב״ם, אלס אלעגאריש אנגעווענדעט צו דער ג־טהייט, כדי מענטשן זאלן קענען פארשטיין. קיינמאל טאר מען נישט נעמען די ווערטער בוכשטעבלעך; מען טאר נישט צולאזן אין אמונה אפילו דעם מינדסטן שפור פון גשמיות, אדער פון די פארשפרייטע פאלקסטימלעכע פארשטעלונגען, וועגן דעם בורא. אויך רעדט דער רמב״ם דארט פון פאזיטי־ווע און נעגאטיווע אטריבוטן פון דער ג־טלעכקייט; פון מציאות און אחדות השם און א. וו.

דער צווייטער טייל רעדט פון בריאת העולם. ער באקעמפט די שיטה פון קדמות העולם און באגרינדעט די נייי־שעפפונג פון דער וועלט, מיט פילאזאפישע און אס־טראנאמישע ראיות. ער רעדט אויך פון דער שייכות פון ג־ט צו דער וועלט.

דער דריטער טייל רעדט פון דער פארהעלטעניש צווישן מענטש און ג־ט. ער באהאנדלט דעם ענין פון נבואה און רעדט פון מצוות און עבירות. ער דערקלערט די עטיק און מאראל פון דער תורה און באהאנדלט אויך די פראגע פון דעם פרייען ווילן פון מענטש.

דאָס וואָס דער רמב״ם האָט די פראגן געשטעלט אין דעם דריטן טייל פון זיין גרויסן בוך ווייזט בולט, אַז פילאָזאָפיע איז פאַר אים נישט געווען קיין ציל, אָן און פאַר זיך, נאָר אַ מיטל, ווי אַזוי צו דערגרייכן די העכסטע מענטשלעכע דערקענטעניש, וואָס איז נבואה. וואָס מער מען פאַרטיפט זיך אין מעטאַפיזישע פּראָבלעמען, אַלץ מער פאַרגעסט מען אין דער גשמיותדיקער וועלט, מיט אירע תאוות מען דערנענטערט זיך אַלץ מער צו דעם העכסט שטאַפּל פון מענטשלעכער פאַלקאָמענהייט און דאָס איז: נבואה. אויף פאַרשידענע שטעלן דייט דער רמב״ם אָן, אַז זיין ציל איז תמיד געווען צוצוקומען צו דער מדרגה, פון נבואה, וואָס איז דאָס העכסטע, וואָס אַ מענטש קען דערגרייכן. צוצוקומען צו דער העכסטער מדרגה קען מען נאָר דורך תיקון הנפש, וואָס קומט פון דעם, וואָס מען לעבט עטיש על פי חוקי התורה.

דער בוך איז געשריבן געוואָרן פון דעם רמב״ם ז״ל אין אַראַביש און איז איבערזעצט געוואָרן אין העברע־איש צוויי מאָל: אין מאָל פון אבן תבון, נאָך ווען דער רמב״ם האָט געלעבט. און האָט די איבערזעצונג אַליין דורכגעקוקט. אַ צווייט מאָל פון אלחריזי.

דער בוך איז איבערזעצט אין אַ סך שפּראַכן און איז גענוצט געוואָרן פון כמעט אַלע דענקער און פילאָ־זאָפן פון דער גאַנצער וועלט.

4) פירוש על מסכתות

אויף עטלעכע מסכתות פון ש״ס האָט דער רמב״ם געשריבן אַ קאָמענטאַר און דערקלערט פאַרשידענע שווערע שטעלן אין די מסכתות. אויך דעם ספר, האָט ער געשריבן אין אַראַביש און ער איז ביז היינט נישט אי־בערזעצט אין העברעאיש. ווי ביבליאָגראַפן גיבן אָן, געפינט זיך דער מאַנוסקריפּט אין דער ביבליאָטעק פון מאַנטוא.

5) ספר המצוות

אין דער גמרא הייסט עס, אַז אין אונדזער תורה זע־נען פאַראַן תרי״ג מצוות. דאָס הייסט, אַז אויף דעם באַרג סיני האָט ג־ט ב״ה געגעבן צו משה רבינו 613 געזעצן. פון זיי זענען 248 געבאָטע, וואָס דער יוד איז מחוייב צו טאָן, און 365 פאַרבאָטע, וואָס דער ייד טאָר נישט טאָן. אין דער גמרא איז אָנגעגעבן בלויז, די רונדע צאָל, די סומע. אָבער, ווי אַזוי די צאָל שטעלט זיך צו־זאַמען, איז נישטאָ קיין אָנדייט. פאַרשידענע יידישע דענקער, פאַר דעם רמב״ם, האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו קענען גענוי פעסטשטעלן, וועלכע מצוות גייען אַריין אין דעם חשבון, און וועלכע נישט. עס איז קיין אייניקונג נישט געווען. דער רמב״ם האָט דאָ אַרויסגעוויזן זיין שטאַרקייט און גרויסקייט אין דעם הלכה׳שען טייל פון תלמוד. ער האָט פעסטגעשטעלט 14 רעגעלען, לויט

וועלכע מען קען אריינרעכענען א געבאט אין דער צאל פון די 613 מצוות.

דער ספר איז געשריבן געוואָרן אין אראביש. א מאנוסקריפט פון אים, געפינט זיך ביז היינט אין דער ביבליאָטעק פון אָקספאָרד, ענג. ער איז איבערזעצט גע־וואָרן אין העברעאיש צוערשט פון רבי שלמה אבן טוב, דאַן פון רבי משה אבן תבון. צום ערשטן מאָל איז דער ספר געדרוקט געוואָרן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין יאָר 1517, דאַן אין 1660 אין אַמסטערדאַם. שפּעטער איז ער אַ סך מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין פאַרשידענע ער־טער אין אייראָפּע.

דער ספר אלס איינער פון די וויכטיקסטע ספרים אין הלכה, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פּאָלעמיק אין דער רבנישער וועלט. שוין דער רמב״ן, וועלכער האָט געלעבט באַלד נאָך דעם רמב״ם, האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ ספר מיט השגות, אין וועלכן ער באַמיט זיך נאָכ־צווייזן פאַרשידענע פעלער, וואָס דער רמב״ם איז באַ־גאַנגען. אָבער דאַן זענען געקומען שפּעטערע גאונים און זיי האָבן פאַרטיידיקט די מיינונגען פון רמב״ם. עס איז אַנשטאַנען בנוגע צו דעם ספר אַ גאַנצע ליטעראַטור פון פּראָ און קאָנטראַ. אין אונדזערע צייטן האָט דער באַוווסטער גרויסער גאון און געלערנטער ר׳ חיים העלער (היינט אין ניו־יאָרק) אַרויסגעגעבן אַ נייע אויסגאַבע פון דעם ספר מיט פאַרשידענע באַלייכטונגען, וואָס מאַכן

קלאָר אַ סך שטעלן, וועלכע זענען הונדערטער יאָר געווען אומפאַרשטענדלעך.

6) שלש עשרה עקרים

דער רמב"ם איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך פאַרטיפט אין די יסודות פון דער יידישער אמונה און האָט אויסגעפונען, אַז די פונדאַמענטן פון דעם יידישן גלויבן, לאָזן זיך צונויפשטעלן אין 13 פונקטן. ער איז אָבער געווען זייער שטרענג, בנוגע צו זיין טעאָריע באַהויפטנדיק, אַז אויב אַ ייד גלייבט נישט אין איינעם פון די 13 פונקטן, שליסט ער זיך אויס פון כלל ישראל. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן קאַמף ביי די שפּעטער־דיקע יידישע דענקער. מאַנכע האָבן בכלל נישט געהאַלטן פון פאַרמולירן די יידישע אמונה, אין גרונט פּרינציפּן. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז נישט אַלע 13 זענען גלייך בינדענד פאַר יעדן ייד. יעדאָך זענען די 13 עיקרים שפּעטער, אין קורצן פאַרמולירט, אַריין אין סידור, אַלס די „אני מאמין"ס, וואָס יידן זאָגן יעדן טאָג נאָך דעם דאַוונען.

די י"ג עיקרים זענען פון רמב"ם געשריבן געוואָרן אין אַראַביש. דאַן זענען זיי איבערזעצט געוואָרן אין העברעאיש פון אבן תבון. זיי זענען אויך איבערזעצט געוואָרן אין לאַטייניש פון מינסטער אין וואָרמס 1629 און פון פאַגיוס אין 1640.

7) ספר היחוד

דער ספר רעדט פון דער איינציקייט פון ג־ט. מיט פאַרשידענע דיאַלעקטישע ראיות, ווייזט דער רמב״ם ז״ל אין דעם ספר, אַז פּאַליטעאיזם איז אַ פאַלשע אידעע; אַז ג־ט ב״ה איז אחד יחיד ומיוחד ואין יחידות כמוהו בשום פנים. אויך דעם ספר האָט דער רמב״ם ז״ל געשריבן אין אַראַביש און ער איז דאַן איבערזעצט געוואָרן אין העב־רעאיש פון רבי יצחק בן נתן.

אַ מאַנוסקריפּט פון דעם ספר געפינט זיך אין וואַטי־קאַן אין רוים.

8) מאמר תחיית המתים

אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער אמונה אין תחיית המתים. דער רמב״ם טיילט איין די אמונה אין 3 טיילן. ער רעדט קודם פון ימות המשיח; ווי אַזוי עס וועט דאַמאָלס אויס־זען. דאַן פון השארת הנפש, נאָך דעם אָפּשטאַרבן פון מענטש. דאַן פון תחיית המתים, וואָס מיינט די ווידער אויפשטייאונג פון דעם טויטן קערפּער, אויך דער ספר האָט אַרויסגערופן גרויסע פּאָלעמיקס, מצד שפּעטערע גרויסע דענקער, ווי דער רמב״ן און דער רשב״א.

דעם ספר האָט דער רמב״ם געשריבן אין אַראַביש און איז איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעאיש פון רבי שמואל אבן תבון. צום ערשטן מאָל געדרוקט אין ווענע־דיק 1601 און דאַן אין פאַרשידענע אַנדערע פלעצער פון

אייראָפּע. ער איז אויך איבערזעצט געוואָרן אין לאַטיי־
ניש פון פלאַוויוס מיטרידאַטעס. אַ מאַנוסקריפּט פון אים
געפינט זיך אין וואַטיקאַן.

9) „אגרת תימן"

איינס פון די באַרימסטע און וואונדערלעכסטע ווערק
פון דעם רמב"ם ז"ל, איז דער אגרת תימן. יידן אין תימן
האָבן זיך דאַמאָלס געפונען אין אַ שרעקלעכער לאַגע,
נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן. די הערשער פון תימן האָבן
געצווינגען יידן, אָנצונעמען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן.
די צרות זענען געווען שרעקלעך. פון איין זייט די עי־
נויים קשים פון אַ יידישן משומד, וואָס האָט אפילו נאָכ־
געוויזן מיט ראיות פון דער תורה, אַז מחמעד איז דער
ריכטיקער נביא. פון אַ צווייטער זייט אַ פאַלשער משיח,
מיט דעם נאָמען: אל ראי, וועלכער האָט אויפגעוויזן,
אַז די צרות זענען די חבלי משיח, און אַז ער איז, דער
ריכטיקער משיח. (לאָרד ביקאָנספילד האָט אויף דעם
אָנגעשריבן אַ באַקאַנטן ראָמאַן) אין זייער פאַרצווייפלונג
האָבן זיך די יידן געווענדעט צום רמב"ם ז"ל. אין מאָ־
מענטן פון שווערע נאַציאָנאַלע קריזיסן האָבן יידן תמיד
געמוזט האָבן מוטיקע דענקער, וועלכע זאָלן זיין פעאיק
צו נעמען אויף זיך די היסטאָרישע שליחות, צו העלפן
די בלאָנדזשדיקע, צו געפינען דעם ריכטיקן וועג. דערצו
האָט זיך געניטיקט אַ דענקער מיט אַ סך מוט, מיט אַ

טיפן גלויבן אין פאָלק און צוגלייך אַ גלויבן אין זיך אַליין. דער רמב״ם ז״ל האָט זיך אין דעם ווערק אַרויס־געשטעלט, אַלס דער אמתער, ריכטיקער, גייסטיקער פי־רער און מוטיקער קעמפער פאַר יידישקייט. ער שרייבט צו די תימנער יידן מיט הארץ און מיט אויסערגעוויינ־לעכער אמונה און בטחון. ער טרייסט זיי; ער ראָט זיי, נישט צו פאַרלירן זייער האָפענונג; ער פאַרזיכערט זיי, אַז יידן זענען אויס דערוויילט פון ג־ט; אַז דער עתיד וועט פאַר דעם יידישן פאָלק, זיין אַ גלענצנדער. זיי זאָלן נישט הערן דעם משומד, וועלכער איז גאַר נישט נאָר אַ פאַרקויפטע נשמה צו די ישמעאלים, וועגן דעם משיח שרייבט ער זיי, אַז ער איז אוודאי אַ משוגענער. מען קען נישט באַשולדיקן קיין קראַנקן אין דעם, וואָס ער איז אַ קראַנקער. אויך די וואָס גלויבן אין אים זיינען נישט שולדיק, ווייל די צרות און יסורים האָבן זיי צו דעם געבראַכט. דאַן ראָט ער זיי, צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אויסצוואַנדערן אין לענדער, ווי זיי וועלן קענען פריי זיין יידן. דער בריוו האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע ווירקונג; יידן פון תימן האָבן דאַן אָנגעהויבן צו באַ־טראַכטן דעם רמב״ם, אַלס אַ הייליקן און פלעגן לאַנג נאָך זיין טויט, דערמאָנען זיין נאָמען אין זייערע תפילות.

„אגרת תימן״ איז געשריבן געוואָרן אין אַראַביש. מאַנוסקריפטן געפונען זיך אין פאַרשידענע ביבליאָטעקן. אין העברעאיש איז דער אגרת תימן איבערזעצט גע־

וואָרן פון רבי נתן, אונטער דעם טיטול „פתח תקוה", דאַן איז ער פון רבי יוסף מקנדיא געדרוקט געוואָרן אין באַזעל 1669, מיט באַמערקונגען און הערות.

10) אגרת לחכמי מרסליא

אַ בריוו צו די חכמים פון מאַרסעיל. דער רמב"ם האָט אין דעם בריוו פאַרטיידיקט זיין גרויסן ספר משנה תורה, וועלכער איז געוואָרן אַזוי פאַרשפּרייט, אַז ער איז געקומען ביז קיין מאַרסעיל. די חכמים פון דאָרט, האָבן נישט מסכים געווען מיט אים אין פאַרשידענע דינים. דער רמב"ם ז"ל האָט אַרויסגעבראַנגט זיין מיינונג קלאָרער און נאָכגעוויזן דעם ריכטיקן שטאַנדפּונקט זיינעם. דער בריוו איז איבערגעזעצט אין העברעאיש פון רבי יוחנן לוי און געדרוקט אין קעלן אין 1564. ער איז אויך איבערזעצט אין לאַטייניש פון רבי יצחק לע־וויטאַ. דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין דער באָדע־ליאַנישער ביבליאָטעק. ער ווערט אויך גערופן קורץ: **א ג ר ת ה ר מ ב " ם.**

11) א ג ר ו ת ה ר מ ב " ם

אַ גאַנצע זאַמלונג פון בריוו, געשריבן פון רמב"ם און פון אַנדערע וועגן רמב"ם. די זאַמלונג איז צונויפגע־שטעלט געוואָרן נאָך דער פטירה פון דעם רמב"ם. אין אַראַבישער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין דער באָדעליאַ־נישער ביבליאָטעק. העברעאיש איז דאָס ספר צום

ערשטן מאָל דערשינען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין 1522. שפּעטער איז די זאַמלונג אַ סך מאָל געדרוקט געוואָרן אין פאַרשידענע פּלעצער. אַ געוויסער פּעליקאַן, האָט דעם ספר איבערזעצט אין לאַטייניש. עס געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק אין זוריגאַ.

12) מאמר קידוש השם

דער רמב״ם ז״ל האָט געוואוסט, ווי אַזוי אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון קידוש השם. אָבער ווען ער האָט געזען, אַז גאַנצע קיבוצים שטיין פאַר דער סכנה פאַרניכטעט צו ווערן און אומצוקומען אויף קידוש השם, האָט ער די פראַגע באַהאַנדלט פון שטאַנדפּונקט פון הלכה. ער האָט קודם באַטראַכט געגנוי אין וואָס עס האַנדלט זיך. אַ געוויסע פאַנאַטישע מאַכמעדאַנישע סעקטע, וואָס האָט דאַמאָלס רעגירט אין אַ טייל פון שפּאַניע האָט געצוואונגען די איינוווינער אָנצונעמען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן. דאָס אָננעמען פון דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט געדאַרפט צו אָנערקענען, אַז מחמד איז געווען אַ נביא פון ג־ט. אויב מען האָט אַזאַ דערקלערונג נישט געוואָלט אָפּגעבן, האָט מען געפּייניקט און געמאָרדעט. דער רמב״ם ווייזט אויף אַז אָפּגעבן אַזאַ דערקלערונג שליסט נישט אויס פון יידנטום, ווייל יעדער ווייסט, אַז דער ייד מיינט דאָס נישט ערנסט. דערפאַר איז אַזוי: ווען עמיצער לאָזט זיך אומברענגען און וויל אַזאַ דערקלע־

רונג נישט אָפּגעבן, איז זיין שכר זיכער גרויס. אָבער װען איינער קומט פרעגן אַ שאלה, זאָל מען אים ענט־פערן: ער זאָל זיך נישט לאָזן הרגענען, נאָר לפּנים די דערקלערונג אָפּגעבן. אָבער ער זאָל נישט בלייבן מער אין דעם לאַנד, נאָר באַלד אַװעק אין אַזאַ לאַנד, װו ער װעט קענען זיך אויסלעבן אין יידישן גייסט. אַלץ זאָל אַ ייד פאַרלאָזן, שרייבט דער רמב״ם דאָרט, נאָר כדי צו קענען לעבן על פּי תורה. תורה לעבן איז דאָס טײ־ערסטע פאַר אַ ייד.

מאמר קידוש השם איז איבערזעצט געװאָרן אין פיל שפּראַכן. אַ סך מאַנוסקריפּטן זענען פאַראַן אין פאַר־שידענע ביבליאָטעקן.

13) שאלות ותשובות להרמב״ם

פאַרשידענע פראַגן זענען דעם רמב״ם געשטעלט גע־װאָרן פון רבנים פון דער גאַנצער יידישער װעלט. דער רמב״ם האָט אויף די אַלע פראַגן געענטפערט. די זאַמ־לונג פון אַזעלכע אַנטװאָרטן איז צום ערשטן מאָל גע־דרוקט געװאָרן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין 1536. שפּע־טער איז די זאַמלונג פריש איבערזעצט געװאָרן אין הע־ברעאיש פון רבי מרדכי טהאמא. עס זענען צוגעגעבן געװאָרן נאָך אַנדערע בריװ פון רמב״ם און זיי זענען אָפּגעדרוקט געװאָרן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1557, אונ־טער דעם נאָמען: פּאַר הדור.

14) דרשות להרמב״ם

דאָס ספר איז נישט בנמצא אין ערגעץ. אָבער דער רמב״ם אליין אין זיין פירוש המשניות אין סנהדרין פרק חלק ברענגט, אז ער האָט אזא ספר אָנגעשריבן.

15) שמונה פרקים להרמב״ם

איינס פון די באַרימטסטע ספרים פון דעם רמב״ם איז דער שמונה פרקים. אין דעם קליינעם, אָבער זייער אינ־האַלטרייכן ספר, דערקלערט דער רמב״ם די גייסטיקע אייגנשאַפטן פון דעם מענטש. ער רעדט וועגן דער מענטשלעכער נשמה, וועגן דעם ציל און דעם זין פון דעם מענטשלעכן לעבן און בעיקר וועגן די מאָראַלישע און עטישע פליכטן פון אַ מענטש.

דער ספר שמונה פרקים איז געשריבן געוואָרן פון רמב״ם אין אַראַביש. רבי שלמה בן יעקב האָט אים איבערזעצט אין העברעאיש. ער איז צוגעגעבן צו דער מסכת אבות אין תלמוד. דער ספר איז איבערזעצט אין זייער אַ סך שפּראַכן און איז זייער באַקאַנט.

16) סדר עולם

דער ספר באַהאַנדלט די תלמודישע לאָגיק. ווי באַ־קאַנט האָבן די תנאים פעסגעשטעלט: י״ג מדות שהתורה נדרשת בהן; 13 מעטאָדן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַדינט, כדי אַרויסצוברענגען קלאָר די מיינונגען און הל־כות פון דער תורה. אין דעם ספר דערקלערט דער

רמב״ם אלע מעטאָדן פון תורה שבעל פה און זייערע אָנווענדונגען. דער ספר איז היינט ליידער נישטאָ. אָבער רבינו שלמה אלגזי ציטירט אים. אויך דער שיטה מקובצת און דער קורא הדורות ברענגען דעם ספר.

17) מלות הגיון

דער ספר באַהאַנדלט די פּרינציפּן פון לאָגיק. אין דעם ספר האָט דער רמב״ם צום ערשטן מאָל דערקלערט פאַרשידענע אַראַבישע און גריכישע, טעכנישע אויסדרוקן, וועלכע ווערן גענוצט אין פילאָזאָפיע. דער רמב״ם גיט אָן די העברעאישע ווערטער, וועלכע פּאַסן זיך פאַר די אויסדרוקע. דער ספר איז געשריבן אין אַראַביש און איז איבערזעצט געוואָרן פון רבינו משה אבן תיבון אין העברעאיש. צום ערשטן מאָל איז דער ספר געדרוקט געוואָרן אין ווענעדיק 1550, מיט 2 פירושים. שפּעטער איז דער ספר זייער אַ סך מאָל געוואָרן איבערגעדרוקט. משה מענדעלסאָן האָט אין 1874 אַרויסגעגעבן דעם ספר אין בערלין, מיט אַ גאָר ברייטן פירוש. דאַן איז דער ספר געדרוקט געוואָרן אין דייטש, אין ווין 1822.

18) אלמאגעסט

אַזוי האָט געהייסן אַ געוויס אַסטראָנאָמיש בוך פון פּטאָלאָמעאוס. דער רמב״ם האָט אויף דעם בוך אָנגעשריבן אַ קאָמענטאַר און דערקלערט פאַרשידענע אַסטראָנאָמישע פּראָבלעמען. רבי עזריה אין זיין באַרימטן

ספר „מאור עינים״, ברענגט דעם ספר. ער איז היינט נישט דאָ בנמצא.

19) אביצענא

דער רמב״ם האָט איבערגעזעצט אין העברעאיש כמעט אַלע שריפטן פון דעם באַרימטן אביצענא. אַנדערע באַהויפּטן, אַז דאָס בוך איז נישט געווען בלויז אַן איבערזעצונג, נאָר אַ קאָמענטאַר צו אביצענאס שריפטן. דער מאַנוסקריפּט פון דעם ספר, געפינט זיך ביי די דאָמיניקאַנער אין באָלאָניא. עס איז ביז היינט נאָך נישט געדרוקט געוואָרן.

20) וועגן לייענען. דער רמב״ם האָט אָנגעשריבן אַ בוך און האָט דערקלערט די וויכטיקייט פון לייענען ביכער. אויך גיט ער דאָרט אָן דעם אופן פון לייענען; ווי אַזוי אַ מענטש דאַרף זיך נוהג זיין ביים לייענען. דער ספר איז געשריבן אין אַראַביש און דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין דער באָדעליאַנישער ביבליאָטעק. דער ספר איז ביז היינט נישט געדרוקט.

* * *

אַ גאַנץ באַזונדער קאַפּיטל פאַרנעמט די ביבליאָגראַפיע פון די ביכער, וואָס דער רמב״ם האָט אָנגעשריבן וועגן מעדיצין.

כדאי צו באַמערקן, אַז פאַקטיש איז דער רמב״ם געווען דער גרויסער יידישער דענקער און גרויסער

רעליגיעזער מנהיג פון יידן. געוואלטיק איז געווען זיין השפעה אין דער יידיש תלמודישער וועלט. אבער אין תוך גענומען איז ער הויפטזעכלעך געווען, אין זיין גאנצן מהות, א דאקטאר, א מעדיצינער. פון אלע וויסנשאפטן, האט ער געהאלטן, איז מעדיצין די וויכטיקסטע. ער שרייבט אויף אן ארט, אז מעדיצין איז וויכטיק פאר יעדן מענטשן, אין יעדער צייט און אין יעדן ארט, נישט נאר דאמאלס, ווען מען איז קראנק, נאר דאמאלס ווען מען איז געזונט. דער רמב״ם האט שוין מיט 800 יאר צוריק געהאט א פארשטענדעניש, פאר דעם פסיכאלאגישן מאמענט פון היילונג. ער האט געהאלטן, אז א געזונטער גוף, הענגט א סך אפ פון א געזונטער נשמה. ער האט פארבונדן די עטיק און די מאראל מיט דער הייל-קונסט. עס זענען פארבליבן נאך דעם רמב״ם, זייער א סך מעדיצינישע ווערק, וועלכע זענען איבערזעצט געווארן אין לאטייניש, שפאניש, דייטש, פראנצויזיש און ענגליש.

21) הנהגת הבריאות

אין לאטייניש הייסט עס: „טראקטאטוס דע רעגימינע סאניטאטים״. די הויפט טעזע פון דעם בוך באשטייט אין דעם, אז ווען מענטשן וואלטן געוווסט די נאטירלעכע סבות פון קראנקהייטן, וואלטן זיי נישט געדארפט קיין רפואות און זיי וואלטן זיך געקענט אויסהיטן פון קראנקייטן. דערפאר דארף מען וויסן, ווי אזוי זיך אופי־

צופירן אין טאָג טעגלעכן לעבן. מען דאַרף לעבן, לויט געזעצן פון היגיענע און זיך פאַרהיטן פון קראַנק ווערן.

דער ספר איז געשריבן אין אַראַביש און איז איבער־געזעצט געוואָרן אין העברעאיש פון רבי יהודה בן תיבון. דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין דער באָדעליאַ־נישער ביבליאָטעק. אויך אין דער ווינער קאַיזערלעכער ביבליאָטעק. איז געדרוקט געוואָרן אין העברעאיש 1519 אין ווענעדיק, דאַן 1925 אין ליאָן אין לאַטייניש און שפּעטער אין אַנדערע שפּראַכן.

22) אַפאָריזמען פון גאַלענוס

דער ספר באַשטייט פון 25 קאַפּיטלען, וואָס באַ־האַנדלען פאַרשידענע געביטן פון מעדיצין. דאָקטאָר גאַ־לענוס איז געווען אין יענער צייט דער אַמייסטן אָנגע־זעענער דאָקטאָר. אין דעם ספר באַמערקט דער רמב״ם אַ סך טעותים פון גאַלענוס. דער ספר הייסט אין הע־ברעאיש „פּרקי משה״ און איז אַ פּאָר מאָל איבערגע־דרוקט געוואָרן. אין לאַטייניש איז ער דערשינען 1489 אין באָלאָניאַ, דאַן אין 1500 אין ווענעדיק, דאַן אין 1597 אין באַזעל.

23) אַפאָריזמען פון היפּאָקראַטעס

דאָס בוך ברענגט פאַרשידענע טעאָריעס פון היפּאָ־קראַטעס וועגן מעדיצין און קאָמענטירט זיי. אין לאַטיי־ניש איז דאָס בוך געדרוקט געוואָרן אַ סך מאָל. אין

העברעאיש איז ער איבערזעצט געוואָרן פון רבי משה אבן תיבון. דער מאַנוסקריפּט פון דעם בוך געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון וואַטיקאַן אין רוים.

24) ספר הרפואה

אָפּהאַנדלונגען וועגן פאַרשידענע באַזונדערע קראַנקהייטן דער ספר איז געשריבן אין אַראַביש. דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין דער באָדליאַנישער ביבליאָטעק. אין העברעאיש איז דער ספר איבערזעצט געוואָרן פון נתן אמאטהעאוס.

25) דאָס סעקסועלע לעבן פון מענטש

דאָס בוך האָט דער רמב"ם אָנגעשריבן אין אַראַביש, אויף דעם פאַרלאַנג פון דעם עגיפּטישן קעניג סולטאַן סאַלאַדין, ביי וועמען ער איז געווען אָנגעשטעלט אַלס לייב דאָקטאָר. דאָס בוך איז איבערזעצט געוואָרן אין העברעאיש פון רבי זכריה פון באַרצעלאָנאַ. אין לאַטייניש איז עס אָפּגעדרוקט געוואָרן אין קאָפּענהאַגען, אין יאָר 1743.

26) ספר הנמצא

דאָס געפונענע בוך. דער ספר אַנטהאַלט אָפּהאַנדלונגען וועגן מעדיצין און עטיק צוזאַמען. אין העברעאיש איבערזעצט פון אברהם חיון און געדרוקט אין 1596 אין סאַלאָניקי.

27) על המזון

וועגן די שפייזן פון דעם מענטש. וואָס דער מענטש דאַרף עסן און ווי אַזוי ער דאַרף עסן. דער ספר איז אויך געשריבן אין אַראַביש, אויף דעם פאַרלאַנג פון דעם סולטאַן סאַלאַדין. ער איז איבערזעצט געוואָרן אין העברעאיש פון רבי זכריה פון באַרצעלאָנאַ. דאַנטשריפטן פון דעם ספר געפינען זיך אין אַ סך ביבליאָטעקן.

28) וועגן מערידן

דער רמב״ם האָט אין דעם ספר באַהאַנדלט די קראַנקהייט פון עצירות און מערידן. ער גיט אָן גענוי די סימנים פון דער קראַנקהייט און דעם ספּעציעלן היילונגס מעטאָד.

29) וועגן אַסטמאַ

אין דעם ספר באַהאַנדלט דער רמב״ם די קראַנקהייט פון אַסטמאַ. ער דערקלערט, אַז די קראַנקהייט קומט מייסטענטיילס פון אַלערגיעס און גיט אָן דעם ספּעציעלן היילונגס מעטאָד. דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון פּאַריז.

30) וועגן גיפטן און קעגן־גיפטן

דאָס בוך האָט דער רמב״ם אָנגעשריבן, אויף דעם פאַרלאַנג פון זיין פּראָטעקטאָר, דעם גרוים וויזיר פון עגיפּטן: קאַדהי אַלפאַדהיל. אין עגיפּטן, ווי אין אַנדערע

אַפריקאַנישע לענדער, פלעגט זייער אָפט טרעפן, אַז מענטשן זענען געביסן געוואָרן פון פאַרשידענע אינ־סעקטן, רעפּטילן און גיפטיקע שלאַנגען. מען האָט גע־דאַרפט געניי וויסן, ווי אַזוי זיך אויפצופירן, ווען מען איז געביסן געוואָרן. אין ערשטן באַנד פון דעם ספר, פירט דער רמב״ם דורך, אַ גענויע קלאַסיפיקאַציע פון די פאַרשידענע פאָרמען פון פאַרגיפטונג. ער ברענגט די סימנים פון זיי. אין צווייטן באַנד באַהאַנדלט ער גענוי די היילונג פון די פאַרגיפטונגען, פון די אַלע מי־נים אינסעקטן. דער מאַנוסקריפּט פון דעם בוך, געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק דע ראַססי. דער ספר איז אויך איבערזעצט אין העברעאיש.

31) ספר הסיבות. וועגן די אורזאַכן פון די קראַנק־הייטן. געשריבן אין אַראַביש. דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין וואַטיקאַן אין רוים.

32) פראַקטישע מעדיצין

דער אופן פון היילן קראַנקהייטן, אין דעם בוך טרעט דער רמב״ם עפנטלעך אַרויס קעגן די דעמאָלטיקע מעדי־קוס, ליטעראַטוס און מאַגיקער אין מעדיצין. ער טאַדלט זיי אַלע אַלס שווינדלער. ער איז קעגן אַלערליי כיראָמאַנ־טן, מאַגיקער און העל־זעער. אין יענער צייט איז דאָס גע־ווען אַ געוואַלטיק גרויסע געוואַגטקייט, וואָס קיינער האָט

נישט געוואגט, נאָר דער רמב״ם. דער אַראַבישער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין דער באָדליאַנישער ביבליאָטעק. (אָקספאָרד).

33) די ביכער פון גאַלען

דער רמב״ם האָט אָנגעשריבן אַן אויסצוג פון 21 ביכער פון גאַלען און האָט זיי קאָמענטירט מיט פאַרשידענע קריטישע באַגלייטונגען. עס איז דאַמאָלט געווען אַ גרויסע דרייסטקייט אָנצוגרייפן דעם דאָקטאָר גאַלען. דער דאָקטאָר גאַלען איז געווען אָנערקענט, אַלס די גרעסטע אויטאָריטעט אויף דעם געביט פון מעדיצין. דער גאַנצער מיטלאַלטער איז געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון גאַלענס לערע. מען האָט ניט געטאָרט עפּעס ענדערן פון זיינע טעזן. אין דער געשיכטע פון מעדיצין, ווען מען דערמאָנט די נעמען פון היפּאָקראַטעס, גאַלען און אַוויצענאַ, דערמאָנט מען אויך דעם נאָמען פון דאָקטאָר משה מאַימאָנידעס, וועלכער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געוויסנהאַפט קריטיקירט זייערע ווערק.

34) סדר התפילות

דער רמב״ם האָט אויך צוזאַמענגעשטעלט אַלע תפילות, לויט דעם נוסח פון אנשי כנסת הגדולה.

אויסער די ביז אַהער דערמאָנטע ספרים, זענען נאָך

פאַראַן שריפטן פון רמב"ם, וועגן פאַרשידענע פראַגן, וואָס זענען דאַמאָלס פאָרגעקומען. מיר מוזן צוגעבן, אַז מיט פשוטן שכל קען מען באַין אופן נישט פאַרשטיין: ווי אַזוי עס מעגלעך געווען, אַז איין מענטש, אפילו אַזוי גרויס ווי דער רמב"ם, האָט געקענט אַזוי פיל אָנשרייבן. מיט רעכט זאָגן מיר דערפאַר:

„ממשה ועד משה לא קם כמשה".

תכן הענינים

מכתב נשיא הקהלה מר פלדמן	10	9
מכתב בן המחבר הרב יצחק ח. אביגדור	12	11
דברים אחדים מאת המחבר	1	
פלפול בהלכה למרן הרב הראשי בירושלים	24	3
פלפול בהלכה להרב הראשי בת"א	41	25
פלפול בהלכה להרב בוראק בברוקלין	49	43
מזכרת להר' יצחק טעאדאר	50	
מכתבים בהלכה להר' יצחק טעאדאר	59	51

פרשיות השבוע

שמות	67	63
וארא	72	68
בא	77	73
בשלח	84	87
יתרו	89	85
משפטים	94	90
תרומה	100	95
תצוה	106	101
תשא	112	107
ויקהל	118	113
פקודי	125	119
ויקרא	135	129
צו	142	136
שמיני	148	143

תזריע	149 — 154
מצורע	155 — 161
אחרי	162 — 168
קדושים	169 — 174
אמור	175 — 180
בהר	181 — 168
בחקותי	187 — 192
על החינוך היהודי	201 — 195
על החינוך היהודי	202 — 208
על החינוך היהודי	209 — 215
פורים	219 — 226
פורים	227 — 233
פורים	234 — 242
חודש ניסן	245 — 250
קידוש החמה	251 — 258
פסח	261 — 269
פסח	270 — 276
פסח	277 — 283
יום האבל	287 — 295
יום העצמאות	296 — 300
יום העצמאות	301 — 307
יום העצמאות	308 — 312
ל"ג בעומר	313 — 320
רמב"ם ביבליאגראפיע	323 — 355